קריטיק ביבליאטעק
און
ליטעראטור-געשיכטע



די
א·קאָכאלניק

דעם [illegible]
פֿון [illegible]
דעם 24. VI. 1934

ד"ר. א. קאָראַלניק

# ווידערקלאַנגען
# און
# ווידערשפּרוכן

ערשטער טייל

פֿאַרלאַג „אחיספר"
בײַ נעז. „צענטראַל"
װאַרשע נאַװאַליפּקי 7.

Copyright by Dr. A. Coralnik & S. Sreberk NEW-YORK 1928

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki 6.

# אינהאַלט:

זייט


דער עסעיִסט . . . . . . . I—V

1) אין אַ קליין חדרל . . . . . 5
2) די אָקסן פון מצרים . . . . . 12
3) די אייביקע עקדה . . . . . 18
4) די יידישע אילוזיע . . . . . 24
5) פון אַ טויטער וועלט . . . . . 32
6) „אַנטי־גוייזם" . . . . . 38
7) דער „יידישער אינטעלעקט" . . . . 45
8) „זאַלץ אויף די וווּנדן" . . . . 51
9) „שלום אויף דער נביאים־זייט . . . 57
10) נאָך עלטער? . . . . . 64
11) דער שטריק און דער תהלים . . . 71
12) דער יידישער וועג . . . . . 78
13) אַרום דעם צענטער . . . . . 84
14) דער קראַנץ פאַר דעם ארון . . . . 91
15) אָן מזל . . . . . . 97
16) דאָס פאַרשלאָסענע בוך . . . . 103
17) אַבי לעבן? . . . . . . 109
18) „ציוויליזאַציאָן" און „קוגליזאַציאָן" . . . 115
19) יידנטום־רעצעפּטן . . . . . 122
20) ווי מיר זעען עס. . . . . . 135
21) אַ בונט שליסלען. . . . . . 142
22) אין וועמענס נאָמען? . . . . . 147
23) דער שווערער וועג . . . . . 153
24) דער נייער גאָט . . . . . 159
25) דער הימל־גייער . . . . . 166

26) אַרום דעם ברענענדיקן־דאָרן . . . . . 172
27) פּרץ און דזשאַז . . . . . . 178
28) די טראַגעדיע פון חסידיזם . . . . . 185
29) די יידישע פאָרם . . . . . . 192
30) נייע הימלען און אַלטע קליידער . . . . 198
31) צו שפּעט . . . . . . 204
32) דער וועג פון גייסט . . . . . 211
33) נדבה און צדקה . . . . . . 219
34) שפּיץ־מעסער־יידנטום . . . . . 224
35) אויף גלייכע וועגט . . . . 231

# ווידערקלאנגען
## און
# ווידערשפּרוכן

# ערשטער טייל

# דער עסעיסט.

במקום הקדמה.

אַ מתּנה ראובן בריינין.

אין אַ וועלט פון זיכערע, זעלבסטזיכערע, — שטייען ווייניקע, געציילטע, אומזיכערע. יעדער באַזונדער גייט זיך זיין וועג. יעדער ווייסט, וואָס זיין עובדא אין אין דער וועלט, צו וואָס ער איז באַשאַפן, וואָס איז דער זין פון זיין לעבן און שאַפן. יעדער אויף זיין אָרט — פלאַנצט עפּעס און וואַרט ביז די פרוכט ווערט רייף, אויף אַלע געביטן — מאַטעריעל און גייסטיק. און דאָס פלאַנצן און וואַרטן הייסט — באַרוף, איז אַ ציל. דער פּאָליטיקער האָט אַ באַרוף — פירן די געזעלשאַפט, די מענטשן פון זיין צייט, שאַפן געשיכטע. דער פּאָרשער, דער דענקער, — זייער לעבן איז איבערטראַכטן די אַלטע פּראָבלעמען, איבערפּרוּווען די גרייטע ענטפערס, געפינען נייע דערקלערונגען, עפענען נייע וועגן. פון די קינסטלער שוין גאָר אָפּגערעדט. זיי זענען די זעלבסטזיכערסטע מענטשן פון דער וועלט. זיי גלויבן אין זיך, אין זייער אויפגאַבע, אין זייער שליחות. שוין דאָס געפיל אַליין, אַז זיי שאַפן, אַז זיי האָבן די זכיה, ווי געטע האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „צו זאָגן, וואָס זיי ליידן“ — מאַכט זיי גליקלעך, דערהייבט זיי אין זייער אייגענעם באַוווסטזיין.

און יעדער פון זיי ווייסט — ער האָט אַ „מלאכה“, אַ פעסטן ציל, אַ באַשטימטע אַרבעט, אַ זיכערן וועג אין לעבן

נאָר ווייניקע, געציילטע, בלאָנדזשען אַרום אין דער וועלט פון גייסטיקע ווערטן, גייען אַרום אין דער גרויסער, רייכער וועלט און— ווייסן נישט, וואָס זייער באַרוף איז. זיי זענען, ווי מוזיי-באַזוכער. פון איין בילד צום צווייטן, פון איין סטאַטוע צו אַן אַנדערער, דאָ

אַן איינדרוק, דאָרט אַ שטימונג, אַן עקסטאַז אָדער אַן אַנטטוישונג — און דערנאָך שליסט זיך דער מוזיי, זיי גייען אַרויס אין דער גאַס מיט אירע אומגעריכטיקייטן אָדער באַנאַליטעטן און פילן זיך אַזוי איינזאַם, אַזוי עלנט.

דאָרט — אין דעם מוזיי — איז קונסט, איז אַ שפּייכלער מיט פּרוכט — רייפע אָדער גרינע — אָבער פאָרט. דאָ — אויף דער גאַס — אַ נאַיוו אָבער שטאַרק, אָן־קשיותדיק לעבן. זיי אַליין זענען צווישן. נישט שאַפן און נישט נאַיִוו געניסן. תּמיד זוכן, שטענדיק פרעגן און אייביק, אייביק זיין אומזיכער אין זיך, אומצופרידן מיט זיך.

ער פּרוּווט געבן אַ פאָרם, אַ לבוש צו זיינע אייגענע געדאַנקען און איינדרוקן. אָבער די פאָרם צעשווימט אונטער זיינע הענט. עס פעלט אים דער מאַסיווער מעטאַל, די „ליגאַטור“, וואָס זאָל צוזאַמענהאַלטן דעם פליסיקן, הייסן גוס. ער האָט נישט געפלאַנצט, און קאָן דערפאַר נישט וואַרטן אויף פּירות. ער האָט נישט קיין פּרוכט — ער האָט בלויז ב ל ע ט ע ר. אָפּט זייער שיינע, קונציקע, געצוקטע, פאַרביקע, אַמאָל בונט און קאָלירט, ווי אַ דרום־בוים אין זומער, אָבער צום רוב רויטלעך־גאָלדיק, אָדער צימרינג־פאַרביק, ווי די בלעטער אין הערבסט.

דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן געבן. פ אַ ר ז ו כ ן, אָנהייבן, נישט־פאַרענדיקטקייטן. אָדער — בלעטער פון זיין נשמה.

שוין דער נאָמען אַליין איז כאַראַקטעריסטיש: „עסעי“ — „עסעיִסט“.

דער דיכטער שאַפט אַ ווערק. דער מוזיקער רופט עס אַפילו אָן נאָך גרויסאַרטיקער, מיט דעם אַלטן לאַטיינישן נאָמען „אָפּוס“. יעדער דענקער שאַפט, ווי אַריסטאָטעל, אַן „אָרגאַנאָן“, ד. ה. אינסטרומענט, ווערק, געבוי. דער „עסעיִסט“ אַליין שרייבט „פאַרזוכן“. ער פּרעטענדירט אַפילו נישט אויף „ווערק“. ער איז באַשיידן. ער קומט נישט צו דער וועלט: נעמט אָן מיין תּורה, לערנט פון מיר, אָדער לאָזט אייך פאַרצויבערן פון מיין טאָן, פון מיין פּערזענלעכקייט, לאָז מיין לעבן ווערן אייערס, — ווי דער קינסטלער וויל.

ער — דער עסעיִסט — קען זיינע גרענעצן. נישט קיין תּורה און נישט קיין לעבן וויל ער געבן, נאָר אַ ביסל פון זיך, בלעטער פון זיין שטאַם. און די בלעטער פאַלן. אָפּט צעטרעט מען זיי און מען קוקט זיך אַפילו נישט אום. און קיינער ווייסט נישט, קיינער

פילט נישט, וויפל צער, וויפל פערזענלעכער גורל, וויפל איבערלעבונג ליגט אין אזא רויט־צימרינגענעם בלעטל, וואס ליגט אויף דער ערד.

אמאל קומט א מענטש מיט שטימונג און מיט א פיין ארגאני־זירט אויג און דערזעט דאס בלעטל. ער הייבט עס אויף, לייגט אים אריין אין זײן אלבאם — בלעטל צו בלעטל — און עס ווערט א מין „הערבאריום״, אבער א הערבאריום נישט פון בלומען, זאל זיין אפילו געטריקנטע, נאר פון בלעטער, וואס האבן קיינמאל קיין פרי נישט באקראנצט.

און פלעכט אמאל צונויף א קראנץ פון אזעלכע בלעטער — ווער דארף אים?

נעמט די גרעסטע „עסעיִסטן״ פון דער וועלט: מאנטען, דעם פאטער פון דעם מין — אין פראנקרייך און בכלל; וואלטער פאטער אדער טשארלז לעם אין ענגלאנד. געוויס, זיי זענען אריין, אזוי צו זאגן, מיט ביידע פיס אין דער וועלטליטעראטור, זייערע נעמען שטייען אין אלע ענציקלאפעדיעס, אין אלע טעקסט־ביכער, זייערע ווערק זענען פאראן אין אלע ביבליאטעקן.

אבער — לייענט מען זיי? און ווען מען לייענט זיי אמאל פון נייגיר — פילט מען זיי, האט מען א באציונג צו זיי? איר קאנט עד היום לייענען אוויד אדער דאנטע, אדער אפילו קלענערע קינסטלער. ווייל געשטאלטן בלייבן, און אויך מאטיון. פונקט אזוי ווי איר קאנט תמיד זען סטאטוען, ווי אלט זיי זאלן נישט זיין, און הערן מוזיק, אפילו ווען זי איז די עלטסטע. מער הנאה, וויניקער הנאה, אבער דער איינדרוק איז פאראן, און אויך א באציונג, און אויך א באפרוכטונג.

אבער מאנטען אדער לעם זענען דאך בלויז מענטשן, וואס זיצן מיט אייך ביי א ווינטערדיק פייערל, אדער גייען מיט אייך שפאצירן אין א וואלד — און רעדן, און שמועסן. א ביסל השתפכות הנפש, א ביסל הומאר, א סך ספק, און נאכמער אינטימיטעט. זיי זענען דאך די שפילער פון „אונטערטענער״, אט פון די טענער, וואס די גרויסע פידל קאן גאר אפט נישט ארויסברענגען. דאס, וואס איז ביים שאפנדיקן א נאכקלאנג, דארט, ווו עס ענדיקט זיך אייגנטלעך דער קלארער טאן, די ליניע, די באלייכטונג — דארט, ווו עס הייבט זיך אן דאס אומבאשטימטע, דאס, וואס פארלירט זיך ערגעץ ווייט, וואס האט נישט קיין פאר״ם — דארט איז דאך דאס געביט פון דעם

„עסעיִסט". און ווער קאָן עס הערן, ווען ער איז צו ווייט. ווער קאָן פילן אינטימיטעט — מיט דעם פאַרגאַנגענעם? און אַלצדינג אין דער וועלט איז דאָך — פאַרגאַנגענהייט.

* * *

און דאָך — האָבן די „עסעיִסטן" אויך אַ פּלאַץ און אַ באַרוף, בלויז זיי ווייסן עס נישט. אפשר זענען זיי די איינציקע, וואָס האָבן ליב. דאָס איז דאָך סוף כל סוף די גרעסטע, די מענטשלעכסטע קונסט. ווער קאָן ליב האָבן? ווער קאָן זאָגן פאַר זיך: „פאַרציי מיר, גאָט, ווייל איך האָב תמיד ליב געהאַט"? ווייניק האָבן דעם טאַלאַנט. און ווייניקער פון אַלע — די שאַפנדיקע. יעדע שאַפונג איז עגאָיִסטיש, אָדער פּירט צו עגאָיִזם: די ליבע צו דעם אייביקן ווערק איז סוף כל סוף אויך בלויז די ליבע צום אייגענעם איך. דער שאַפנדיקער איז בלינד — פאַר אַלעמען — אויסער זיין איך-ווערק. ער זעט די וועלט נישט מיט אָפענע אויגן, נאָר דורך אַ שפּעלטעלע פון זיין אויג, און זעט דערפאַר גרויסע וואונדער. די זונשטראַלן האָבן דעם שענסטן קאָליר, ווען איר זעט זיי דורך אַ שפּעלטעלע. אָבער — ליב האָבן דאָס זונליכט ווי עס איז — קוקן מיט אָפענע, ווייט, טויערן-ווייט געעפנטע אויגן, נישט מורא האָבן פאַר בלינד ווערן — קוקן אויף דעם ליכט מיט טרערן אין די אויגן — דאָס איז ליבע און דאָס איז די באַציִונג פון דעם „פּרוּווער". ער האָט ליב די וועלט, אַפילו ווען ער איז פּעסימיסטיש. ער האָט ליב דאָס ליכט, כאָטש ער אַליין פאַרשטעלט זי דערנאָך מיט אַ מאַטן אַבאַזשור. און ער האָט ליב מענטשן און מענטשן-ווערק, אַפילו ווען ער איז איראָניש. די איראָניע אַליין איז אויך בלויז אַן אַנדער אויסדרוק — אָדער אַ דעקמאַנטל — פאַר פאַרליבטקייט. מען האָט אַזוי ליב, אַז מען שעמט זיך, אַז מען האָט מורא פאַר לעכערלעכקייט און סענטימענטאַליטעט — און מען פאַרדעקט די געפילן, מען סטיליזירט זיי, פאַרדייקנט זיי.

דער עסעיִסט האָט אייגנטלעך מער נישט וואָס צו געבן,

מער נישט וואָס צו זאָגן — אַ חוץ זיין גרויסער ליבע צו שיינקייט און גייסטיקייט אין דער וועלט. ער וויל אַפילו נישט פאַרמיטלען, נישט פאַרמעקלערן די שיינקייט, נישט אויסטייטשן און פאַרטייטשן זי. ער איז גאָרנישט זיכער, אַז זיין טייטש איז אַ ריכטיקער. ער פרוּווט בלויז אָנווייזן דעם צווייטן: קוק, די זון! זע דאָרט, וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע שיינקייט! ער פילט די רייכקייט — און זעט די ענגשאַפט פון דעם מיטל, יעדן מיטל, זי אויסצודריקן; די קליינקייט פון יעדער כּלי, אַפילו ווען זי איז גרויס, ווי דער אָקעאַן.

„דער מענטש, וואָס איז אינגאַנצן פּנים" — אַזוי האָט אַמאָל מאָנטען זיך אַליין אויסגעמאָלט. אַ פּנים, וואָס זעט, וואָס רעאַגירט אויף אַלעמען, און אַ פּנים, וואָס איז די מאַסקע פאַר טיפקייטן, ווי דאָס וואָרט קאָן נישט מער אַריינדרינגען. ער האָט דערמיט געשאַפן אַ בילד פאַר די עסעיִסטן פון אַלע דורות. אפשר — דאַרף די וועלט האָבן אַזאַ פּנים אויך! אפשר האָט אַן אַלבאָם פון שיינע בלעטער אויך אַ קולטורוואָרט! ווער ווייסט?

# אין אַ קליין חדר.

עס איז אַן אַלטער אמת: מען זעט מער אין אַ טראָפּן וואַסער — אונטער אַ מיקראָסקאָפּ — ווי אין דעם גרויסן אָקעאַן. עס איז נישט בלויז „אַ וועלט אין קליינעם פאָרמאַט“, עס איז אויך מער רייכקייט. דאָס רייכסטע, דאָס גרעסטע, דאָס וווּנדערלעכסטע און ווּנדערפולסטע איז — די צעלע.

אָבער — איין באַדינג — מען מוז קוקן דורך אַ מיקראָסקאָפּ. פיזיש אָדער גייסטיק. דאָס מיינט, מען מוז קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, די גאַנצע גייסטיקע זעונגסקראַפט, אויף איין פונקט — און אים מאַכן פאַר אַן אויסגאַנג.

איך טראַכט זיך אָפט — צוקוקנדיק צו דעם שטורעם־אין־גלאָז־וואַסערדיקן יידישן לעבן, צוהערנדיק זיך צו די רעשיקע ווערטער, שטייענדיק אָפט אינמיטן געדיכטן פונם קאַמף: וואָס איז דאָ דער תוך, ווו איז דאָ דער קערן? איז דאָס נישט ווי אַ טולפּאַן: אַ שיינגעפאָרמטער בלעטערבעכער, אָבער צענעמט איר די בלעטער, צעפליקט איר זיי — און עס איז אַ חלל. אָדער — אפשר אין אַ ווייניקער „פאָעטישן“, נישט אַזוי ראַפינירטן בילד: אַ ציבעלע. איר שיילט און שיילט — און ווײנט דערביי — און ווען אַלצדינג איז אָפּגעשיילט — און די טרערן זײַנען געווען אומזיסט. עס האָט זיך נישט געלוינט.

איך קוק זיך צו צום יידישן „מאַקראָקאָזם“, צו דער גרויסער און ברייטער יידישער וועלט — און פאַרליר דעם פאָדעם, אמת, עס איז נישט בלויז אַזוי אין דעם יידישן תהום. דער פאָדעם ווערט סיי ווי סיי, אומעטום און תמיד, פאַרלוירן אָדער אָפּגעריסן. אָבער אַנדערע זוכן אים נישט מיט אַזאַ התלהבות. זיי דאַרפן עס נישט.

זיי קאָנען זיך באַגיין אָן אים. און בלאָנדזשען זיי — אַרט זיי אויך נישט. דאָס לעבן אַליין איז פאַר זיי אַ צוועק.

יידן מוזן זוכן אַ פאָדעם, זיי טאָרן נישט פאַרבלאָנדזשען, זיך פאַרלירן אין דעם לאַבירינט, ווייל זיי מוזן האָבן אַן אויסוועג.

און ווו איז דער פאָדעם?

אַ קליין, זייטיק, פאַררוקט צימערל אין דער ניו-יאָרקער „פּאָבליק לייבראַרי", אין דער גרויסער ביבליאָטעק אויף דער פינפטער עווענין. ניו-יאָרק פייערט איר „דרייהונדערט-יאָריקן יובילײ", און צוליב דעם האָט די ביבליאָטעק איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון זעלטענע, אַלטע ביכער, דאָקומענטן און מאַנוסקריפּטן. די גרויסע זאַלן זענען אָפּגעגעבן פאַר ניו-יאָרק. קוריאָזע ביכער און קאַרטן, דאָקומענטן פון דער צייט, ווען עס איז נאָך נישט געווען נישט קיין ניו-יאָרק און נישט קיין מאַנהעטען, נאָר פשוט „האָדסאָן בעי".

אינטערעסאַנט — אָבער נישט מער. געווען אַ קליינע אינדזל-אויסגעוואַקסן אַ וועלטשטאָט. גרויסאַרטיק, געוויס, אימפּאָנירנדיק, אָבער סוף כל סוף נאַטירלעך. פון דעם כאַאָס — אָרדענונג, פון קליין — גרויס. עס איז שוין נישט איינמאָל אַזוי געווען — עס וועט נאָך ווייטער אַזוי זיין. די געשיכטע איז מאָנאָטאָן, זי חזרט זיך איבער.

און זיי ווייסן גאָרנישט, די באַזוכער און באַקוקער פון דער אויסשטעלונג, אַז אין דעם זייטיקן צימערל, דעם קלענסטן פון אַלע — ליגט אַן אוצר, וואָס איז ווichtיקער אַפילו פון ניו-יאָרקס גרויסקייט.

אויפן ערשטן קוק — בלויז ביבליאָגראַפישע זעלטנהייטן. דער עלטסטער מאַנוסקריפּט פון דער ביבל — ביז נישט לאַנג האָט מען געהאַלטן די באַרימטע פעטערבורגער ביבל פאַר דער עלטסטער, — דאָס ערשטע געדרוקטע בוך אין אפריקע, אַבוראַהאַנס קאָמענטאַר אין העברעיש און נאָך אנדערע אַזעלכע אַנטיקן. דער צוזאַמענשטעלער פון דער זאַמלונג, דער לייטער פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דער ביבליאָטעק, דר. י. בלאָך, האָט מיר געוויזן מיט שטאָלץ און ענטוזיאַזם דידאָזיקע אַלע זעלטענע אוצרות פון ביבליאָגראַפיע. און אויף אַ מינוט האָט אויך מיין ביכערהאַרץ אויפגעציטערט.

אָבער באַלד האָט מיר פאַרכאַפּט אַן אַנדער אינטערעס. איך האָב דערזען פאַר מיר דאָס לעבעדיקע יידנטום און זיין משונהדיקע

אוואנטורישקייט. און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד בין איך געגאַנגען אין דעמדאָזיקן קליינעם חדר, געשטאַנען שעהנווייז פאַר די גלעזערנע קעסטלעך און געקוקט — און איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַלטן גייסט־אַלט און שטאַרק — עז ממות.

אָט איז אַ קאַסטן: שומרונים. אַ שומרונישער חומש פון דעם דריטן יאָרהונדערט, געשריבן אין כנענישע אותיות. ווונדערלעכע אותיות, וואָס דערנענטערן אונדז צו די גאָר אַלטע צייטן, וואָס שפּאַנען אַ בריק צווישן יידן און מזרח, וואָס פירן אונדז אַריין מיטאַמאָל אין דער אַטמאָספערע פון דעם אַלטן, רעטענישדיקן לעבן אַרום דעם מיטללענדישן ים, אַזוי צו זאָגן, די הקדמה צו דער גאַנצער מאָדערנער קולטור. און אין דעם מאַנוסקריפּט אַ באַמערקונג: „געשריבן פון מיר, אברהם בן ישראל, בן אברהם, בן יוסף, דער מלך פון ישראל". ווער איז דער יוסף — דער מלך פון ישראל? און וואָס האָט ביי די שומרונים געהייסן אייגנטלעך ישראל? וואָלטן זיי מיך, וואָס שטייט און קוקט אויף דעם מאַנוסקריפּט מיט די פירעקיקע אותיות, אויך דערקענט אַ זון פון ישראל? און זענען מיר טאַקע פון איין שורש, מיר, די יידן פון היינט, און זיי, די היטער פון דער געשיכטע? זענען זיי געשטאָרבן, כדי מיר זאָלן לעבן? זענען מיר — זייער זין און זייער דערגרייכונג?

שומרונים — זייערע ספרים, זייער לוח, זייערע תפילות — פון טויזנטער יאָרן אויף דער אייגענער ערד, אין שכם, אויף דעם הר־גריזים, די איינציקע געטרייע „שומרונים". אויסגערונען זייער בלוט, קוים, קוים, וואָס זיי האַלטן זיך ביים לעבן. נאָך אַ ביסל און זיי וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן. אָפּגעהיט די נחלה פאַר זייערע היסטאָרישע קאָנקורענטן, פאַר זייערע פיינטלעכע ברידער. אָפּגעהיט די ירושה פאַר די וואַנדערער, וואָס הייבן אָן צוריקצוקומען. און נאָך די תושבים, נאָך די, וואָס זענען געבליבן געטריי צו דער ערד — די וואַנדערער, וואָס זענען געווען געטריי צו דעם זין פון דער ערד.

אָט זענען די קראים — די, וואָס האָבן גענומען זייער יידנטום צו בוכשטעבלעך, די נישט צוגעפּאַסטע, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען זייער לעבנסאויפגאַבע. חומשים, תפילות, דינים פון ענן — דער גרינדער פון דער קראים־סעקטע. איך לייען איבער אַ כאָר ווערטער אין אַן אַלטער קראַישער סליחה: „שמעו זאת חרדים ושבים כי מאד גדולה הרעה". און עס נעמט אַרום אַ מין רחמנות־געפיל מיט

ייִדן, וואָס האָבן זיך איינגעצאַמט, פֿאַרשפּאַרט, אָפּגעריסן — און „חרדים", אויך „שבים", זיי האָבן מורא, זיי „קערן זיך אום" — און פֿילן זיך עלנט, אַ דאַרער צווייג פֿון אַ זאַפֿטיקן בוים.

די געשיכטע האָט זיך מיט זיי נישט גוט באַגאַנגען. זי האָט זיי אַרייַנגעוואָרפֿן צווישן טאָטערן, זי האָט זיי געמאַכט כּמעט פֿאַר־טאָטערן. אָט איז אַ בּיבל אין טאָטערשער שפּראַך — מיט העבּרעישע בוכשטאַבן. און עס דערמאָנט זיך דער טאָטער — מיט זיין געלן פּנים, רויטער באָרד, מיט זיין קיילעכדיק היטעלע אויפֿן קאָפּ און אין אַ כאַלאַט; גייט אַרום איבער די גאַסן פֿון די רוסישע שטעט און שרייט: שורום־בורום — אַלטע קליידער צו פֿאַרקויפֿן. און אפשר זענען דידאָזיקע „טאָטערן" אויך געווען ייִדן, קראים. אפשר איז „אַכמעט" און אַבדולאַ געווען אויך אַ ברודער — בלויז מיר האָבן אים נישט דערקענט?

פּערסיע קומט. אַן אַנדער לעבן, אַן אַנדער גייסט. עס דער־פֿילט זיך די ברייטקייט פֿון דעם אַלטן באַרגלאַנד. ספרים פֿון אַלער־ליי אינהאַלטן, פֿרומע און וויניקער פֿרומע, לידער, ראָמאַנען, דער ראָמאַן פֿון „אַזאַשיר און עזרא", ד. ה. פֿון עזרא און אחשורוש דער מלך פֿון פּרס — מיט זייער שיינע, פֿאַרביקע אילוסטראַציעס. אחשורוש זיצט אויפֿן טראָן, א פּערסער, מיט אַ קאָזאַקן־פּנים, מיט לאַנגע קאָ־זאַקנוואָנצעס — און פֿאַר אים קניען צוויי ייִדן, איינער פֿון זיי איז עזרא. אַ טעמפּער קוק אין אחשורושעס אויגן — שטאָלץ און זיכער־קייט אין דער געבוקטקייט פֿון עזרא. מער ראָמאַנען — וועלטלעכע. דער ראָמאַן פֿון שאַהין ניזאַמאַ און אַנדערע. אַלע אין „ייִדיש־פּערסיש". אַן אָנהייב פֿון אַן אייגענער „ייִדישער" ליטעראַטור. אַן אָנהייב, וואָס האָט נישט געהאַט קיין המשך. אָדער — אפשר, ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך צווישן די מאַסן פֿון די פּערסישע ייִדן?

וואָס ווייסט מען דען בכלל פֿון זיי — אָט די ווייטע, פֿאַרוואָר־פֿענע, פֿון די „אָפּשניצלעך" פֿון דעם ייִדישן בוים? אַ מערקווירדיקע זאַך — די עלטערע זענען געוואָרן די ייִנגערע, די יונגע זענען גע־וואָרן די זקנים. וואָס איז דען געווען אונדזער מערבֿ־אייראָפּעיִש, אָדער מזרח־אייראָפּעיִש ייִדנטום אין דער צייט, ווען די פּערסישע ייִדן האָבן געשפּילט די גרענדע? באַרבאַרן אין באַרבאַרנלענדער, סלאַוויזירטע, גערמאַניזירטע, פֿאַרגראָבטע כּטעפֿן־ייִדן, וואַלד־ייִדן, שוין כּמעט אָן אַ ייִדישער צורה. און דעמאָלט האָט פּערסיע געהאַט די

גרויסע ישיבות, גאונים, לומדים, דענקער און שריפטשטעלער. דעמאָלט איז דער יידישער שטאָלץ געווען — דאָרט אין דעם הויכגעבירג פון איראַן. און היינט — קוקן די פערסישע יידן מיט קנאה און מיט בעטנדיקע אויגן צו זייערע יינגערע, דערוויטערטע, אויפגעקומענע ברידער -- און זוכן ביי זיי אַלצדינג — אַפילו יידישקייט.

אַדער — אַט אַן אַנדער בילד. אַן אַנדער לאַנד, כינע. דער גרעסטער סוד פון דער יידישער געשיכטע. ווער זענען געווען די כי-נעזישע יידן? פונוואַנען זענען זיי געקומען? געלע, צעפיקע, טיפישע כינעזער. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ ווינט האָט פאַרטראָגן אַהין אַ פּאָר יידן פון ירושלים און געפּעפנט אַ וועג פאַר דעם יידנטום אין דער פאַרשלאָסנסטער פון אַלע לענדער. אין דער שטאָט קאַי-פונג-קו איז מיט יאָרן צוריק אַ „יידישער טעמפּל". אין די אַלטע מאַנוסקריפּטן איז פאַרבליבן אַ פּלאַן פון זיין בנין. אַ כינעזישע פּאַגאָדאַ, כינעזיש אין סטיל און געשמאַק — און דאָך — יידיש. דאָ האָט איר דעם „כסא משה", דאָרט אַ טיש פאַר ווייררויך, אפילו אַ טיש פאַר קרבנות — ווייטער — אַ זאַל, וווּ מען פלעגט אויפנעמען דעם „טשאַאָ", דעם גובערנאַטאָר פון דער שטאָט — און נאָך און נאָך אזעלכע קור-יאָזע זאַלן און חדרים. כינעזיש און אוראַלט-יידיש אין אַ מערקוויר-דיקער מישונג, אָבער איבער די אַלע קוריאָזיטעטן דערהייבט זיך איין פּאָרטאַל — און אויף אים איז געווען איינגעקריצט דער אַלט-יידישער לאָזונג „שמע ישראל".

פאַרשוווּנדן דער געלער, כינעזישער ייד. עס איז כמעט פון אים נישט געבליבן קיין זכר. אָבער דאָ קומט — אין 1875 — אַ רו-סישער ייד, אַ געוועזענער וואָלאָזשינער ישיבה-בחור, קיין כינע. זיין נאָמען איז שמואל שערעשעווסקי, אָבער דערצו אַ טיטל: רעווערענד. ער איז אַ בישאָף, אַ מיסיאָנער. דער רוסישער ייד איז געוואָרן אַ קריסטלעכער מיסיאָנער אין כינע. ער איבערזעצט דעם תנ"ך אויף מאַנדאַריניש. און אָט איז זיין בילד. אַן אַלטער ייד — אַ רב אין אַ מיסיאָנערישער מאַסקע – זיצט ביי אַ טיש, און לעבן אים צוויי כינעזער. זיי לערנען — די תורה אויף כינעזיש.

אַזוי אָדער אַנדערש, – אויף דעם יידישן וועג אָדער אויף אַ קריסטלעכן — דער ייד איז געקומען מיט זיין איינציקן בוך — פאַר-שפּרייט אים צווישן געלע. און רעווערענד שערעשעווסקי האָט דער-ציילט זיינע כינעזישע צוהערער פון אבלהם און שלה, פון משה און

אהלון — אַזוי האָבן די כינעזער יעדנפאַלס די כינעזער אַרויסגערעדט דידאַזיקע נעמען — דערציילט אין דעם אוראַלטן לאַנד פון אַ נאָך עלטערער, נאָך אייגנאַרטיקערער, אומפאַרשטענדלעכער קולטור.

זיי זענען רירנדיק — אָט די פראַגמענטן, וואָס זענען פאַרבליבן פון די כינעזישע יידן. רירנדיק אפילו אין זייער קאָמיזם, אפילו ווען זיי פאַרבייטן די יידישע אותיות אויף כינעזישע, פּלאָנטערן זיך צווישן אַ „ר" און אַ „ל". צו ווייט איז דער צווייג געווען פון דעם שורש — ער איז פאַרדאַרט געוואָרן.

געלע יידן — אָבער באַלד קומען שוואַרצע. פון אינדאָכינע, פון קאָכינכינע. און עס שווימען אַרויס אינדישע יידן, דינע און ברוינע, ווי דער אינדיער אַליין. אַן אינדישע אגדה — פון קאַלקוטאַ, מיט אילוסטראַציעס. ביים טיש זיצן יידן און ריכטן אָפּ דעם סדר. אָנגעטאָן ווי הינדוס, זעען אויס ווי בראַמאַנען — און דאָך — יציאת מצרים און אויך: לשנה הבאה בירושלים.

איר קוקט זיך איין ווייטער — און איר זעט אָפּשטראַלונגען פון אַ טיף־יידישן לעבן. אינדיש־אַסימילירט, מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבן. אפשר אַסימילירטער, ווי די יידן אין אייראָפּע און אַמעריקע. די תורה אין איבערזעצונגען אויף מאַהראַטי, דער שפּראַך פון בענגאַל, אויף פונאַ, אויף מאַלאַיש, תפילות — אויף הינדוסטאַניש. און אָט איז גאָר אַ בראָשורע אין מאַהראַטי: פאַרוואָס בין איך אַ ייד — געשריבן פון דוד שלמה פּעזשאַרקאַר, באָמביי, 1895. דער ייד פון באָמביי ראַנגלט זיך מיט זיין געשיכטע, דאַרף זי אויך דערקלערן „פאַרוואָס" ער איז אַ ייד, פונקט ווי ביי אונדז. דערקלערט — און ווייסט גאָרנישט, אַז עס באַדאַרף גאָרנישט דערקלערט ווערן. אַזוי איז דאָס. אַ מיסטישע קראַפט, ציט, צווינגט, האַלט און פירט. זי פירט אויף די וווּנדערלעכסטע וועגן — ערגעץ־ווו.

תימן, טאָטערלאַנד, פּערסיע, אינדיע, קאָכינכינע, אַפריקע — ווו נישט? און אומעטום אַסימילירט - און שטענדיק אַליין, פאַר זיך אַליין.

און תמיד צוויישפּראַכיק, העברעיש און טאָטעריש, העברעיש און מאַלאַיש, העברעיש און כינעזיש.

און ווידער איז עס מיר קלאָר געוואָרן — אַז אַזוי מוז עס זיין. מען רעדט אין דער לעצטער צייט אין יידיש־יידישיסטישע קרייזן — פון דער „הייליקער יידישער שפּראַך", פון דער „איינציקער

יידישער שפּראַך". מען וויל נאָרמאַלקייט, איינהייטלעכקייט און מען פאַרגעסט, אַז די גאַנצע קראַפט און שיינקייט פון דעם יידנטום איז אין זיין — צווייקייט און צעשפּאָלטנקייט.

אינדיע האָט דאָך זיכער אויך איר „יידישיזם". מר. פּעזשאַרקאַר פון באָמביי פּרעדיקט אפשר אויך פאַר דער יידישער יוגנט וועגן דער „הייליקער" און „איינאיינציקער" יידיש-יידישער מאַהראַטי שפּראַך. און פאַרוואָס נישט? האָבן דען די יידן פון אינדיע נישט גערעדט מאַהראַטי אָדער טאַמיל אָדער מאַלאַיש אָדער פּונאַ פון זינט — זיי געדענקען די געשיכטע פון זייער ישוב? זענען דאָס נישט די שפּראַכן פון זייער בענקשאַפט, פון זייער האַרציקייט, פון זייערע תּפילות אַפילו?

די שפּאַניאָלן האָבן שוין אַזאַ באַוועגונג. די „עספּעראַנצאַ" אין סאַלאָניקי, אין סאַראיעוואַ, אין די באַלקאַנלענדער. אפילו טוניס און מאַראָקאָ קעמפט פאַר דער איינאונאיינציקער יידישער שפּראַך — דער אַלטשפּאַנישער, דער שפּאַניש-יידישער. עס וואַקסט דאָרט אויס אפילו אַ ליטעראַטור אויף דער שפּראַך. עס איז פאַראַן אַ גאַנץ גרויסע שפּאַניאָלישע פּרעסע, יעדנפאַלס איז זי געווען פאַר דער מלחמה, און ווער גלויבט אין איר צוקונפט?

אָבער — כינעזיש אָדער שפּאַניש, מאַלאַיש אָדער טאָטעריש — איבער זיי אַלע הויערט תּמיד די אַלטע, די פאַרבינדעטע שפּראַך, העברעיש. אַ בריק צווישן צוויי תּהומות — דעם תּהום פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער צוקונפט.

א חדרל — אַ פּאָר קאַסטנס און אין זיי איז באַהאַלטן אַזויפיל ענערגיע. אַ קוואַל פון קראַפט, פון זיכערקייט, פון צוזאָג.

ווי בונט זענען דיינע געצעלטן, יעקב! און ווי צאַבענטייער-פול!

# די אָקסן פון מצרים.

## 1

פאַר דעם קבר פון פּרעה־טוּט אַנכאַמען האָבן די מצריים געבּרענגט
אַ קרבּן. אויפגעשטעלט אַ מזבח אינמיטן שטאָט, געבּרענגט צוויי ווייַ=
סע אָקסן און געשאָכטן זיי.

ווי עס האָט זיך געפירט מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אָט דעמאָלט,
ווען משה מיט אהרנען האָבן זיך נאָך געשפּילט אין מצרים-זאַמד,
און ווען דער מלאך גבריאל האָט נאָך נישט געטראַכט דערפון, צו קו=
מען אין חלום צו דעם זון פון אַבדאַלאַ און אמינא, אין מעקא, און
בּרענגען אים, מאַכמעדן, דעם הייליקן קאָראַן.

עס וויגט זיך דער מזרח, ווי עס שטורעמט דער מערב. עס שאָק-
לען זיך די זיילן פון קריסטנטום. עס טרייסלט זיך אויך דער געבוי
פון דעם איסלאַם. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מען אַראָפּגעוואָרפ=
דעם כאַליף אל-מאימונים, דעם הערשער פון אַלע גלויביקע, דעם פאַרן
טרעטער פון מאַכמעד, און דעם מלאך גבריאל, אויף דער ערד. מוס=
טאַפאַ קעמאַל האָט נישט מורא געהאַט נישט פאַר דעם קאָראַן און
נישט פאַר דער באָרד פון מאַכמעד, דעם נביא. מוסטאַפאַ קעמאַל איז,
ווי מען זאָגט, אַ „דענמא”, אַן אוראייניקל פון יענע שבתי-צביניקעס,
וואָס האָבן אָנגענומען אינאיינעם מיט דעם „משיח” דעם איסלאַם,
אָנגעטאָן דעם טורבאַן — און געבליבן אין האַרצן, אין שטילן —
יידן. אַזוי זאָגט מען, און עס וואָלט געווען אַ שאָד, ווען עס וואָלט
נישט אַזוי געווען. שבתי-צבי, וואָס איז סוף כל סוף גובר דעם פאַ=
דישאַך, דעם „קעניג פון אַלע קעניגן”, דעם כאַליף, דער הערשער
איבער אַלע גלויביקע. די יונג־טערקן פון סאַלאָניקי — זיי זענען

שוין זיכער „דענמענס" — האָבן עס אָנגעהייבן, מוסטאפאַ קעמאַל האָט עס פאַרענדיקט. און מאַכמעדס נביאות און מלאך גבריאלס שליחות איז אין סכנה.

עס פילט זיך אין דער לופט. דער איסלאַם, איינע פון די שטאַרקסטע, פעסטסטע, זיכערסטע אָרגאַניזאַציעס פון דער וועלט, האַלט אין צעפאַלן ווערן. ער גייט צוריק צום מקור פון דער רעליגיע, צו דער ראַסע. דאָס בלוט רעוואָלטירט קעגן דער אידעע. דער מענטש איז מורד קעגן דער געשיכטע.

נישט צום ערשטן מאָל. די געשיכטע פון די כאַליפן, פון דעם איסלאַם, איז פול דערפון. דער אייביקער נאַטירלעכער פראָצעס: צוערשט די סוגעסטיווע, מאַכטפולע, אַלצדינג ברענענדיקע אידעע „אין אָנהייב דאָס וואָרט". גאָט איז גאָט און מאַכמעד זיין נביא — פון אַלע מינאַרעטן האָבן עס געזונגען מועזינען, דריי מאָל אַ טאָג, פון מעקאַ ביז סאַמאַרקאַנד און ווייטער, פון דעם רויטן ים ביז צום אַטלאַנטישן. און אַלע פעלקער, וואָס האָבן דעם רוף געהערט, האָבן געזיפצט: „אַלאַ אַכבאַר — אַלאַ איז גרויס". און נישט פרעגנדיק, נישט טראַכטנדיק, געוואָרפן זיך אין קאַמף, צושטערנדיק אַלצדינג אויף זייער וועג. אַלצדינג, אַפילו זייער אייגענע אָרדענונג, זייער פאַרגאַנגענהייט.

נאָך דעם וואָרט — דער געדאַנק, דער ספק. און דאָ קומט שוין די צעשיידונג. אַנדערש האָט מען געדאַכט אין טורקעסטאַן און אַנדערש אין קאָרדאָוואַ. די אַראַבער פון מאַראָקאָ און די פערסיער פון איראַן, די מוסולמאַנען פון מאַדינע און די גלויביקע פון אַל־זשיר — יעדער אויף זיין שטייגער, אויף זיין נוסח. דער איסלאַם שפאַלט זיך, איין כאַליפאַט־דינאַסטיע קעמפט קעגן דער אַנדערער. די אַבאַסידן פון באַגדאַד קעגן די אָמאַיאַדן פון שפאַניע, קעגן די פאַטימידן אין מצרים. אונטער דעם באַרימטן, לעגענדאַריש־קלוגן סולטאַן פון באַגדאַד, האַרון־אַל־ראשיד קומט עס כמעט צו אַן אויסברוך. פערסיע שטורעמט קעגן אַראַביע, דער „אַריער" קעגן דעם סעמיט. האַרון־אַל־ראשיד האָט געפרווט פאַרייניקן די צוויי עלעמענטן. ער, דער אַראַבער, האָט געלאָזט די „באַרמעקידן", די זין פון דעם פערסישן „מאַג" כאַליד איבן באַרמעק, פירן די מלוכה. דער פאַרזוך איז נישט געראָטן, און האַרון־אַל־ראַשיד האָט געהרגעט זיינע פערסישע מ'ניסטאָרן, זיינע אַרישע פריינט. דזשאַפאַר און מוזאַ

אוּז מאַהאָמעד, און ווידער האָט אַראַביע געהערשט איבער דער איסלאַמישער וועלט.

נישט אויף לאַנג. דער טערק איז געקומען. דער אַראַבער האָט זיך צוריקגעצויגן אין זיינע מדבריות, איבערגעגעבן מיט פאַר־קריצטע ציין די ממשלה צו דעם „באַרבאַר”. פיר עלעמענטן, פיר ראַסן: די סעמיטישע אַראַבער, די טוראַנישע טערקן, די „אַריער” אין פערסיע און אין די באַלקאַן־לענדער און די עלטסטע פון זיי אַלע, די רעטעניש־דינסטע פון זיי: די מצריים.

בלוט האָט געקעמפט קעגן בלוט, ראַסע קעגן ראַסע. די טער־קישע יאַניטשאַרן און באַשיבוזוקן, די אַלבאַניער און ארמעניער, די גריכישע פאַנאַריאָטן און די טשערקעסן — מיט דעם קרומען יאַטאַגאַן, מיט דער ביקס, מיט דיפּלאָמאַטישע קונצן, מיט פאַרראַט און סם, מיט פייער און שווערד, האָט דער סולטאַן פון סטאַמבול פאַר אַ צייט צונויפגעהאַלטן די פעלקער און די ראַסן. אָבער צום סוף איז די האַנט מיד געוואָרן, דער שווערד איז געוואָרן טעמפּ, דער פּחד איז אַוועק — און דער איינציקער, גרויסער, מעכטיקער איסלאַם איז צע־פאַלן געוואָרן. אַראַביע האָט געזיגט, די פאָן פון מאַכמעד האָט זיך אומגעקערט אַהיים קיין — מעקאַ. דער סולטאַן פון העדזשאַס איז געוואָרן כאַליף. אָבער דער איסלאַם קאָן דערפון נישט געהיילט ווערן.

אין אַנגאָראַ גייען פרויען אַרום אָן שלייערס, אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל איז מען טערקיש־נאַציאָנאַל, „טוראַניש”, און אין מצרים איז מען מקריב ווייסע אָקסן אויף דעם קבר פון פרעה. דער מועזין שרייט נאָך אַלץ פון די מינאַרעטן: אַלאַ איז אַלאַ און מאַכמעד איז זיין נביא. אָבער מען זיפצט נישט מער נאָך: אַלאַ איז גרויס. זיי ווייסן אלע: אַלאַ איז שוואַך געוואָרן, און פאַר שוואַכע האָט מען נישט קיין מורא.

## II

אין מצרים לעבט אויף דער אַלטער, ווייסער אַפּיס, דער עגל פון דער תורה. אין אין צאַרעוואַ־קאָקשאַיסק לעבט אויף דער שאַמאַן. טיף אין רוסלאַנד, אין טיפן רוסלאַנד, ווו עס וווינען די שבטים, וואָס האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן פונוואַנען זיי קומען; שבטים

אָן געשיכטע: די טשערעמיסן, די מאָרדווינער, די וואָטיאַקן. הונדער־טער יאָרן נאָכאַנאַנד געווען קריסטן, פּראַוואָסלאַוונע, נישט זייער באַהאַוונט אין קריסטלעכער טעאָלאָגיע און דאָגמאַטיק, נישט קיין גרויסע למדנים אין די מוח־שפּאַלטנדיקע חקירות פון די גריכיש־ביזאַנטישע קירכן־פּאַטערס – אָבער דאָס איז נישט נייטיק. האָבן דען די האַיְדאַמאַקן פון דער „קאָנצעוושטשינאַ”, די גוים פון טאַראַשטשאַ און פּראָסקוראָוו געהאַט אַ בעסערע ידיעה אין קריסטנטום, אַ נענטערע שייכות צו אים? פאַרקערט. די טשערעמיסן זענען געווען לייטישערע, איידעלערע, פיינערע און מענטשלעכערע מענטשן פון די כאָכאָלן אין אוקראַינע. זיי האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט, אין קיינעמס בלוט זיך נישט געבאָדן, און אויב זיי האָבן אַמאָל געגנבעט אַ פערד — אויך אין דעם האָבן זיי געקאָנט הייצן די הרובע ביי די „סלאַוון” און „פּראַוואָסלאַוונע” אַרום קיעוו, דעם „היייליקן” קיעוו פון דעם „הייליקן” וולאַדימיר.

און פּלוצים האָבן די טשערעמיסן אין צאַרעוואָ־קאָקשאַיסק רעוואָלטירט. נישט קעגן די סאָוויעטן, חלילה, נאָר קעגן דעם קריסטנטום. זיי האָבן זיך אָפּן דערקלערט פאַר — געצנדינער, און אין צאַרעוואָ־קאָקשאַיסק איז די עבודה־זרה אויפגעשטאַנען פון דעם קבר. די אַלטע מאָנגאָלישע געטער זענען נישט געשטאָרבן, זיי האָבן זיך בלויז באַהאַלטן אויף אַ צייט. זיי האָבן געוואַרט אויף זייער שעה און זיך דערוואַרט.

דער באַקאַנטער רוסישער ראָמאַניסט א. פּיאָדאָראָוו האָט מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק אָנגעשריבן אן אינטערעסאַנטן ראָמאַן, וואָס האָט אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „די סטעפּ רופט”. עס איז אַ מעשה פון אַ טשערעמיס, וואָס איז געווען אַסימילירט, רוסיפיצירט. ער האָט געטראָגן אַ רוסישן נאָמען, געדינט דעם רוסישן גאָט, געהאַט אַ רוסיש ווייב, געווען אַ רוסישער אַדוואָקאַט. ביז עס האָט זיך געטראָפן ביי אים אַן אומגליק. זיין חייב האָט אים פאַרלאָזן, אַנטלאָפן מיט אַן אַנדערן. און מיטאַמאָל איז די גאַנצע רוסישע קולטור־לאַקירונג אַראָפּ פון אים. דער פּראַוואָסלאַוונער אַדוואָקאַט איז אַוועק פון דער שטאָט, אין סטעפּ אַריין, צוריק אָנגעטאָן זיך אין די קליידער פון זיינע זיידעס, צוריק אָנגעהייבן צו דינען די אַלטע געטער פון זיין שבט. אַזוי האָט גובר געווען איבער אייראָפּע. דער אַלטער שאַמאַן איבער דעם גלח און דעם פּראָפעסאָר.

## III

ווער ווייסט, אפשר הייבט זיך אָן דער קאַמף אויפסניי ? עס
זעט כמעט אויס אזוי. זיי קריכן דאָך אַלע אַרויס פון זייערע היילן —
די צאַלסע „געשטאָרבענע” געטער פון אמאָל. אין דייטשלאַנד —
וואָטאַן, אין אירלאנד — די אלטע גאַלישע געטער, אין עגיפּטן —
אַפּיס, אין אינדיע — ווישנו און סיוואי אין צארעוואָ=קאָקשאַיסק — די
באַמאָלטע קלעצער און די שאמאַנען, באַהאָנגען מיט חיות-פעלן.
ווען מען לאָזט נאָר מוסאָלינין — ער וואָלט זיכער אויפגע־
שטעלט אויך דעם פאָרום ראָמאנום, דאָרט אויף דער „הייליקער” גאַס,
ווו די אלטע באַזיליקן און טעמפּלען זענען געשטאַנען, ווען רוים
האָט געהערשט איבער דער וועלט. ווען מען לאָזט אים נאָר —
ער וואָלט ווידער געעפנט דאָרט דעם טעמפל פון דעם צוויי=קעפּיקן
יאַנוס, ער וואָלט מקריב געווען א שעפעלעביים קבר פון ראָמלוס,
אָדער אויבן, אויף דעם מירמלשטיינערנעם קאַפּיטאָל, ווו עס איז גע=
שטאַנען דער טעמפל פון יופּיטער קאַפּיטאָלינוס, יופּיטער, דער גאָט
פון דער הערשנדיקער רוים.
און ווער ווייסט, צי די פאַן-העלעניסטן אין גריכנלאַנד וועלן
נישט עפענען די מוזייען, פאַרמאַכן די קירכן און — ווי יוליאַן
דער אַפּאָסטאַט — ווידער זינגען הימנען און מקריב זיין ווייסע טויבן
אויף דעם מיט בלומען-באדעקטן, מיט גירלאנדן באהאנגענעם מזבח
פון אַפּאָלאָ און אַפראָדיטע, פון באַקכוס און דעמעטער, דער געטין
פון דער אייביק-יונגער ערד.
זיי וועלן נישט זיין אומגערעכט. סוף כל סוף, פאַרוואָס
נישט ? האָט זיך עס געלוינט חרוב מאַכן קינדער=לעגענדעס, צע-
שטערן מארמאָר=טעמפלען, ארויסרייסן די שיינקייט פון דער וועלט,
כדי אומקערן זיך נאָכאַמאָל — און אויף זייטיקע סטעזשקעס און
מיט צביעות — צו די אייגענע אידעאַלן און מענטשן=באַציונגען ?
דאָס יידנטום האָט אָנגעהייבן דעם קאַמף פאַר איין גאָט און
פאַר אן אייניקער וועלט. ביידע אינאיינעם — פון איין מקור, צו
איין ברעג. אויף דעם אָרט פון „פאָלק” האָט דאָס יידנטום אַוועקגע-
שטעלט דעם באַגריף : „וועלט”. צום ערשטן מאָל — אַ צענטראַל-
אידעע. אַ שטריק, וואָס פאַרייניקט און פאַרבינדט און פאַרפּענטעט
די מענטשן פון אַלע פאַרבן און אַלע געבליטן. דער שטריק האָט

א צייט לאַנג געהאַלטן. אַ ביסל האָט דאָס קריסטנטום צוגעהאָלפן, אַ ביסל דער איסלאַם. און דערנאָך — די נייע קולטור, די פרייע, די אַכצן־יאָרהונדערטיקע, די „הומאַניסטישע". אָבער צו שטאַרק איז געווען די ווידערשטאַנדס־קראַפט. מענטשן ווילן נישט זיין אייניק און פאַרייניקט. און דריקט דער שטריק — רייסן זיי אים מיט די ציין, מיט די נעגל. און שניידט ער זיך איין אין פלייש און אין דער נשמה — שניידן זיך שטיקלעך פלייש אַרויס, ברענצן זיך אויס די נשמה. אַבי פריי, אַבי פאָלגן דעם קול פון דעם בלוט, אָדער פון דעם סטעפּ, וואָס רופט.

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז די וועלט — וויניקסטנס די וועלט פון מענטשן — גייט אַלץ פאָרווערטס, פאָרווערטס? פאַרוואָס? פאַרוואָס נישט אויך — צוריק? מיט וואָס זענען מיר בעסער פון די כוואַליעס פון ים? מיט וואָס?

אפּיס, מולך, סיני, רוים, מעקאַ — און צוריק: סיידן סיני בלייבט אין צענטער. ווי אמאָל — נאָכאמאָל!

# די אייביקע עקדה.

זיי נעמען עס אַלע פון דער סענטימענטאַלער זייט. נאָכמער — פון דער סענסאַציאָנעלער. האַנס הערצל — דער זון פון איינעם פון די גרעסטע יידן פון אונזער צייט, דער יורש פון אַ היסטאָרישן נאָמען, וואָס שטייט אין דער יידישער געשיכטע אויף איין טאָוול מיט נחמיה, מיט יהודה המכבי, מיט בר כוכבא, דער איינציקער זון פון טעאָדאָר הערצל, איז געוואָרן אַ קאַטאָליק.

טראַגיש — פון א געוויסן שטאַנדפונקט; איבעראַשנדיק, צייטונגסשטאָף, שטאָף פאַר דעקלאַמאַציעס און מליצות; אָבער אומפאַרשטענדלעך איז עס נישט. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, און זיכער אויך נישט דאָס לעצטע, וואָס די קאַטוילישע קירכע היפּנאָטיזירט שוואַכע אָדער הילפלאָזיקע, פאַנטאַסטן און פאַרצווייפלטע, — מענטשן, וואָס ווילן פריי ווערן פון זיך אַליין. פריי ווערן פון זייער אייגענעם ווילן און איבערגעבן זיך אַ פרעמדן, א קאָלעקטיוון, אַ מיסטישן ווילן. דער אַלטער שפּאַנישער רב, — אבנר פון בורגאָס, — וואָס איז דערנאָך געוואָרן דער קאַטוילישער פאַנאַטיקער און צורר ישראל, פּאַבלאָ פון בורגאָס, האָט זיך אויך זיכער נישט געשמדט בלויז צוליב נוצן, פון מאַטעריעלע מאָטיוון. דער גלאַנץ פון דער קאַטוילישער קירכע האָט אים פאַרבלענדט, דער ווייהרויך האָט אים פאַרשיכּורט, און עס האָט אים אַוועקגעצויגן פון דער האַרבער, שטרענגער יידישקייט, פון אַ לעבנסאויפפאַסונג, ווו אַלצדינג איז געשטעלט אויף דעם יחיד, אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו אַ וועלטאַנשויונג, וואָס מעקט אויס דעם יחיד און נעמט פון אים אַראָפּ די לאַסט פון דעם לעבן. עס איז דאָך „אַזוי שווער צו זיין אַ ייד“. נישט בלויז דערפאַר, וואָס מען מוז ליידן פאַר דעם, נאָר אויך דערפאַר, וואָס

יעדער ייד שטייט אַליין אין דער וועלט. אַלע וועגן זענען פאַר אים אָפן, אַלע טויערן מעג ער עפענען, אַ חוץ דעם לעצטן. אַלע „אתן" מעג ער דרשענען, אַ חוץ דעם „את", וואָס איז דער יסוד פון דעם יידנטום, דעם „את", וואָס בינדט צונויף מענטש מיט גאָט, — און גראָד דאָרט וויל דער מענטש זוכן, אין — דעם טויער קלאַפּט ער אָן.

די קאַטוילישע קירכע האָט דעם טויער אויך געעפנט. איר הייבט-פרינציפּ איז — די פאָרם. האַלט מען זיך ביי איר — מעג מען אַלצ-דינג. איר איינציקער יסוד איז גייסטיקע אויטאָריטעט. און דאָס מיינט איינהייט. איינהייט פון פעלקער און מענטשן, וועלט-איינהייט מיט איינאיינציקן צענטער — רוים. דאָס איז דער אייביקער חלום פון דעם קאַטויליציזם. און דאָס איז עס, וואָס האָט אַזוי שטאַרק גע-צויגן צו איר אַלע ראָמאַנטישע, אַלע פאַנאַטישע נאַטורן — פון דאַנטע ביז קאַרדינאַל ניומען, פון די דייטשע נעאָ-קאַטויליקן ביז צום רוסישן פילאָזאָף סאלאוויאָוו, וואָס האָט געפּרעדיקט דעם צעזאַראָ-פּאַפּיזם, אַ פאַרייניקונג פון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט אונטער דער הער-שאַפט און פירערשאַפט פון רוים.

און מען קאָן זיך זייער גוט אויסמאָלן, ווי אַזוי אַ מאַן, ווי האַנס הערצל, איז געקומען צום קאַטויליציזם. טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען הערצל — טאַקע, ווייל ער איז געווען דער „יתום פון דעם ציוניזם", אַזוי צו זאָגן דער נאַציאָנאַלער יתום פון דעם יידישן פאָלק — האָט ער דערפילט אפשר שטאַרקער פון אונדז אַלע דעם תהום צווישן דעם יידנטום אלס רעליגיע און דעם יידנטום אַלס פּאָליטישע און נאַ-ציאָנאַלע אינסטיטוציע. וואָס איז פאַר אים געווען דאָס יידנטום? וואָס האָט ער געוווּסט פון אים? ביים פאָטער אין הויז האָט ער גע-הערט פון אַ „יידנשטאַט", פון אַ מלוכה, וואָס דאַרף אויסגעבויט ווערן מיט אַן אַלטן און ברעקלענדיקן מאַטעריאַל. טעאָדאָר הערצל איז געווען אַ אינטואיטיווער ייד, אַ פּאָליטישער ייד — אָבער נישט קיין יידנטום-ייד. אפשר ווי די מערסטע פון די עלטערע ציוניסטן. פאַר זיי איז דאָס יידנטום אַליין געווען אַ ירושה, וואָס האָט נישט מער קיין נשמה-ווערט, אין בעסטן פאַל — אַ צוגאָב צו דעם פּאָליטישן אידעאַל — נישט קיין ווערט פאַר זיך.

וואָס האָט הערצל געוווּסט פון דעם יידנטום? זיין „אַלט-ניילאַנד" איז דער בעסטער באַווייז. און אחד-העם איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אטאַקירט הערצלס אידעע — אין דעם שוואַכסטן פונקט, ווען ער

האָט געוויזן, אַז ער איז אפשר אַ נײַלאַנד — אָבער, אַז דאָס „אַלטע" איז אין אים אינגאַנצן אויסגעוועבט.

הערצל האָט באַטראַכט דאָס יידנטום און דאָס היסטאָריש גע־וואָרענע יידישע פאָלק, ווי ניטשע האָט באטראַכט דעם מענטשן — אַלס אַ שטאַפּל, אַ מדרגה, וואָס מען מוז איבערווינדן. ער האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו דעם, וואָס איז — בלויז צו דעם, וואָס זאָל זיין. און אין אַזאַ אַטמאָספערע פון ווינער — האָפמאַנסטאַל־שניצלער — „נייע פרייע פרעסע"=רעאַליטעט און פּאַלעסטינע־חלומות איז אויפגעוואַקסן האַנס הערצל.

און ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן און יוען האַנס איז אָרי־בער קיין ענגלאנד אַלס דער „יתום" — האָט ער דאָרט געפונען אן אַטמאָספערע, אַ יידישע, אַ הייסע, אַ נשמה=טרייסטנדיקע? ווידעראַמאָל דאָס אייגענע, די אייגענע צעשפּאָלטנקייט: ענגלישע ווירקלעכקייט און פּאַלעכטינע=שמועסן.

וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס האַנס הערצל האָט דערפילט אַ פּוסטקייט, אן אומצופרידנקייט? וואָס פאַר אַ חידוש, וואָס ער האָט געזוכט פאַר זיך אַן אַנדערן וועג — און האָט אים געפונען אין דעם סטעפּאַנסראָם?

געוויס — ער האָט געהאַט אַן אַנדער מעגלעכקייט. ער האָט געקאָנט אַוועקלאָזן זיך קיין פּאַלעסטינע, ווערן אַן אַרבעטער אויף דעם פעלד, וואָס זיין פאָטער האָט צעאַקערט, אַ פשוטער אַרבעטער, וואָס געפינט אין זיין אַרבעט אַ טרייסט און אַ זין.

אָבער דאָס האָט ער אויך נישט געקענט. ער איז געווען דער זון פון טעאָדאָר הערצל. ער איז געווען צו קליין פאַר דעם נאָמען— און צו גרויס פאַר דער אַלטעגלעכקייט.

* *

*

און דאָס איז אפשר דאָס טראַגישטע, דאָס מענטשלעכסטע, אַל־מענטשלעכסטע אין דעם שריט פון האַנס הערצל. די טראַגעדיע פון אַלע קינדער, וואָס האָבן געירשנט אַ גרויסן נאָמען. און וואָס דער נאָמען איז גרעסער — אַלץ ערגער פאַר דעם, וואָס באַקומט אים גע־שענקט.

ביי אויסנאַמס־מענטשן באַקומט דאָס לעבן, אַלצדינג אין אים, אַן אויסנאַמס=געשטאַלט. ער איז די פאַרענדיקונג פון אַ פּראָצעס, אַ

דערגרייכונג פון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג — און דערפאַר איז מעגלעך בלויז איין וועג פאַר די, וואָס קומען פון אים און נאָך אים: דער וועג אויף צוריק.

ביי געוויינלעכע מענטשן איז פאָטערשאַפט אַ קרבן. דער פאָטער איז זיך מקריב, כדי דאָס קינד זאָל וואַקסן, און זיין איינציקע האָפענונג איז: דער זון זאָל אים איבערוואַקסן, העכער־העכער, גרע־סער. יעדער דור אַ נייער שטאַפל, און אויף דער פרימיטיווער שטופע פון דער געזעלשאַפט ווערט דער פאָטער נוצלאָז, ווען דער זון וואַקסט אויס. דער עלטער דור ווערט שוואַך און בויגט זיך פאַר דער קראַפט פון דעם נייעם. אָבער ווען דער פאָטער אַליין האָט שוין דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג, וואָס איז מענטשן-מעגלעך? וואָס ווייטער? דעמאָלט ענדערט זיך דער פּראָצעס, דעמאָלט איז די זונ־שאַפט אַ קרבן, און עס חזרט זיך איבער אויפסניי די אַלטע טראַ־געדיע פון יצחק — די עקדה.

אברהם איז געווען דער שטאַרקערער. ער איז געווען דער שאַפנ־דיקער גייסט, די טרייבנדיקע געשיכטלעכע קראַפט, ער איז דער פאָ־טער, דער מקור. יעדער ווייטערדיקער שריט איז בלויז אַן אַנטוויקלונג, אַן אָפּשוואַכונג פון דעם ערשטן אימפּעט, פון דער אורליידנשאַפט און אורקראַפט. אברהם האָט אַלצדינג געזאָגט, וואָס האָט געקאָנט געזאָגט ווערן. נישט יצחק, נישט יעקב האָבן געהאַט וואָס צו־צוגעבן, זיי האָבן בלויז געקאָנט ווידערהאָלן, היטן דעם פייער, וואָס זיי האָבן באַקומען בירושה. זיי זענען געוואָרן די קרבנות פון זייער מקור.

וואָס ווייסן מיר פון די קינדער פון די גרויסע מענטשן? די געשיכטע דערציילט קיינמאָל נישט, אָדער בלויז מיט ווונקען און פאַרבייגיי־ענדיק, פון זיי. און די גרעסטע — האָבן בכלל קיין קינדער נישט געהאַט.

פּלאַטאָן האָט אפשר געהאַט קינדער — אָבער ווער ווייסט פון זיי? אָזער ווער האָט געהערט פון אַריסטאָטעלס קינדער, פון גאַ־ליליים אַ זון? און עס איז כמעט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַ זון פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, פון ראַפאַעל, פון בעטהאָווען, פון שפּי־נאָזאַ אָדער פון קאַנט. זיי האָבן געהאַט דעם גוטן געשמאַק — נישט איבערצולאָזן קיין יורשים, אָדער ריכטיקער, דעם אינסטינקט. און ווען רוסאָ האָט שוין יאָ געהאַט קינדער — וואָס איז פון זיי געוואָרן?

ער האָט זיי אַוועקגעגעבן אין אַ יתומים-אַנשטאַלט. אָדער געטע. ער האָט איבערגעלאָזט אַ זון, איבערגעלאָזט אַ לעבעדיקן קרבן. מען קאָן זיך נאָך אָפּמאָלן דעם יונגן נאַפּאָלעאָן, דעם „יונגן אָדלער״, אלס אַ יורש פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסן. דער יונגער אָדלער האָט נישט גע-האַט די פליגלען פון דעם אַלטן אָדלער, אָבער ער האָט געהאַט, אָדער, ריכטיקער, ער וואָלט געקענט האָבן אַ ממשותדיקע ירושה, ווי נאַפּאָ-לעאָן דער דריטער, וואָס איז שוין גאָרנישט געווען קיין אָדלער און פאַרט געוואָרן קייזער פון פראַנקרייך צוליב דעם נאָמען, וואָס ער האָט געטראָגן. אָבער דער יונגער אויגוסט פאָן געטע? וואָס האָט ער גע-ירשנט פון זיין פאָטער? מיט וואָס איז ער געשטאַנען נענטער צו אים, ווי יעדער אַנדערער? פאַרקערט — נאָך ווייטער, נאָך פרעמ-דער — מיט דעם בלוט פון דעם גרויסן פאָטער אין זיינע אָדערן.

אָדער טאָלסטאָי, דאָ איז אַ לעבעדיקער ביישפּיל פאַר אונדז. ווער זענען טאָלסטאָיס יורשים? זיינע זין! וואָס וויסן זיי פון דעם פאָטער, אַ חוץ אַ פּאָר אַנעקדאָטן? וואָס געדענקען זיי פון אים -- אַ חוץ זאַכן, וואָס מען דאַרף גאָרנישט געדענקען, וואָס פאַרקלענערן די געשטאַלט פון דעם איינציקן. פון דעם מענטשן, וואָס האָט זיך דער-הייבן איבער אַלע! ווי פרעמדע, ווי פאַרשטויסענע שטייען די קינ-דער פון די גרויסע ארום די קברים פון די טאַטעס — און זענען מקנא, און פאַרגינען נישט און האָסן אין גרונט פון זייער האַרץ. זיי האָבן צו ווייניק דיסטאַנץ צו דער גרויסקייט — און פאַרשטייען זי דערפאַר נישט.

* * *

אין דער געשיכטע פון דער מאַטעמאַטיק איז פאַראַן אַ זייער כאַראַקטעריסטישער, זייער אַ מענטשלעך-רירנדיקער עפּיזאָד. עס איז דער קאַמף צווישן פאָטער און זון — פאַר גרויסקייט. עס איז געווען — מיט א יאָר צוויי הונדערט צוריק — אין דער שווייץ אַ פאַמיליע בערנואי (Bernouilli) — אַ מערקווירדיקע פאַמיליע, ווו דער מאַטעמאַטישער טאַלאַנט איז געגאַנגען בירושה, פון פאָטער צו זון, אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז עס האָט דערגרייכט די העכסטע אַנט-וויקלונג אין איינעם פון די בערנואַי — דניאל. ביי אים איז גע-בוירן געוואָרן אַ זון. און פון קינדוויז אָן האָבן זיך ביים זון אָנגע-הייבן צו ווייזן גאונישע פעיקייטן. ער האָט שטאָלצירט מיט דעם קינד.

אָבער ווען דער זון איז אויסגעוואַקסן, ווען ער האָט אָנגעהייבן צו ווערן אַ וויסנשאַפטלעכער וווּנדער, האָט דער פֿאָטער דערפֿילט צו אים קנאה. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפֿן, אַז דער פֿאָטער האָט לאַנג געאַרבעט איבער אַ מאַטעמאַטישן פּראָבלעם און האָט אים נישט געקענט בייקומען. ער האָט זיך באַהאַלטן פֿאַר דעם זון, אָבער דער יונגער בערנואַי איז געוואָר געוואָרן פֿון דעם פּראָבלעם און האָט מיט זיין יונגער חריפות געלייזט אים אין אַ קורצער צייט. ער איז געקומען צום פֿאָטער מיט אַ שמחה און מיט אַ שטאָלץ. אָבער דער פֿאָטער האָט זיך נישט געקענט פֿרייען. די קנאה, די מורא פֿון דעם שטאַרקן, פֿון דעם באַגאַבטן צו ווערן באַזיגט, האָט גובר געווען איבער דעם נאַטורגעפֿיל. און דער פֿאָטער האָט אַרויסגעטריבן פֿון הויז זיין זון. דער פֿאָטער האָט נישט געוואָלט מקריב זיין זיך פֿאַר דעם קינד. אפשר איז דאָס דער אינסטינקט פֿון אַ סך גרויסע מענטשן, דענקער, פֿאָרשער, קינסטלער, וואָס בלייבן אַליין, ווילן נישט האָבן קיין משפּחה, זאָגן זיך אָפּ פֿון פֿאָטערשאַפֿט, און אפשר איז טאַקע דער גרויסער רעספּעקט פֿון דער נאַטור פֿאַר דעם כּוח — יעדער קראַפֿט — וואָס האַקט אָפּ דעם וואַקסן־פּראָצעס, פֿאַרקלענערט דעם גייסטיקן מאַסשטאַב ביי די קינדער פֿון די גאָר גרויסע.

אַזוי איז דאָס לעבן: איינער מוז גיין צו דער עקדה. איז עס נישט דער פֿאָטער, איז עס דער זון. און איז דער זון בלויז יצחק— מוז ע ר גיין צו דער עקדה.

# די יידישע אילוזיע.

עשיו איז געגאַנגען אויף דער יאַגד, און יעקב איז געווען אַ „יושב אוהל״ — יעקב איז געזעסן אין די געצעלטן, איז געגאַנגען אין דער ישיבה פון שם ועבר און האָט דאָרט געלערנט תורה. מיר האָבן דאָס אַלע געלערנט אין די יונגע יאָרן, און ביי אונדז אַלע האָט זיך אויסגעמאָלט א בילד פון יעקב אבינו — ווי פון אַ באַלעבאַטיש יינגל, וואָס איז געגאַנגען אין חדר, האָט געלערנט חומש מיט רש״י און אַ בלאַט גמרא, און איז זיך געגאַנגען יעדן שבת פאַרהערן.

מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט די גאַנצע יידישע פאַרגאַנגענהייט ווי אַ מין פאָרבילד, ריכטיקער — אַ קאָפּיע פון דעם יידישן קליין־שטעטלדיקן לעבן פון אונדזער אייגענער צייט: אברהם אבינו, אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ יאַרמולקע; שרה, אַ יידענע מיט אַ שטערנטיכל, אַ קליינע, אַן איינגעקורטשעטע און מיט אַ קרבן־מנחה אין דער האַנט. דוד, שלמה, די נביאים, די תנאים, אַלע גרויסע, לעגענדן־באַשטראַלטע געשטאַלטן פון דער געשיכטע — האָבן אָנגענומען די פאָרם פון באַקאַנטע, לעבעדיקע יידן, און האָבן מיר אַמאָל געזען א בילד פון אַ פארצייטיקן יידן — ווי, למשל, דעם רמב״ם — מיט דער טורבאַן אויפן קאָפּ, אין דעם ווייסן אַראַבישן בורנוס — האָט זיך אונדז עפּעס אויסגעוויזן, גלייך ווי ער האָט זיך פאַרשטעלט, פאַרקליידט.

אַט דער קינדישער, נאַיוועד איינדרוק, אַט די פּאַראַיצטיקנ־דיקע פארשטעלונג פון דעם יידישן עבר האָט אים אייגנטלעך געראַטעוועט פאַר אונדז, האָט אונדז צוגעבינדן צו אים.

אונדז — און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אַנדערש וואָלט עס גאָרנישט געקאָנט עקזיסטירן. עס האָט געלעבט דורך און פון דער

גרויסער היסטאָרישער אילוזיע — פון דער פאַרבונדנקייט צווישן דעם נעכטן און דעם היינט.

די געשיכטספאָרשונג האָט — ביי אַ געוויסן טייל פון דעם יידישן פאָלק — צעשטערט אָדער, לכל הפחות, אָפּגעשוואַכט די דאָזיקע אילוזיע. אָט ווייסן מיר, למשל, היי ט, אָדער גלויבן, אז מיר ווייסן, אַז דאָס איצטיקע מזרח-אייראָפּעישע יידנטום האָט אַ קנאַפּע שייכות צו די אַמאָליקע אור-יידן, צו דעם פאָלק ישראל, וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. די אַנטראָפּאָלאָגיע זאָגט עס אונדז, די געשיכטע גיט אונדז אָנצוהערן. זיי זאָגן, אז די רוסישע יידן, ווייניקסטנס, די דרום-רוסישע זענען אַ פּראָדוקט פון עטלעכע ראַסן, פון פאַרשידענע פאָלקסקאָמבינאַציעס. עס קומען אַהין אריין די כאַזאַרן פון דער וואָלגע, די גרים, וואָס זענען אַמאָל געווען אין אַ גרויסער צאָל אין רוסלאַנד, צונויפגעמישט מיט די אמתע סעמיטישע יידן, וואָס זענען אַריבערגעקומען צום טייל פון דער אַלטער ביזאַנטיע, צום טייל פון רוים אָדער דייטשלאַנד.

אָבער אַפילו די ווייניקע, וואָס ווייסן עס, וואָס האָבן געהערט דערפון, קאָנען זיך נישט באַפרייען פון דער פאָרשטעלונג, אַז זיי און די יידן פון דעם חומש, די יידן פון דער משנה, די יידן פון משה אָדער ר׳ עקיבא זענען איינס, איין לאַנגע, אומאונטערברעכנדיקע קייט. סוף כל סוף איז נישט דאָס בלוט און נישט די ראַסע דער עיקר, נאָר די גייסטיקע קולטור. בלוט איז דיקער פון וואַסער, אָבער גייסט איז דיקער פון בלוט.

און אָט דידאָזיקע „פסיכאָלאָגישע אילוזיע״, וואָס האַלט אויף דאָס יידנטום עד־היום, לעבט און וועבט און ווירקט כמעט אין יעדן פון אונדז. נאָר נישט יעדער האָט דעם מוט צו זאָגן עס מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי למשל ש. צ. זעצער אין זיין נאָר וואָס דערשינענעם בוך: „צו דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום״.

איך קען צו דעם בוך נישט צוטרעטן פון אַן אנדער ווינקל, ווי בלויז פון דעם פסיכאָלאָגישן. נישט בלויז דערפאַר, וואָס דער פּראָבלעם אליין — די אַנטשטייונג פון דעם קריסטנטום, די געבורט פון דער קריסטלעכער אמונה, דאָס לעבן און די פערזאָן פון יעזוס — איז אַזוי טונקל, אַזוי לעגענדאַריש, נאָר אויך ווייל די באַהאַנדלונג פון דעם פּראָבלעם אין זעצערס בוך איז אַ ריין סוביעקטיווע, פער־

זענלעכע, איך וואָלט כמעט געזאָגט — לירישע. עס איז אַ מאָדער־נער ייד, וואָס רעכנט זיך אָפּ מיט דעם קריסטנטום, וואָס גיכט אויס אויף אים זיין ביטער האַרץ, וואָס וויל אָפּרייסן דאָס יידנטום פון דעם קריסטנטום. — אויס חברותא, אויס מחותנים, — מיר זענען נישט קיין „פיינטלעכע ברידער", מיר קענען זיך גאָרנישט אָן. לאָזט אונדז צורו, מיר לאָזן אייך צורו.

איר זאָגט — יעזוס איז געווען אַן אונדזעריקער און מיר האָבן אים געהרגעט; מיר זאָגן זיך אָפּ פון אים. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אונדזעריקער און מיר האָבן אים נישט אָנגערירט.

די גאַנצע מעשה איז אַ לעגענדע, אַ מיף — אָבער נישט קיין יידישע, נאָר אַ גויישע, פון אָנהייב ביז צום סוף. געבוירן געוואָרן אין רוים און פאַרשלעפּט קיין ירושלים. נישט מיר האָבן אָנגעבונדן דאָס קריסטנטום דער מערב־וועלט, נאָר זי — רוים, די נישט־יידישע וועלט — האָט אונדז אָנגעהאָנגען דעם האָרב, אויף אונדז געמאַכט אַ בלבול, די גאַנצע לעגענדע פון יעזוס, דאָס גאַנצע קריסטנטום איז אַ גראַנדיעזער עלילת־דם אויף דעם יידישן פאָלק, און מיר קענען עד־היום פון אים נישט פטור ווערן.

דאָס איז אומגעפער — אַזוי ווייט ווי איך האָב פארשטאַנען — דער אינהאַלט און די גרונטאידעע פון זעצערס קריסטאָלאָגיע.

עס איז זיכער נישט קיין נייס. פון די ראַציאָנאַליסטן אין דעם אכצעטן יאָרהונדערט, פון ריימארוס ביז דוד פרידריך שטרויס, ביז רענאַן, ביז די נייסטע קריסטלעכע און יידישע פאָרשער — קריסטלעכע אפשר מער ווי יידישע — איז דאָס שוין כמעט אַן אויסגעדראָשענער כלל: יעזוס, ווי די עוואַנגעליומס מאָלן אים אויס — איז „לא היה ולא נברא", איז אַ לעגענדע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן הונדערטער יאָרן שפּעטער, ווי דער אָפיציעלער טעקסט זאָגט אונדז, אַז דאָס גאַנצע קריסטנטום, ווי מיר זעען עס אין זיין היסטאָריש געוואָרענער פאָרם, איז אייגנטלעך נישט „קריסטנטום", נישט די לערע פון יעזוס, נאָר „פאַולוניזם". די שיטה פון דעם אַפּאָסטאָל פאַולוס איז אַ קאָמבינאַציע און אַ צוזאַמענוואַקסן פון צוויי וועלטאַנשויאונגען, דער יידישער און דער גריכיש־רוימישער. די קריסטלעכע טעאָלאָגיע איז אַ רעזולטאַט פון דעם צעפאַל פון דער גאַנצער אַלטער וועלט. אַ מין אָפּגעקירצטע פאָרמולע פון אַלע פילאָזאָפיעס און רעליגיעס פון די אַמאָליקע צייטן - אין אַ נייער מיסטישער געשטאַלט.

דאָס האָבן די קריסטלעכע פאַרשער — פון שלייערמאַכער אָן · — בעסער און קלערער געזאָגט, ווי ש. צ. זעצער. זיי האָבן עס אויך באַגרינדעט. זעצער האָט עס נישט. מיט זיי קאָן מען — אויב מען וויל — דיסקוטירן אויף דעם היסטאָרישן באָדן, מיט היסטאָרישע מעטאָדן; מיט זעצערן קען מען נישט. זיי ברענגען באַווייזן, ווייזן אָן פאַקטן, שטיצן זיך אויף טעקסטן — זעצער מאַכט פשוט אַוועק מיט דער האַנט די גאַנצע היסטאָרישע מעטאָדע. ער באַווייזט נישט, ער וויל נאָר באַווייזן. עס איז נישט קיין וויסנשאַפט — עס איז בלויז אַ „השערה".

איך וויל נישט אַריינגיין אין דעם עצם פון דער פראַגע אַליין. עס וואָלט געווען אַ גרינגע זאַך אויסצושטעלן אַן אַרמעע פון טעקסטן, ציטאַטן, היסטאָרישע פאַקטן אַקעגן — אַ פערזענלעכער השערה, אָבער עס איז נישט נייטיק. ווער וועט, למשל, אָנווענדן דעם גאַנצן היס-טאָריש-קריטישן אַפּאַראַט אַקעגן דזשאָרדזש מורס באַרימטן קריסטוס-ראָמאַן „דאָס טייכל קירית"? און דאָך איז דער ראָמאַן ווערטפולער, „היס-טאָרישער", פילאָזאָפישער, ווי רענאַנס „דאָס לעבן פון יעזוס" אָדער פון אַנדערע אַזויגערופענע וויסנשאַפטלעכע ווערק. עס וואָלט זיכער אַפילו נישט געשאַדט זעצערן, ווען ער וואָלט זיך באַקענט מיט דער גלענצנדיקער „השערה" פון דזשאָרדזש מור, איידער ער איז געגאַנגען בויען זיין אייגענע השערה. מורס היפּאָטעזע איז — אַז יעזוס איז יאָ געווען, האָט יאָ געלעבט, האָט דורכגעמאַכט די אַלע עינוים, וואָס דער עוואַנגעליום דערציילט — אָבער אַלצדינג, מיט אַ טאָן נידעריקער. ער איז געווען אַ תלמיד פון די „איסיים", אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געקאָנט „לערנען", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דער וועלט אַריין, אין דער קליינער וועלט, אָן גרויסע אַמביציעס, בלויז אַלס איינער פון די לערער און אַגיטאַטאָרן, ווי מען האָט זיי צו יענער צייט אַ סך געהאַט, און ווי ער איז דערנאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אַקעגן זיין ווילן, אַקעגן די פאַקטן פון זיין לעבן, אין דעם גרויסן שטראָם פון דער געשיכטע. זיין „שליחות" האָט נישט לאַנג געדוי-ערט. מען האָט אים באַשטראָפט אין ירושלים — און מען האָט אָן אים פאַרגעסן. איינער פון זיינע פריינט, אַ העלעניסט, וואָס איז געווען ווייט פון יעדער קנאות — אַפילו אַקעגן די פרושים, אַקעגן דער תורה — און געזעץ-יידן — האָט אים אָפּגעראַטעוועט און גע-בראַכט צוריק אין די בערג פון גליל, אין דער איינזאַמקייט און שטיל-

קייט פון די איסיים, ביים טייכל קירית. דאָרט האָט יעזוס זיך גע־לעבט רויק אַ יאָר דרייסיק, ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן פון זיין „שליחות", האָט חרטה געהאַט אויף דעם שטורם אין אַ גלאַז וואַסער, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אין א קורצער צייט פון זיין ירושלימער טעטיקייט. פלוצלונג דערשיינט שאול פון תרשיש, דער וועבער. ער קומט צו די איסיים אין הייבט זיי אָן צו דרשנען אַ נייע „תורה", דעם „ברית החדשה". און אין צענטער שטייט די פיגור פון ישו, וואָס איז געוואָרן דער „משיח", פון יעזוס, וואָס איז געקרייציקט געוואָרן און תחית-המתים אויפגעשטאַנען, ישו, וואָס האָט אין זיך פאַרייניקט אַלע לעגענדן — פון אליהו הנביא, פון דעם גריכישן אַטטיס, פון דעם מצרישן אזיריס, דעם שטראַלנפונקט פון אַלע רעלי־גיעזע פאַנטאַזיעס און חלומות פון דעם מזרח.

ישו — יעזוס, דער ווירקלעכער, הערט עס אויס, הערט די לע־גענדע, וואָס האָט זיך געבילדעט אַרום אים און גלויבט נישט זיינע אייגענע אויערן. „דאָס מיינט מען אים"? — פרעגט ער מיט דער־שטוינונג, און ער דערציילט שאול דעם וועבער די אמתע פּאַסירונגען אין ירושלים. ער דערציילט אים פון זיין פשוטן, אָרעמען לעבן, פון זיינע אַמאָליקע האָפענונגען און ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויסגעלאָזט. אָט שטייען זיי — איינער לעבן דעם צווייטן, דער „משיח" — אַן אַלטער גלילשער פּאַסטוך, הינקענדיק אויף אַ פוס, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, מיט טריפנדיקע אויגן — און דער „תלמיד", דער „שליח", וואָס גייט אַרום אין דער וועלט און בויט אַ לעגענדע אַרום זיין נאָמען און בינדט אים אָן אַ קרוין פון איבערוועלטלעכקייט. און יעזוס דערשרעקט זיך. מיטאַמאָל ווערט אים קלאָר, וואָס פאַר אַן אומגליק דידאָזיקע לעגענדע קאָן אָנמאַכן אויף דער וועלט. ער בעט שאולן, ער זאָל אויפהערן מיט זיינע פאַנטאַזיעס. ער וויל אים איבערצייגן. אָבער שאול וויל נישט קיין פאַקטן, ער ווייס, אַז יעזוס איז גערעכט. אָבער ער וויל נישט, אַז ער זאָל זיין גערעכט — און ער אַנטלויפט פון אים אין דער וועלט אַריין פרעדיקן יעזוס — אנטקעגן דעם ווילן פון יעזוס.

אָט אַזאַ השערה — פון אַ קאַטוליש־דערצויגענעם קריסט — איז פיל ווערטפולער, נאַטירלעכער, ראָמאַנטישער, שענער, ווי די השערה פון יעזוס — ווי זעצער האָט זי זיך אויסגעבויט. זעצער מאָלט זיך אויס, אַז דאָס קריסטנטום איז געקומען נישט פון יידן צו

די גוים — נאָר פאַרקערט: דאָס קריסטנטום איז באַשאַפן געוואָרן אין רוים — צו דער צייט פון נירון קיסר אומגעפער. ער איז געווען אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער, אַ מין באָלשעוויק אין דער רוימישער אימפּעריע. מיט דעם יידנטום האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט. די רוימישע רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, אונטערגעדריקט די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע און געהרגעט דעם הויפּטפירער, אָבער די לערע און די לעגענדע איז געבליבן. זי האָט זיך מיט דער צייט פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, און אַזוי ווי גראָד דעמאָלט איז דאָס יידישע שטאַט חרוב געוואָרן, האָט זיך די פאַנטאַזיע פון די רעוואָלוציאָנערן באַהעפט צו אַזאַ געוואַלטיקער קאַטאַסטראָפע און צונויפגעבונדן ביידע פאַסירונגען — די יידישע טראַגעדיע און די רעוואָלוציאָנערע — און צונויפגעשמאָלצן די יידישע עלעמענטן מיט די „קריסטלעכע", די ריין „גוייִשע". און דערפאַר — האָבן מיר, יידן, נישט קיין שום שייכות צום קריסטנטום בכלל. עס איז נישט קיין גייסט פון אונדזער גייסט. עס איז אַן אָנטשעפעניש און ווייטער גאָרנישט.

מילא, די השערה איז, ווי געזאָגט, נישט זייער אָריגינעל. אין דער פאָרם, אָדער אין אַן אַנדערער, איז זי שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן און נישט איינמאָל. זי איז אויך היסטאָריש נישט ריכטיק. הגם מיר האָבן זייער ווייניק היסטאָרישע באַווייזן — פון יידישע קוואַלן — וועגן יעזוס און זיין ראָלע אינם יידנטום, האָבן מיר פאָרט גענוג אָנדייטונגען און ווונקען טאַקע אין דער תלמודישער ליטעראַטור — סיי אין בבלי, סיי אין ירושלמי, וואָס ווייזן אָן, אַז די אַלטיידישע וועלט האָט געהאַט אַ באַציונג צו יעזוס, האָט אים באַטראַכט פאַר אַ צעשטערער, פאַר אַ נעגאַטיווע קראַפט, פאַר אַ פרי, וואָס איז אָפּגעפאַלן פון דעם יידישן בוים. דער „אותו האיש", דער „האי גברא", וואָס דער תלמוד דערמאָנט אָפט, דער שטענדיקער קאַמף אַקעגן די „מינים", אַקעגן די, וואָס זאָגן, אַז עס זיינען דאָ „צוויי רשותים" — דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די אורקריסטן זיינען געווען אַ טייל פון דעם יידנטום. איך דערמאָן בלויז איין מאמר — פון „ספרי", וואָס גייט אונטער דעם נאָמען פון ר' איזדית: „הימנותא בידנו דאפילו בפרוונקא נמי לא קבלוניה", „מיר האָבן געלערנט, אַז מיר נעמען אים נישט אָן פאַר אַ פאַרמיטלער" — און דאָס איז דאָך די לערע פון קריסטנטום — איז געווען איינע פון די טיפסטע פראַגן אין דעם יידישרעליגיעזן דענקען.

זעצער וויל מאַכן יעזוסן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פּאָליטישן, אַ סאָציאַלן. עס איז א טעות. יעזוס איז עס נישט געווען. ווייניקער פון אַלץ איז ער געווען א „קאָמוניסט" אָדער „אַ באָלשעוויק". דער עוואַנגעליום אַליין איז דער בעסטער באַווייז. איינמאָל, דערציילט די עוואַנגעלישע לעגענדע, איז געקומען אַ פרוי און האָט געבראַכט טייערן בוימל פאר אים און האָט אויסגעגאָסן אים אויף יעזוסעס פיס. די תּלמידים האָבן זיך פאַרוואונדערט און האָבן געפרעגט זייער רבין, ווי לאָזט ער עס צו, אַז מען זאָל פאַרשווענדן אַזוי דאָס גוטס פון דער וועלט. זענען זיי נישט קיין אָרעמעלייט, וואָס וואָלטן געהאַט מער נוצן דערפון? און יעזוס האָט זיי געענטפערט: „אָרעמעלייט וועט איר תּמיד האָבן אַרום זיך — אָבער מיך וועט איר באַלד נישט האָבן". און ווען יהודה איש-קריות, איינער פון זיינע בעסטע און טייערסטע תּלמידים, האָט דאָס דערהערט, איז ער תּיכּף אַוועק צו די פּרושים און האָט אים אַרויסגעגעבן. מען האָט זיך זעלטן אָפּגעשטעלט אויף דערדאָזיקער דערציילונג, אָבער זי איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער פיגור פון יעזוס און זיין טראַגעדיע. „איר וועט תּמיד האָבן אָרעמע" — דאָס מיינט, אַז יעזוס איז נישט געקומען לייזן דעם סאָציאַלן פּראָבלעם. אָבער דאָס האָט יהודה איש-קריות דערוואַרט פון אים. דאָס האָט אים געצויגן צו דעם רבי פון גליל — און ער האָט זיך אַנטוישט.

אָבער — איך וויל זיך נישט ווייטער אַריינלאָזן אין היסטאָרישע חקירות און דיסקוסיעס. וואָס מיר אינטערעסירט אין זעצערס בוך, איז דער פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו, די מערקווירדיקע פאָרשטעלונג, וואָס יעדער ייד האָט פון — דער פאַרגאַנגענהייט. זעצער — און אין דעם פּרט איז ער טיפּיש — קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דאָס יידנטום, ווי עס זאָל נישט זיין און ווען עס זאָל נישט זיין, אין אַן אַנדער פאָרם, ווי די, וואָס האָט אָנגענומען אין די לעצטע פאָר יאָרהונדערטער. דער ייד — דער מענטש פון שכל, פון קלאָרן פאַרשטאַנד, פון צמצום, אָפּגרענעצן זיך פון די ווילדע, איבערוועלטלעכע חלומות, דער ייד — דער אַנטימעטאַפיזיקער. ער קאָן זיך גאָרנישט אויסמאָלן, ווי אַזוי האָט אַ „יידישער יונגערמאַן" — אַפילו מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געקאָנט האָבן אַזאַ משונהדיקע השגה, זיין אַזוי אומלאָגיש, אַזוי פאַנטאַסטיש. און ווייל ער זעט א „פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט" — באַשליסט ער, אז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. דאָס איז די פּסיכאָלאָגישע אילוזיע פון

דער אייביקער גלייכקייט פון דעם יידישן גייסט. און אַ צווייטע פּסיכאָלאָגישע אילוזיע: לאָמיר אַפילו זאָגן, אַז יעזוס איז אַ ריין „גוייִשער״ פּראָדוקט, אַז ער קערט זיך גאָרנישט אָן מיט יידן און יידנטום, פאַרוואָס האָט מען אים אונדז אָנגעהאָנגען? און זעצער דערקלערט עס דערמיט, וואָס דער חורבן בית־שני, די טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק, איז געווען אַזאַ קאַטאַסטראָפע אין דער וועלטגע־שיכטע, אַז זי האָט ממש געצוווּנגען די אורקריסטן צונויפצושפּאַנען די קריסטוס־לעגענדע מיט דעם יידנטום.

פונוואַנען האט ער דאָס גענומען? פונוואַנען ווייסט ער, אַז דער חורבן בית־שני איז געווען אַזאַ געוואַלטיקע וועלטקאַטאַסטראָפע? קיין היסטאָרישע באַווייזן האָבן מיר נישט. פאַרקערט, ווי די געשיכטע ווייזט אונדז, האָבן די רוימער, די גריכן זייער ווייניק וואָס באַשעפ־טיקט זיך מיט דעם יידישן פּראָבלעם. מצרים און פּערסיע, די מיט־רידאַטישע אַרמעניע, גאַליע א. אז. וו. האָבן געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע, ווי ירושלים. די יידישע טראַגעדיע איז געווען נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, אַ פאַקט צווישן פאַקטן. זי האָט נישט מרעיש עולם געווען.

אָבער דער ייד שטעלט זיך אַריין אין דעם צענטער פון דער וועלט. ער באַציט אַלצדינג אויף זיך און מיינט אויפריכטיק, אַז ער איז דער מיטלפּונקט פון דער וועלטגעשכטע.

אָבער — דער גלויבן אין דעם האָט געצווּונגען די אַנדערע צו גלויבן אין אונדז. מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואָלט ווערן דער וועלט־צענטער, ביז מיר זענען עס געוואָרן — אין אַ געוויסער מאָס. און דאָס איז עס טאַקע, וואָס די וועלט קאָן אונדז נישט מוחל זיין. מיר נעמען זיך צו וויכטיק.

און טאַקע דערפאַר איז פאַר מיר דאָס בוך פון זעצער אַזוי אינטערעסאַנט: עס איז די יידישע אילוזיע, אַרויפגעשרויפט ביז צום העכסטן שטאַפל.



קאַנאַניק IV באַנד — 3 בויגן

# פון אַ טויטער וועלט.

זי איז, דאַכט זיך, ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן — און דאָך ווייזט זיך עס אויס, אַז זי איז שוין אַ גראָז-באוואַקסענע מצבה. געווען אַ לעבעדיקע וועלט, פול מיט פאַרב, מיט אַן אייגענער מוזיק — און איצט אַ בית-הקברות. טויט און פאַרגעסן. בלויז פון צייט צו צייט קומט אַרויס פון ערגעץ־ווו אַ קול — אַ קול פון דער פאַרגאַנגענהייט און הייבט אָן דערציילן פון דעם, וואָס איז געווען, פון דעם אַמאָליקן לעבן.

פאַר וועמען איז היינט די חסידישע וועלט — נאָך לעבעדיק? אפשר האָב איך אַ טעות, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז שוין בלויז אַן אָביעקט פאַר אַרכעאָלאָגן, היסטאָריקער, אויסגראָבער פון אַלטקייט. און עס איז פאַר מיר תמיד אַ וווּנדער און אַ פאַרוווּנדערונג, ווען איך דערזע פלוצלונג פאַר מיר אַ מענטשן, וואָס האָט נאָך אַ ריין פערזענלעכע באַציונג צום חסידיזם.

און אַזאַ איבעראַשונג איז פאַר מיר געווען ה׳ יצחק אבן. דאַכט זיך, גייט אַרום צווישן אונדז דאָ אַ ייד, אַ מענטש צו מענטשן גלייך, שפּאַנט איבער די אייגענע גאַסן פון ניוי-אָרק, פאָרט אין „עלעוויטער", רעדט אַ יידיש=אַמעריקאַנישע שפּראַך, שרייבט אין צייטונגען, אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, מיט רור און אַנגאָראַ און קרן-היסוד א. אז. וו. און טראָגט אין זיין האַרץ אַ ליבע, וואָס איז אַזוי אַלט, אַזוי אומפאַרשטענדלעך, און לעבט אין אַ גייסטיקער וועלט, וואָס איז ווייטער פון אונדז, ווי טוטאַנכאַמען אין זיין קבר.

איך האָב געלייענט אַ סך „חסידישע" ליטעראַטור. אין דער לעצטער צייט איז עס געוואָרן ביי יידן אַ מאָדע. אפשר דערפאַר

טאַקע, וואָס מיר זעגען שוין אַוועק פון דעם חסידיזם אַזאַ ווייטן וועג, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ היסטאָרישע דערשיינונג. אָדער אפשר איז דאָס די בענקשאַפט פון דעם יידן נאָך אַ ביסל שיינקייט און התלהבות, נאָך התעוררות.

אָבער דאָס אַלץ, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, איז געווען — ליטעראַטור, געשיכטע, טעקסטן און קאָמענטאַרן. יצחק אבן איז נישט קיין היסטאָריקער, און דאָס, וואָס ער שרייבט, איז נישט קיין ליטעראַטור, ווי מיר פאַרשטייען דאָס וואָרט, ד. ה. אַן אינהאַלט צוגעפּאַסט צו און פאַר אַ פאָרם. עס איז — אויטאָביאָגראַפיע. עס איז די אַנטפּלעקונג פון אַ נשמה. און דערפאַר איז זיין בוך „פונם רבינס הויף" („זכרונות און מעשהלעך פון גוטע יידן — ריזין און סאַדאַגורע") — מער ווי אַ היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג, עס איז אַ מענטש-לעכער דאָקומענט, א ווערק נישט איבער חסידיזם, נאָר פון חסידיזם, נישט איבער רעליגיע, נאָר פול מיט גלויבן, אַ רעליגיעז בוך אין דעם ריינסטן זין פון דעם וואָרט.

עס קאָן זיין, אַז דער פאַרפאַסער האָט געמיינט, אַז ער שאַפט „ליטעראַטור". נישט אומזיסט וווינט ער אין ניו-יאָרק און שרייבט פאַר יידישע צייטונגען. אָבער ער האָט — צום גליק — זיך אַליין טועה געווען. אמת, ער האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס ער האָט נאָר געקענט: צוגעגעבן אָפּט אַ לייכטן טאָן, אַ ביסל איראָניע, באַנוצט זיך מיט אַ שפּראַך, וואָס איז שוין זייער אַמעריקאַניזירט, אַריינגע-וואָרפן אינמיטן פון אַ חסידישן שמועס ענגלישע ווערטער — ווי למשל: דער רבי „ספּענדט" אַזויפיל און אַזויפיל אַ יאָר א. ד. גל.

אָבער טאַקע אָט די נאַיוויטעט פון דער שפּראַך און די אומבאַ-האָלפנקייט פון דער פאָרם מאַכט דעם בוך אַזוי האַרציק, אַזוי אינ-טערעסאַנט, אַזוי מענטשלעך. דער מענטש, דער גלויבנדיקער, דער „חסיד" ראַנגלט זיך מיטן שרייבער — און איז אים גובר.

און דערפאַר טאַקע איז עס אַזוי שפּאַנענדיק — ווייל דאָס ער-שטע מאָל האָט אַ חסיד דערציילט אויף זיין וועג און שטייגער די מעשיות, וואָס ליטעראַטן און היסטאָריקער פאַרטריקענען אין זייערע ביכער. צום ערשטן מאָל — ווייניקסטנס, אַזוי ווייט, ווי עס איז מיר באַקאַנט, איז אַ רבינס „הויף", די גאַנצע, מערקווירדיקע, לעגענדאַרישע וועלט באַשריבן געוואָרן „פון אינעווייניק אַרויס", פון איינעם, וואָס

האָט נישט פאַרגעסן, פון איינעם, וואָס לעבט נאָך — גייסטיק — אין איר עד היום.

אין דער קריסטלעכער ליטעראַטור זענען דאָ אַ סך ביכער פון מיסטיקער, נישט נאָר איבער — נאָר טאַקע פון, און די פּסיכאָלאָגיע האָט אין זיי געפונען אַ רייכן אוצר. וויליאם דזשיימס — אין זיין באַרימטן בוך איבער רעליגיעזער פּסיכאָלאָגיע — האָט זיך באַנוצט מיט דידאַקטישע נשמה-אויסגיסן, מיט די „קאָנפעסיאָנען" פון אויגוסטינוס און פון סט. טערעזע, מיט פראַנציסקאָ פון אַסיסיס לידער, און פון די מיסטישע שריפטן פון מאַדאַם גיאָן. עס איז אַ רייכע און אַ פאַרביקע ליטעראַטור, זי עפנט פאַר אונדז אָפּגרונטן און האָריזאָנטן.

די יידישע רעליגיעזע ליטעראַטור איז אָרעם אין דעם פּרט. מיר האָבן רעליגיעזע ביכער, מיר האָבן מיסטישע ביכער, אָבער בלויז ביכער — נישט קיין „קאָנפעסיעס", נישט קיין „ווידוי", נישט קיין אַנאַליז פון פערזענלעכע דערפאַרונגען. עס זענען פאַראַן לעגענדעס, אָבער דער קוואַל, פונוואַנען די לעגענדעס זענען געקומען, אזוי צו זאָגן, דער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס פון זייער שאַפן — איז פאַרשאָטן און פאַרדעקט.

יצחק אבן דעקט פאַר אונדז אויף דעם קוואַל. ער ווייזט אונדז, ווי אַזוי די חסידים האָבן געשאַפן זייער וועלט, ווי אַזוי די לעגענדעס זענען באַשאַפן געוואָרן. און ער ווייזט עס נישט אויף אַ היסטאָרישן אופן, נאָר דראַמאַטיש — מיט זיך אַלס צענטראַלע פיגור. ער אַליין — איז געווען איינער פון זיי. ער אַליין. ער פערזענלעך האָט געלעבט אין דער אַטמאָספערע פון סאַדאַגורע, פון דעם „רבינס הויף", ער אַליין איז געשטאַנען דערביי, ווי מען האָט געמאַכט אַ „וואָרט" פאַר דעם רבין, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויף. ער אַליין האָט געזען, ווי אַן אַלטער חסיד האָט מיט אַ טיכעלע אָפּגעווישט דעם שטויב פון די שטיינער, וואָס דאַרפן האָבן די זכיה געטרעטן צו ווערן פונם צדיקס פיס. ער אַליין איז געזעסן ביים טביהן אין שענקל, ווו די חסידים האָבן זיך דערציילט די וווּנדערלעכע מעשיות איבער דעם בעל-שם, איבער דעם „מגיד", איבער דעם ריזינער, איבער ר' אברהם מלאך.

און ווייל ער איז אַליין די צענטראַל-פיגור, איז זיין דערציילונג אַזוי אומגעהייער לעבעדיק, אַז זי פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איר לייענט זי

ווי דעם שפאנענדסטן ראָמאַן, ווי אַן אַלט-אָריענטאַלישע לעגענדע, ווי אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט — און פאַרגעסט גאָר, אַז דאָס איז דאָך געווען אַזוי פריש, כמעט פאַר אונדזערע אויגן געשען. און איר פאַר־שטייט בלויז נישט — ווי איז דאָס מעגלעך געווען, און איר שטעלט זיך אָפּ מיט פאַרוווּנדערונג פאַר דעם יידן בכלל. וואָס פאַר א מערק-ווירדיק פאָלק איז דאָס, וואָס קאָן אין דער אייגענער צייט צונויפ־שפּאַנען אַזעלכע געוואַלטיקע קאָנטראַסטן — ווי דעם מאָדערנעם, מאָדערנסטן לעבן, די גאַנצע קולטור פון איראָפּע, דאָס „לעצטע וואָרט" — מיט א לעבן, וואָס איז מעגלעך בלויז ערגעץ אין טיבעט, אָדער אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון אינדיע. וואָס פאַר אַ קאָמ-פּליצירט פאָלק איז דאָס, וואָס קאָן אין דער אייגענער צייט אַרויסברענ-גען פון זיך מאַרקס און ביקאָנספילד און — דעם ריזינער. א פאָר מייל פון סאַדאַגורע איז טשערנאָוויץ, א שטאָדט מיט כמעט „גערמאַ-ניזירטע" יידן, יידן, וואָס לייענען „די נייע פרייע פרעסע", וואָס קעמפן פאַר פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, וואָס גייען אין גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן. און אין סאַדאַגורע — אַ „הויף", אַ „יידישע מלוכה", אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. אַ מלוכה „נישט פון דער וועלט", מיט אירע אייגענע געזעצן, מנהגים און אַמביציעס, אפילו מיט אייגענע פאַרטייען.

איך קאָן זיך אויסמאָלן, וואָס, למשל, אַן ענגלענדער, ווי סער אָליפאַנט, דער ציון־ענטוזיאַסט, האָט זיך באַדאַרפט דענקען, ווען ער האָט געזען דעם ריזינערס הויף. אויב ער איז געווען אַ ווייטער רייזנדער, האָט ער געקענט זיך דערמאָנען אָן איין בילד: דעם הויף פון דעם דאַלאַי-לאַמאַ אין טיבעט. קיין אנדער פאַראַלעל איז נישט מעגלעך.

און ער האָט באַדאַרפט מקנא זיין, פונקט ווי מיר, די נייע יידן, זענען מקנא זיי, די אַלטע. מיר לעבן אין אַ וועלט פון „מוז"; זיי האָבן געלעבט אין א וועלט פון פריידיקער הסכמה. מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס דאָרשט נאָך אַ פאַרענטפערט ווערן, זיי האָבן דעם ענטפער געהאַט. זיי האָבן געוווּסט אַ סוד, וואָס איז פאַר אונדז פאַר־דעקט. ווי קאָנען מיר פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט „דבקות", ווי אַזוי אַ מענטש „באַהעפט" זיך אין אַ פירער, אין א לערער, אין אַ „רבין"? ווי קאָנען מיר זיך אַריינלעבן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט „געפרעגט", נאָר תמיד אָנגענומען;

מענטשן, וואָס האָבן פון יעדן וואָרט, יעדן מינדסטן שריט פון זייער גייסטיקן פירער געמאַכט אַ סימבאָל?

און ווען איך קוק זיך איין אין דעם גייסטיקן לעבן פון אונדזער צייט, הייב איך אָן צו פאַרשטיין, וואָס דער גרויסער כּוח פון דעם יידנטום איז געווען. איך זאָג „פון אונדזער צייט“, ווייל עס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר, יידן, האָבן זיך אויסגעטאָן פון זיך אַליין און זיך גייסטיק אַריינגעלעבט אין דער וועלט אַרום אונדז. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס יידנטום איז באמת אַוועק פון זיך אַליין. און ביי אַנדערע האָבן מיר געפונען דעם פּרינציפּ פון פּערזענלעכקייט, פון אינדיווידואַליזם. די יידישע וועלט האָט געהאַט פירער; די נישט-יידישע האָט זיי קיינמאָל נישט געהאַט. פירערס נישט אויפגעצווּנגענע, נישט פון מאַכט, נאָר פריי-אויסגעקליבענע, פּירערס פון גלויבן, פירערס, וואָס זענען סימבאָליסטישע פיגורן. טויזנטער יאָרן האָט די וועלט געוואַרט אויף אַ גייסטיקן פירער, אויף איינעם, וואָס זאָל פאַרייניקן פעלקער און לענדער. פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, — דעם מענטש-בריק. און זיי האָבן נישט געקענט געפינען. מלוכות זענען אונטערגעגאַנגען, פעלקער זענען צעבראָכן געוואָרן, אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד, ווייל דער פירער איז נישט געווען, ווייל עס איז נישט געקומען דער, וואָס זאָל זאָגן: דו און די — איר זענט ברידער, איר זענט קינדער פון איין פאָטער; דו און דער, וואָס איז פאַר דיר געווען, איר זענט רינגלעך פון איין קייט, ביז דאָס יידנטום איז געקומען און האָט דער וועלט געגעבן די משיח־אידעע, און האָט איר געשענקט יעזוסן.

שלעכט ווי די וועלט האָט יעזוסן פאַרשטאַנען, עפּעס האָט זי פאָרט געוווּנען דערפון: זי איז נישט צעפאַלן געוואָרן. עס איז געווען אַ פּאַפּירענע בריק, אָבער פאָרט אַ בריק. דאָס יידנטום האָט אַזאַ בריק נישט באַדאַרפט האָבן, ווייל אין אים האָט געלעבט די משיח-אידעע, די אידעע פון דעם פאַרייניקער, וואָס וועט קומען, ווען די צייט וועט זיין רייף, און ווייל עס האָט זיך באַצויגן צו דעם לעבן, ווי צו אַ פאַרבאַרייטונג און צו אַ וועג. מיט אַנדערע ווערטער: די קריסטן האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ בריק; די יידן האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז אַ „בריקנקאָפּ“.

עס איז דערפאַר אַ ריינע מיספאַרשטענדעניש, ווען מען מיינט,

אַז דאָס יידנטום איז אין זיין עצם ראַציאָנאַליסטיש. אין די פאָרמען־געוויס; אָבער אַ ראַציאָנאַליסטישע וועלטאַנשויונג, אַ שכל־רעליגיע איז נישט מעגלעך. נישט די דינים און נישט די מנהגים, נישט דאָס שכלדיקע האָט אויפגעהאַלטן דאָס יידנטום, נאָר דאָס מיסטישע אין אים. אַ ראיה: די קבלה, שבתי־צבי און דער חסידיזם.

צונויפגעוועבט מיט טויזנטערליי מאָטיוון — הערשאַפט, אָר־דענונג, היעראַרכיע, במקום־שטאַטלעכע אָרגאַניזאַציע — איז דער גרונטמאָטיוו פון דעם חסידיזם געווען פאָרט דער מיסטישער: דער מענטש איז בלויז אַ סימבאָל, און יעדער דור ווערט פאַרקערפּערט אין אַן אנדער „אדם השלם”, דעם פאָלקומענעם מענטשן, דעם „צדיק”. דאָס איז דער תוך און דאָס איז דער עיקר. דאָס איבעריקע איז פאָרם: שיין און מלכותדיק ביים ריזינער, אָרעם און באַשיידן ביי אַנ־דערע. דאָס איז דאָס צייטלעכע, דאָס, וואָס פאַרגייט און בייט זיך. אָבער דאָס אייביקע בלייבט: דאָס, וואָס איז דער קערן פון דער יידישער נשמה.

אַ טויטע וועלט האָט אויף אַ ווײַלע דערהייבן זיך פון איר קבר און זי פרעגט: בין איך שוין אינגאַנצן טויט? און זי פרעגט ווײַ־טער: וואָס האָט איר, יורשים, געטאָן מיט מיין „ירושה”? און זי וואַרט אויף אַן ענטפער.

# „אַנטי-גוייזם“.

עס איז תמיד געווען איינער פון די בעסטע און שאַרפסטע אַרגומענטן פון אַלע אַנטיסעמיטן: יידן האָבן פיינט די גאַנצע וועלט. פון די אַלטע רוימישע שרייבער — טאַציט, צעלזוס א. אנ. — ביז די מאָדערנסטע דייטשע ראסן=אַנטיסעמיטן, איז די טענה געווען: „זעט, וואָס די יידן טראַכטן וועגן אונדז, רעדן פון אונדז. דענקען וועגן אונדז: זיי האלטן זיך פאַר די אויסגעקליבענע, פאַר די בעסטע, פאַר די קליגסטע; זיי פאַראַכטן אונדז, זיי האַלטן אונדז גאָרנישט פאַר קיין מענטשן“. און זיי פלעגן, מיט דער הילף פון משומדים, וואָס האָבן זיי געגעבן די נייטיקע ציטאַטן, ברענגען ראיות פון דער ביבל, פון דעם תלמוד, פון פאַרשידענע ספרים. פראָף דעליטש האָט אין זיין „גרויסן שווינדל“ אָנגעוויזן, ווי גרויזאַם, ווי באַרבאַריש יהושע בן נון האָט זיך באַגאַנגען מיט די „גויים“, וואָס ער האָט געפונען אין כנען. אנדערע האָבן דערמאָנט די פאַרשידענע מאמרי חז״ל, ווי למשל, „אתם קרואים אדם, ולא הם קרואים אדם“ — איר, ד. ה. איר, יידן, ווערן אנגערופן מ ע נ ט ש ן, זיי, ד. ה. די גאַנצע איבעריקע וועלט, זענען נישט קיין מענטשן. מען האָט אונדז תמיד אויפגעוואָרפן די געוויסע מיינונגען און כשטלעך אין דער גמרא וועגן „טעות גוי מותר“, וועגן צווייערליי מאָסן און צווייערליי באַציונגען צו יידן און צו גויים.

און מיר האָבן זיך פאַרענטפערט, היסטאָריש, פסיכאָלאָגיש, קריטיש. מיר, פון אונדזער זייט, האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז דאָס יידישע לעבן איז תמיד געווען אומנאָרמאל, אַז מיר האָבן זיך געמוזט ווערן אויף אַלע פראָנטן, אז מיר זענען געווען אַ קליינע מינאָריטעט, אַ שוואַכע און הילפסלאָזע און אַז אונדזער איינציקער כלי-זין איז געווען — דאָס וואָרט.

און יעדעס מאָל, ווען דער שטורעם איז אַריבער, ווען עס

האָבן זיך איינגעשטעלט נאָרמאַלערע, בעסערע, רויקערע, מענטשלעכערע באַציונגען צווישן דעם יידן און זיין סביבה, האָט זיך אויך געביטן אונדזער באַציונג און אונדזער אָפּשיידונג. ביים רמב״ם, ביי ר׳ יהודה הלוי, ביי אַלע גרויסע יידן פון דער שפּאַניש־אייראָפּעישער צייט, זעט מען נישט קיין שנאה צו נישט-יידן. פאַרקערט, עס איז דאָ אַן אי־נערער דראַנג צוצוגיין נענטער צו זיי, באַקענען זיך מיט זיי, נעמען און געבן.

אַזוי אין דייטשלאַנד ביז צו דער לעצטער צייט, אַזוי אומעטום, ווו יידן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו לעבן מער אָדער ווייניקער, ווי מענטשן מיט מענטשן גלייך. געוויס, ערגעץ טיף אין אונדזער אייגענעם באוווסטזיין, באַהאַלטן און נישט אויסגעשפּראָכן, איז געלעגן אַ טויזנטיאָריקע ירושה, אַ געפיל פון פרעמדקייט צו דער סביבה, א ביטול־באַציונג. עפּעס איז געבליבן פון דער אַלטער ראַסן-חוצפּה, וואָס שטייט אייגנטלעך אין ווידערשפּרוך מיט דעם בעסטן, וואָס דאָס יידנטום איז, מיט דעם זין און דעם צוועק און דער באַשטימונג פון דעם יידנטום.

עס איז ביי אונדז אויך געווען אַ שטאַרקער, אַ מערקווירדיקער דואַליזם: די שפּאַלטונג צווישן דעם גאָט-באַגריף און דעם „זאָמען"־שטאָף. פון איין זייט, דער יידישער אוניווערסאַליזם. שוין אין דער יידישער קאָנצעפּציע פון דער וועלטשאַפונג, פון דער „בריאה", ליגט דער איינהייטס-געדאַנק. איין גאָט, איין אָנהייב, איין פאָטער פאַר אַלע. אָדער — דער אַלוועלטלעכער, דער אורבוים. פון אים גייען צווייגן אין אַלע ריכטונגען, צווייגן, וואָס וואַקסן אַריין טיף אין דער ערד און ווערן אַליין „פּסעוודאָ-וואָרצלען". יידן זענען בלויז איין צווייג, אָדער אפילו שוין זייער הויך געגומען — יידן זענען דער וואָרצל. גוט. אָבער די אַנדערע אויך. און סוף כל סוף פאַלט קיין שום עפּעלע נישט ווייט פון דעם בוים.

דער אוניווערסאַליזם איז אָבער געווען אַ גייסטיקע אַנטוויקלונג. עס איז געבליבן אויך אַ שטיק חומר, אַ גרויסער חלק פון דער שוואַכער, מענטשלעכער מאַטעריע אין אונדז, און זי איז געוואָרן: ראַסן, זאָמען, זרע־קודש׳טוב. פון דעם איינזאונאייניציקן, איינציקמעגלעכן, איינציקפאַרשטענדלעכן „איך" -- איז געוואָרן אַ „מיר". עס איז דער פילקייט־אינסטינקט, דער פלוראַליזם, וואָס האָט זיך נוקם געווען אין

דער צו שטאַרק געוואָרענער איינהייטס=אידעע. די בעסטע צווישן די יידן האָבן תמיד געפילט דעם ווידערשפּרוך און האָבן געפּרוווט איבּ צו באַזייטיקן, ווי שפּינאָזאַ, אָדער פאַרענטפערן, ווי די אין טראַדיציאָנעלן יידנטום פאַרבליבענע יידישע דענקער.

מען האָט אַזוי שטאַרק, אַזוי אָפט פאַרענטפערט, אַז עס איז געוואָרן נמאס. און די קלענערע, די מיטלמעסיקערע האָבן געמאַכט אַ גאַנצן קולט דערפון. זיי האָבן געשאַפן די אומסימפּאַטישע, די חניפהדיקע אַפּאָלאָגעטיק. אומסימפּאַטיש, ווייל איבעריק, ווייל נישט איבערצייגנדיק, ווייל אומנייטיק. א חוץ יידן לייענט קיינער נישט די יידישע אַפּאָלאָגעטן. עס איז אַ מין סאָרט אַדוואָקאַטן-רעדע, וואָס ווערט געהאַלטן נישט פאַר דעם ריכטער און נישט פאַר דער דזשורי, נאָך פאַר דעם אָנגעקלאָגטן אַליין. און ווען ער האָט א חוש פאַר ה׳מאָר און פאַר ווירקלעכקייט, מוז ער ביטער לאַכן. איך קאָן מיר אויסמאָלן אַזא שטימונג, ווען דער אָנגעקלאָגטער הייבט זיך אויף און זאָגט: „גענוג מיט אַדוואָקאַטן-קונצן, גענוג אַפּאָלאָגעטיק. איר, איר אָנקלאָגער באַשולדיקט מיך אין אזעלכע און אַזעלכע חטאים — גוט, איך בין מודה. איך בין שולדיק לויט אייער געזעץ. איך גיב צו — אין אייערע אויגן מוז איך זיין אַ פאַראורטיילטער — אָבער אַזוי בין איך, איך קאָן אַנדערש נישט זיין. און טוט מיר עפּעס. נאָכמער, איר קלאָגט מיך אָן, איך קלאָג אייך אָן. גייט איר אַראָפּ פון אייער ריכטערשטול, זעצט איר זיך אַנידער אויף מיין אָרט, און הערט אויס, וואָס איך וועל אייך זאָגן איבער אייך, און קוקט אייך אָן מיט מיינע אויגן, ווי א י ך זע אייך”.

אומגעפער אַזוי, ווי אין דעם באַרימטן דיאַלאָג פון איוב. צוערשט רעדט איוב, באַשולדיקט, קלאָגט און קלאָגט אָן — און ער איז גערעכט. דערנאָך רעדט גאָט — און דער בעל=דין ווערט אַליין אַן אָנגעקלאָגטער.

עס קאָן זיין, אַז איוב וואָלט געקאָנט ענטפערן, אָבער די רעדע פון זיינע אָנקלאָגער איז געווען צו שטאַרק — מיט צו גרויסע עפעקטן: דונער, בליצן א. אז. וו. און איוב האָט פשוט נישט געהאַט קיין מוט. ער האָט אויך נישט געזען קיין נוצן אין אַ פאַרלענגערונג פון דער דיסקוסיע. ער האָט אָנגענומען דעם גזר-דין מיט אַ „הינטער-געדאַנק”, מיט אַ ”reservatio mentalis„, ווי מען זאָגט אין דער יורידישער שפּראַך.

* * *

אָבער אַפּילו ווען מען וויל זיך שוין יאָ אַריינלאָזן אין אַזעלכע פּרובלאָזע דעבאַטן — מוז מען נישט נאָר וויסן צוליב וואָס, מ'מוז אויך וויסן ווי אַזוי. די אַנטיסעמיטן ווייסן עס נישט. זיי באַנוצן זיך תּמיד מיט אויסגעדראָשענע אַרגומענטן. זיי פעלשן געשיכטע, אָדער זיי לאָזן זיך אַריין — ווי, למשל, דער נייסטער טעאָרעטיקער פון ראַסנטום אָסוואַלד שפּענגלער — אין אַזעלכע היסטאָריש-פילאָזאָפישע פלאָנטערס, אַז זיי קאָנען נישט געפינען מער קיין אויסוועג. זיי לאָזן זיך אַריין אין מדבריות און קאָנען נישט מער אַרויס פון דאָרט.

און דאָס אייגענע, ווען מען קערט איבער דעם פעלץ — און ווען דער ייד ווערט אַגרעסיוו, הייבט אָן צו פריידיקן אַנטי-גוייזם. איך געדענק נישט אַקוראַט פון וועמען דאָס וואָרט שטאַמט. דאַכט זיך, פון בערנאַרד לאַזאר, אָדער פון אַן אַנדער פראַנצויזיש-יידישן שרייבער. עס איז אַ גוט וואָרט, און כאַראַקטעריזירט אַ שטימונג, וואָס איז אָנגעוואַקסן ביי מאַסן יידן — פון דעם יינגערן דור, יונגע יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די אומגעהייערע קאַטאַסטראָפע פון דער וועלט-מלחמה, וואָס האָבן געפונען פאַר זיך אַ דעזאָרגאַניזירטע, צעפאַלענע וועלט — יידן, וואָס האָבן זיך אָריענטירט — אַזוי ווי די פעלקער, וואָס האָבן זיי גייסטיק געשפייזט: עקסטרעם-נאַציאָנאַליסטיש.

אַ פאַרשטענדלעכע, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע ביטערקייט און פאַרביטערונג. און ווי יעדע ביטערקייט, שאַפט זי אַן אילוזיע: די אילוזיע פון מעטאַפיזישע גרענעצן, פון נאַטור-נייטווענדיקער שנאה. מען מערקט עס אין דייטשלאַנד: אַט דאָס אויפקלאַקערן צווישן די יונגע יידן פון דער „מיר־איר"-שטימונג. מען מערקט עס שוין אויך אין אַמעריקע, ווו אַ האַלב אָדער גאַנץ-אַסימילירטער יידישער דור געפינט זיך נישט אין דער נייער אַמעריקאַנישער סביבה און זוכט דערויף צו רעאַגירן. אַמעריקע איז אין אַן איבערגאַנגס-צייט. עס איז די צייט פון „חבלי לידה". פון אַ מאַסע ווערט געבוירן אַ פאָלק. און מיט דער נאַציאָנאַליזירונג פון אַמעריקע קומט דער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט נאָך נישט קיין „יאָ", נאָר בלויז אַ „ניין". אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס איז נישט זיכער מיט זיך, וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען, בלויז אַן אומבאַשטימטן פאַרלאַנג. פראַנקרייך האָט שוין נישט קיין מורא. זי איז שוין נאַציאָנאַל געזעצטיקט. זי קען אַרייננעמען אין זיך פרעמדע עלעמענטן און אַסימילירן זיי. אָבער אַמעריקע האָט מורא. ווער און וואָס וועט געבן דעם גרונט-טאָן, דעם הויפּט-אַקצענט, די פּונ-

ראַגטאַל־ליניע דער נייער אַמעריקאַנישער קולטור? דער „אַנגלאָזאַק־סישער" עלעמענט בויט זיך אויף אַ מיטריוס פון אן אייגענער קולטור, פון אַ „נאָרדישער" ראַסע, פון „אַמעריקאַניזם". און דערפון דער נייער אומטאָלעראַנטער נאַציאָנאַליזם, דער קו־קלוקס־קלען, די אַנטיסעמיטישע, די פרעמד־פיינטלעכע טענדענץ.

און אומגעדולדיקע יידן, אָן דער היסטאָרישער רויקייט און זעלבסטזיכערקייט פון דעם איינגעוואָרצלטן יידן, נעמען עס טראַגיש. לודוויג לואיסאָן, וואלדא פרענק און צולעצט אונדזער גוטער פריינט מאָריס סעמיועל.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער פסיכאָלאָגיע. זי פאַסט זיך אַזוי צו. זי נעמט אָן דעם טאָן פון דעם לאנד, פון דעם פאָלק, פון דער צייט. אין דייטשלאַנד שרייבט מען וויסנשאַפטלעך, מעטאַפיזיש. אין רוסלאַנד — מיסטיש און פאָליטיש. אין אַמעריקע אַגרעסיוו, דירעקט, אַזוי צו זאָגן, אין באקסער־שפּראַך.

אַזא איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט מ. סעמיועלס בוך: „איר, גויים" — „יו דזשענטיילס", אַ בוך, ווו — ווי די קריסטלעכע פאַרלעגער הארקורט בראַס ענד קאָ. זאָגן אין דעם אנאָנס: „אַ מאָדערנער ייד זאָגט צום ערשטן מאָל די גויים, וואָס ער דענקט וועגן זיי". הארקורט בראס זענען, הפנים, נישט זייער געניט אין דער וועלט־ליטעראַטור. זיי וואָלטן באַדאַרפט וויסן, אַז עס האָט אַמאָל געלעבט אויף דער וועלט אַ משה העס, וואָס האָט אין זיין בוך, „רוים און ירושלים" גאַנץ קלאָר געזאָגט, וואָס דער ייד דענקט איבער דער נישט־יידישער וועלט, אַז עס האָט אַמאָל געלעבט אַ ייד מיט דעם נאָמען היינע, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ שאַרפע צונג. און נאָכמער — עס איז אַמאָל געווען אַ ייד — אמת, אַן אויסגעטראַכטער, אָבער דאָך אַ סימבאָליש־ווירקלעכער — מיט דעם נאָמען שיילאָק, וואָס האָט געזאָגט זיין קריסטלעכן שכן — סיניאָר באסאניאָ, גאַנץ אָפן, וואָס ער דענקט איבער קריסטן. ווארים אין עצם איז סעמיועלס בוך מיט אזא שאַרפן נאָמען „איר, גויים" נישט מער ווי אַ דערווייטערונג און אמערקאניזירונג פון דעם באַרימטן שיילאָק־מאָנאָלאָג. די אייגענע טענות — בלויז אין אַמעריקאַנישער פאָרם — און מיט אַ ציוניסטישן אונטערשלאַק.

דראַמאַטיש, נישט היסטאָריש. ליריש, נישט וויסנשאַפטלעך. און דער עיקר — צוועקלאָז. סעמיועל מאַכט זיך גרינג די אַרבעט. ער אַנט-

װאָפנט דעם קריטישן לעזער גלײך אין אָנהײב. ער לײקנט די װיל־
טיקײט און די באַדײטונג פון געשיכטע, פון באַװײזן, פון סטאַטיסטיק
און דיאַגראַמען. ער דאַרף עס נישט האָבן, זאָגט ער. „װאָס דאַרף
איך האָבן געאָגראַפיע, אַז איך האָב אַ בילעט״ — טענהט דער גוי
אין דעם קלײנרוסישן אַנעקדאָט. און סעמיועל טענהט פשוט אויך
אַזוי: „װאָס דאַרף איך האָבן געשיכטע און פאָרשונגען און טיפע
אַנאַליזן, װען איך האָב פאַר זיך די לעבעדיקע װירקלעכקײט, די באַ־
אָבאַכטונג פון דעם טעגלעכן לעבן?״

מיט אַזאַ מעטאָד איז, פאַרשטײט זיך, זײער גרינג צו באַװײזן
אַלצדינג. מען קלײבט זיך אויס אַ „הנחה״ און מ׳בויט אויף איר. און
װען מען װיל נישט אונטערזוכן, צי די הנחה איז אַ ריכטיקע — איז
אַלצדינג אַזוי גלאַט, אַזוי פײן! סעמיועל האָט באַאָבאַכט דעם אמע־
ריקאַנישן לעבן, און האָט געזען, אַז די אַמעריקאַנער האָבן ליב —
דעם שפּיל, ספּאָרט — „געים״. עס איז זיכער אַ ריכטיקע באַאָבאַכ־
טונג. מען דאַרף נישט אָנטאָן קײן פאַרגרעסערונגס־ברילן, כדי עס
צו זען. די פראַגע איז בלויז — פונװאַנען דאָס נעמט זיך און װו
זענען די פסיכישע װאָרצלען פון דעם ספּאָרט. עס פאָדערט אַ טיפע
אַנאַליזירונג, אַן אַנאַליז נישט בלויז פון דעם אַמעריקאַנער כאַראַק־
טער — אויב עס איז דאָ אַזאַ זאַך — נאָר פון דער אַנטװיקלונג
פון דער אַמעריקאַנער קולטור, דער קולטור פון פרײע פעלדער, פון
ברײטקײט, פון פיאָנערנטום, פון קראַפט־מענטשן.

אָבער סעמיועל לאָזט זיך נישט אַרײן אין דעם אַנאַליז פון
דער פראַגע. ער נעמט עס פאַר אַ גרונט־פאַקט. ספּאָרטשפּיל איז
דער צענטער, דער פונדאַמענט פון דער אַמעריקאַנער פסיכיק. אָבער
עס איז אים נאָך װײניק. אַמעריקע, דאָס אַנגלאָזאַקסנטום, איז אים
קאַרג. ער גײט װײטער. ער נעמט אַרײן די גאַנצע װעלט, אַלע גױים,
און, פאַרשטײט זיך, אויך בײ אַלע גױים איז דאָס לעבן אַ ספּאָרט,
אַ שפּיל, מוז בײם ײדן — אַלס אַנטיטעזע — זײן דאָס לעבן ע ר נ ס ט,
א ביטערער, אַ טרויעריקער ערנסט, אַ ל ע ב ן א י ן ג אָ ט און פאַר
גאָט, א. אַז. װ.

די אידענטיפיצירונג פון ײדן און גאָט איז גראָד נישט אַזוי
שפּאָגלנײ. נײ און אומדערװאַרט איז דער כּלל, אַז די „גױים״
האָבן נישט קײן ערנסט, האָבן נישט קײן לעבן אין, פאַר און צוליב
גאָט. װי װאָלטן געװען פאַרװונדערט די רוסישע „גאָטזוכער״, װען

זיי וואָלטן דאָס געהערט! אָדער די ענגלישע פּוריטאַנער, אָדער די קאַטוילישע אַסקעטן!

און ווען מיר זאָגן אַפילו, אַז די גאַנצע קריסטלעכע וועלט-באַציונג איז אויסשליסלעך אַ יידישע, און אַז, ווי די טשעמבערלינס און ראַסן-אַנטיסעמיטן טענהן — די יידן האָבן פארשקלאַפט און פאַרקריפּלט דעם אַרישן פרייען גייסט, — וואָס קאָן מען זאָגן וועגן די מאַכמעדאַנער, אָדער וועגן די בודיסטן?

מילא, ווען דידאַזיקע אומריינע, געקינסטלטע געשיכטס-מיסטיק וואָלט געהאַט אַ זין און אַ צוועק! ווען זי וואָלט צו עפּעס געפירט! אָבער וואָס איז דער פּועל יוצא פון סעמיועלס „איר-מיר"-פילאָזאָפיע? גאָרנישט. אַלצדינג בלייבטביים אַלטן. גויים זענען גויים, יידן זענען יידן; גויים שפּילן זיך מיט דעם לעבן, יידן נעמען אים ערנסט, און דערפאַר קאָנען זיי זיך ביידע קיינמאָל נישט צונויפקומען. ד. ה., יידן און גויים זיצן אין צוויי שטייגן, מיט אייזערנע קראַטעס אָפּגעטיילט און קריצן מיט די ציין איינער אויף דעם צווייטן. אַ פיינע פּערספּעקטיווע אין אונדזער אייגן לעבן! אפילו אָן אַנטיסעמיטיזם. אַפילו אין אַ פרייער ציון! ערנסט, מיט פאַרקנייטשטע שטערנס. וויסנשאַפט האָט פאַר אונדז נישט קיין ווערט, שפּיל — זינלאָז, פילאָזאָפיע — אומנייטיק, — בלויז גאָט און גאָט! ווי האָט אַמאָל גילבערט געזונגען אין דעם „מיקאַדאָ"?

To sit in solemn silence in a dull dark dock,
In a pestilential prison, with a lifelong lock.

זיצן און וואַרטן אויף גאָטס קעניגרייך — אָדער אויף וואָס? איך ווייס נישט, ווו מיין פריינט סעמיועל האָט „באַאָבאַכט" אַזעלכע יידן — איך האָב זיי זעלטן געזען, און אַ חוץ פּאַולוס — דעם קריסט געוואָרענעם פּרוש — האָט קיין איינציקער ייד נישט געפּריידיקט אַזאַ פינסטערניש, אַזאַ ערנסט, אַזאַ גאָט-וואַרטנדיק לעבן.

איך וויל האָפן, אַז די „גויים" וועלן מיט זייער ווייניק זין פאַר ערנסט נישט נעמען זייער ערנכט דאָס בילד, וואָס סעמיועל האָט אויסגעמאָלט פון דעם יידן. וואָרים ווי וואָלטער האָט אַמאָל געזאָגט: „אַלע מינים זענען דערלויבט, אַ חוץ דעם לאַנגווייליקן!"

# דער „יידישער אינטעלעקט“.

אין יעדן לאַנד — און בײַ יעדן פאָלק — וואָלט באַדאַרפט זײַן אַזאַ מנהג: פון צײַט צו צײַט, אַלע פופציק יאָר, אָדער צום העכסטן אַלע הונדערט יאָר — צונויפזאַמלען דאָס בעסטע, דאָס שענסטע, דאָס רײַפסטע, וואָס דאָס פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט אין משך פון דער צײַט — און אַרויסגעבן עס אין איין גרויסן באַנד — אַ מין מאָנומענט פון דעם גײַסט.

מען טוט עס דאָך סײַ ווי כּײַ, אין דער פאָרם אָדער אין אַן אַנדערער. אָבער די, וואָס טוען עס, זענען געוויינלעך פּריוואַטע מענטשן, יחידים, באַשרענקט אין מיטלען און באַגרענעצט אויך דורך זייער פּערזענלעכער איבערצײַגונג.

עס איז נישט קיין אַרבעט פאַר איין מענטשן. איינער קען נישט זײַן קיין מומחה און קיין מבין אויף אַלצדינג, קאָן נישט האָבן קיין צוטריט צו אַלע ווינקעלעך פון דער קולטור. אַן אַקאַדעמיע וואָלט עס באַדאַרפט מאַכן. אַ גרופּע געלערנטע, שריפטשטעלער, דענקער — און דאָס פאָלק וואָלט באַדאַרפט נעמען אויף זיך די הוצאות פאַר דער אַרבעט.

און איך האָב זיך אָפט געטראַכט, אַז עס וואָלט שוין צײַט געווען, אַז אויך בײַ יידן זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַזאַ ווערק. געוויס, פון צײַט צו צײַט קומט אַרויס אַ בוך — וואָס רופט זיך אָן מיט אַ גרויסאַרטיקן נאָמען „אוצר“, טעזאורוס“, „ענציקלאָפּעדיע“, אָדער „מאָנומענטאַ יודאַיקאַ“. אָבער זיי גיבן כמעט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס זיי זאָגן צו. זיי זענען איינזײַטיק — אין דער פילאָלאָגישער, היסטאָרישער,

אָדער ליטעראַרישער ריכטונג. זיי שפּיגלען קיינמאָל נישט אָפּ דעם „יידישן אינטעלעקט".

און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע. נישט בלויז פאַר אונדז, וואָס ווילן זיך קענען, וואָס מוזן זיך אַליין פאַרשטיין, נאָר אויך פֿאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט, מוז האָבן אַ באַציונג צו אונדז.

מיט זעכציק, אָדער זיבעציק יאָר צוריק, האָט דיזראַעלי געשריבן אין זיין „קאנינגסבי": „אין דעם איצטיקן אויגנבליק, נישט קוקנדיק אויף הונדערטער יאָרן, אויף צענדליקער יאָרהונדערטער פון אונטערדריקונג, האָט דער יידישער גייסט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אייראָפּעישע אָנגעלעגנהייטן. איך רעד נישט בלויז פון די געזעצן, פון דער ליטעראַטור — איך רעד פון דעם לעבעדיקן יידישן אינטעלעקט".

דיזראַעלי האָט געוווּסט פון וואָס ער האָט גערעדט. ער האָט גערעדט פון זיך אַליין. ער האָט געפילט די גרויסע מאַכט, וואָס דער יידישער גייסט, דער יידישער „אינטעלעקט" האָט איבער דער וועלט, ווי ער פורעמט געשיכטע, ווי ער קנעט דעם גורל פון די פעלקער.

אין דיזראַעליס צייט איז עס געווען בלויז דער געפיל פון איינצלנע — היינט איז עס דאָס באַוווּסטזיין פון אַלע. נאָך קיינמאָל איז דער „יידישער אינטעלעקט" נישט געווען אַזוי היסטאָריש־שעפעריש, ווי איצט. נאָך קיינמאָל האָט דער ייד נישט אַזוי דירעקט באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון דער געשיכטע, די אַנטוויקלונג פון דער קולטור, ווי היינט. און דערפאַר איז עס היינט נייטיקער, ווי ווען עס איז פריער, צו וויסן, צו פאַרשטיין, וואָס איז דאָס דער „יידישער אינטעלעקט" — וואָס איז זיין מהות און וואָס זענען זיינע פאַרבאָרגענע מאָטיוון?

עס וואָלט זיכער געווען אַן אויפגאַבע פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק. עס וואָלט געווען וויכטיק דערצו אויסצוקלייבן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון רעפּרעזענטאַטיווע יידישע געלערנטע און שריפֿטשטעלער, וואָס זאָל זיך נעמען די מי צו זאַמלען דאָס בעסטע, דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, וואָס דער יידישער אינטעלעקט האָט געשאַפן פאַר די לעצטע פופציק יאָר — פון זינט די יידן זענען געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר אין דער מאָדערנער וועלט. און אַזאַ בוך

האַלט באַדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן אין די צוויי נאַציאָנאַל=שפּראַכן פון דעם יידישן פאָלק — אין יידיש און העברעיִש, אָבער אויך אין איינער, אָדער צוויי פון די איצטיקע וועלט־שפּראַכן, און הויפּטזעכלעך אין ענגליש און דייטש, די צוויי שפּראַכן, וואָס זענען פאַרבונדן, מער ווי אלע אַנדערע, מיט דער געגנוואָרט און צוקונפט פון דעם יידנטום.

אַבער איידער די יידן וועלן זיך אויסקלייבן צוצוטרעטן צו אַזאַ מאָנומענטאַלווערק, צו דער אויסגאַבע פון אַזאַ „מאָנומענטאום יודאַ־יקום — מוז מען זיך באַנוגענען מיט סוראגאטן, מיט דערווייליקע „ערזאַץ"־מאָנומענטן.

און איך מוז זאָגן, אַז פון די אַלע ערזאַץ־מאָנומענטן און זאַמל־ביכער איז דאָס ערשטע, וואָס האָט אי געשמאַק, אי אַן אידעע — די „יידישע אַנטאָלאָגיע, וואָס דער פראַנצויזיש=יידישער פּאָעט עדמאָן פלעג האָט צונויפגעשטעלט — אויף פראַנצויזיש — און וואָס מאָריס סעמיועל האָט אַרויסגעגעבן אויף ענגליש *).

געשמאַק און פאַרשטענדניש — און דיכטערישער אינסטינקט האָבן אָפּגעהיט די צונויפשטעלער — די הערן פלעג און סעמיועל, פון דעם אייביקן אבן נגף פון אַלע יידישע שרייבער וואָס ווענדן זיך צו די אומות העולם: ד. ה. אַפּאָלאָגעטיק. יידן האָבן דאָך אַזאַ טבע: זיי פאַרטיידיקן זיך תמיד. זיי זינגען זיך תמיד שבחים, גרויסן זיך מיט זייערע פאַרדינסטן און פּרעזענטירן דער וועלט אַ מין וועקסל: אָט, זעט, וואָס מיר זענען, וואָס מ'ר האָבן אויפגעטאָן — זעט, באַוואונדערט און זייט גוט צו אונדז! דאָס איז אומגעפער דער סאָן און דער צוועק פון אַלע יידישע „אויסשטיי־טשער" און ליטעראַרישע אימפּרעסאַריאָס.

פלעג און סעמיועל זענען מאָדערנע יידן. זיי רעדן נישט צו די „פעלקער", זיי ווילן נישט ווייזן דער וועלט „די שיינקייט" און די „גרויסקייט" פון דעם פאָלק ישראל. זיי ווענדן זיך צו דעם יידן גופא. סוף כל סוף זענען דאָך די יידן אַליין די „נוגעים בדבר". זיי מוזן דאָך אַליין ערשט דערוויסן זיך, וואָס דאָס יידנטום באַטייט

*) The Jewish Anthology, by Edmund Fleg, translated by Maurice Samuel, New York, Harcourt Brace & Co., 1925.

וואָס עס האָט אויפגעטאָן, וואָס איז זיין וועג און זיין ציל. מיט קינות אַליין, מיט קאַפּיטלעך תנ״ך אָדער דרשות איז נאָך ווייניק דערגרייכט. דער ייד פון היינט, דער יונגער ייד פון דעם נייעם דור, וואָס האָט נישט מער קיין צוגאַנג צו די אַלטע קוואַלן, וואָס קאָן שוין נישט מער עפענען די טויערן פון דער פאַרגאַנגענהייט, מוז באַקומען אַ שליסל צו זיך אליין. ער מוז וויסן — וואָס פאַר אַ פאָרמען דער יידישער אינטעלעקט קאָן אָננעמען און האָט אָנגענומען אין דעם לויף פון דער מערקווירדיקער פיל־קאָלירטער יידישער געשיכטע.

פון פלאַוויוס און פילאָן, דעם אַלעקסאַנדרינישן פילאָזאָף, וואָס האָט געוואָלט בויען אַ בריק צווישן דעם יידנטום און פלאַטאָן, פון אַריסטאָס, דעם העלעניזירטן יידן און די יידישע יידן פון ארץ־ישראל און בבל, די תנאים, די אמוראים — פון יהודה הלוי און שלמה גבירול, פון דעם רמב״ם און סעדיה — ביז היינע און לאַזאַרוס און הערמאַן כהן, פון עמנועל הרומי ביז מאָריס ראָזענפעלד און אברהם רייזען, פון דעם דאָן אַבּרבנאל ביז דיזראַעלי און הערצל און ראַטענאַו — פּאָעטן, דענקער, שטאַטסמענער, נאַציאָנאַליסטן און אַסימילאַנטן, גלויביקע און סקעפּטיקער — באַוווּסטזיניקע יידן און באַווּסטזיניק אַוועקגעגאַנגענע — ווי, למשל, קאַרל מאַרקס — אַלע זענען זיי דאָ, יעדער מיט זיין מימרא, יעדער מיט זיין וואָרט.

„פּסוק לי את פּסוקך" — זאָג מיר דיין פּסוק — אזוי ווענדט זיך יידישע געשיכטע צו יעדן קינד פון דעם יידישן פאָלק, — וואָס ער איז נישט געווען און ווי אַזוי ער האָט זיך נישט געהאַט באַצויגן צום יידנטום. און יעדער זאָגט זיין פּסוק.

און פון אַלע פּסוקים — יעדער אין ווידערשפּרוך צום צווייטן — יעדער מיט זיינע אייגענע ניואַנסן און אַסאָציאַציעס און רמזים — וואַקסט אויס איין גאַנצקייט — אַ מין גייסטיקער עפּאָס פון דעם יידישן אינטעלעקט.

איך וואָלט געגאַנגען נאָך ווייטער: איך וואָלט אין אַזאַ מין אנטאלאגיע אַריינגענומען נישט בלויז דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צום יידנטום, נאָר אַלצדינג, וואָס טראָגט אויף זיך דעם יידישן חותם. איך וואָלט אַריינגענומען דעם בריף פון פּאַולוס צו די יידן, די פּאָלעמי-

קעס פון די משומדים פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג און פון דעם פראַנקיזם; איך וואָלט אָבער אויך אַריינגענומען אַ קאַפּיטל פון מענדעלסאָנס „פעדאָן" און געאָרג זימעלס „געלט" און מאַרסעל שוואָבס עסייס און בערנעס ליידנשאַפטלעכע בריוו פון פּאַריז און אַפילו אַ קאַפּיטל אָדער צוויי פון שפּינאָזאַ און בערגסאָן און היינריך הערץ, דעם פיזיקער און איינשטיין און מינקאָווסקי.

איך וואָלט זיי אַלע איינגעשלאָסן צווישן די טאָוולען פון אַ בוך — און אין דעם בוך וואָלט געווען נישט מער אַן אַנטאָלאָגיע פון דעם יידנטום, נאָר אַ שפּיגל פון דעם יידישן אינטעלעקט. אַ מאָנומענט פון דעם יידישן גייסט.

עס איז נישט קיין ספק — די יידישע געשיכטע מוז ערשט געשריבן ווערן. וואָס מיר האָבן ביז איצט, איז בלויז אַ פראַגמענט און אַן אָנהייב. עס מוז אויפסניי אָנגעשריבן ווערן די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין די אַלטע, גאָר אַלטע צייטן. די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם ביז אַהער — גרעץ, יאָסט, וועלהויזען, מאיער א. אז. וו. האָבן נאָך גאָר ווייניק געוווסט פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן. מיט יעדן יאָר קומען נייע אַנטדעקונגען. נייע אוצרות ווערן געפונען. וואָס ווייטער — אַלץ קלאָרער ווערט עס ווערן, וואָס מיר זענען אַמאָל געווען — און ווי אַזוי מיר זענען געוואָרן, וואָס מיר זענען.

אָבער עס האָט די פריערדיקע היסטאָריקער געפעלט נישט בלויז די גענויע קענטניש פון די מאַטעריאַלן, נאָר אויך דער אַלגעמייגער קוק — דער פרייער היסטאָרישער בליק אויף דעם יידישן פאָלק. דער יידישער היסטאָריקער האָט תמיד געשריבן מיט אַ כוונה: צו פאַרטיידיקן אָדער צו באַשולדיקן. אָבער זייער זעלטן האָט ער געוואָלט בלויז פאַרשטיין.

די געשיכטע פון די יידן מוז געשריבן ווערן אויפסניי. און דערצו מוז מען צוגרייטן דעם באָדן, זאַמלען די מאַטעריאַלן, קריטיש, מיט פאַרשטאַנד און גענויען וויסן. עס מוז געשאַפן ווערן פאַר דעם יידנטום א מין גרונטבוך — אַ בוך פון אינווענטאר.

און דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם פאָלק אַליין. פאַרוואָס זאָל עס דער ירושלימער אוניווערזיטעט נישט טאָן? דאָס וואָלט גע=

ווען זיין ערשטער און וויכטיקסטער אויפטו. און איך בין זיכער, אז ווען מען וואָלט צוגעטרעטן צו אזא ארבעט, וואָלטן זיך געפונען אי מיטלען, אי מענטשן דערפאַר. די אידעע דאַרף בלויז לאַנסירט און געשטיצט ווערן, מען דאַרף בלויז פאַרשטיין, אז „ראשית חכמה" איז — קענען זיך אליין. און נישט נאָר פאַר א מענטשן — נאָר אויך פאַר א פאָלק.

# „זאלץ אויף די ווונדן“.

אין אַ ניו-יאָרקער וויצבלאַט איז מיר אַמאָל געמאַכט געוואָרן אַ זייער גרויסער, זיכער אומפאַרדינטער קאָמפּלימענט. און אין אונדזער צייט פון מאַנירלאָזיקייט — אין אונדזער פּרעסע, ווו דער טאָן איז אַ ביסל נידעריקער פון דעם אייפלטורם, איז אַ קאָמפּלימענט אַזאַ זעלטענע זאַך, אַז איך פיל זיך פשוט פאַרפּליכטעט אים צו קוויטירן, געבן אַ קבלה מיט דאַנק.

דער קאָמפּלימענט איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: עס איז געווען אויסגעמאָלט די „יידישע נאַציאָנאַלע קולטור“ — אַ יונגע און שיינע פרוי — מיט אַ בלויזן רוקן, און אויפן רוקן דריי ווונדן. און אַ האַנט איז אויסגעשטרעקט פון אויבן מיט אַ זאַלצמעסטל — און שיט זאלץ אויף די פרישע ווונדן. די האַנט איז לויט דער אויפשריפט אויפן בילד — מיינע.

זיי האָבן עס מן הסתם נישט געמיינט, אָבער זיי האָבן דערמיט אַרויסגעזאָגט דעם גרעסטן שבח, וואָס איך האָב ווען עס איז געקאָנט דערוואַרטן.

און איך בין זיך מודה — עס איז אמת. איך האַלט אין מיין האַנט אַ זאַלצמעסטעלע און שיט זאַלץ אויף די ווונדן פון דער יידישער קולטור. עס טוט מיר בלויז אָפּט באַנג, וואָס איך האָב נישט גענוג זאַלץ, אָדער וואָס מיין זאלץ האָט נישט די בייסנדיקע, די עסנדיקע, די ווייטועגדיקע קראַפט, וואָס זי וואָלט באַדאַרפט האָבן.

עס איז אמת — און עס מוז אַזוי זיין. און איך פאַרשטיי גאָרנישט, פאַר וואָס אַלע יידישע שרייבער, אַלע יידישע קולטור-טרעגער און קולטור-בויער האָבן זיך נישט באַוואָפנט מיט זאַלצמעסטלעך,

פאַרוואָס זיי שיטן אַלע נישט קיין זאַלץ אויף די ווונדן פון דער יידישער קולטור.

איך ווייס — מען האָט מורא פאַר ווײ־טאָן. מען האָט אויך מורא פאַר זאַלץ. עס איז אפשר דער אפשרעקנדיקער ביישפּיל פון לוטס פרוי. זי האָט זיך אומגעקוקט — און געוואָרן אַ זאַלץ־שטיין, אַ זאַלץ־סטאַטוע.

און אין יעדן קוקן צוריק איז דאָ זאַלציקייט. אַנאַליז איז אויפלייזונג, קריטיק איז — צוריקפירן דאָס גאַנצע, דאָס געוואָרענע צו זיינע אור־חלקים, צו די גרונט־עלעמענטן. און ווען מען זאָל פרעגן דעם אָביעקט, וואָס מען אַנאַליזירט, צי ער האָט הנאה דערפון — וואָלט ער זיכער געזאָגט, אַז ער האָט ווייט־ווייט נישט קיין תענוג. אָבער דער גליק איז, וואָס מען פרעגט אים נישט. מען גייט אָן מיט דער אַרבעט, מיט דעם אַנאַליז — כדי צו קומען צו אַ נייעם סינטעז.

עס איז נישט קיין ספק, אַז די יידישע קולטור געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד, ווען עס מוז געמאַכט ווערן אַ שטענדיקער, נישט־שאַנע־ווענדיקער, אומבּרחמנותדיקער אַנאַליז. אויב מען וויל בכלל ווייטער בויען, אויסבויען, שאַפן אַ יידישע קולטור. דער אומגליק איז בלויז, וואָס די מייסטע פון אונדזערע קולטור־שאַפער גיבן זיך נישט אָ קיין קלאָרן דין וחשבון וואָס צו טאָן, צוליב וואָס און פאַר וועמען.

איך רעד דאָ — דערווייל — אויסשליסלעך פון דעם קרייז מענטשן, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דער פאַרפעסטיקונג און אַנטוויקלונג פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור אין אַמעריקע, אָדער אין איי־ראָפּאַ, אין ניו־יאָרק, אָדער אין וואַרשע. עס איז דאָ נאָך אַן אַנדער שטרעמונג — וואָס איז דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצט, וואָס קאָנצענטרירט זיך אינגאַנצן אויף פּאַלעסטינע. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אַ פראַגע, וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן באַזונדער.

וואָס ווילן אייגנטלעך די אויפבויער פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור ? וואָס ברענגען זיי מיט זיך אין דעם יידישן לעבן ? אַזוי ווייט ווי איך זע — בלויז ליטעראַטור, בלויז שפּראַך. עס איז דער־ווייל נאָך נישט קיין קולטור — עס איז בלויז לינגוויסטיק. דאָס יידישע וואָרט, דער יידישער קלאַנג איז פאַר זיי אַ זעלבסטצוועק.

וואָלט דאָס יידישע פאָלק געלעבט אונטער אַנדערע באַדינגונגען, וואָלטן נישט די פונדאַמענטן פון דעם יידישן לעבן געווען אַזוי אויפ־געטרייסלט — וואָלט אַזאַ שפּראַך=קולטור געווען זיכער זייער ניצלעך, זייער נאַטירלעך. פּונקט אַזוי ווי דער קולטור=קאַמף, וואָס די גריכי־שע „יידישיסטן" פירן אָן פאַר זייער פאָלקס-שפּראַך אַקעגן דער אַל־טער „העברעישער" שפּראַך פון דעם העלענישן שטאַט.

אָבער אונדזער פּראָבלעם איז גאָר אַן אַנדערער. עס איז נישט די פראַגע פון איין ריכטונג אָדער אַ צווייטער, פון יידיש אָדער העברעיש, אפילו נישט פון יידיש אָדער ענגליש — דער פּראָבלעם איז פיל טיפער, שווערער, טראַגישער. עס איז די פראַגע פון דער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע פון דעם יידישן פאָלק.

און איך קוק זיך אום — קוק צוריק אויף דעם וועג, וואָס דאָס יידנטום האָט דורכגעמאַכט אויף די דערפאַרונגען פון דער יידישער געשיכטע, אויף די אילוזיעס, וואָס זענען צעשטערט געוואָרן, אויף די בנינים, וואָס זענען איינגעפאַלן — און וואָס פאַר א וואונדער, וואָס איך ווער פול מיט זאָלץ, מיט בייסנדיקן, וויי־טאָענדיקן, ברענענדיקן זאַלץ?

עס קאָן זיין, איך בין אַ מאַקסימאַליסט אין מיינע יידישע פאָ= דערונגען. עס קאָן זיין, דאָס איז דער באַווייז פון מיין גייסטיקער אַסימילירטקייט, פון מיין „גויישקייט". ווי מען האָט מיר געהאַט אויפ־געוואָרפן: „פאַרוואָס פאָדערט איר נישט דאָס אייגענע פון אַנדערע פעלקער, פאַרוואָס בלויז פון אונדז?"

ריכטיק. איך פאָדער פון אַנדערע ווינציקער — ווייל דאָס זע= נען „אַנדערע"; מיר זענען אָבער מיר — און מיר הייסט: איך און נאָך מיליאָנען איכס; ווייל צום יידישן פאָלק לייג איך צו אַן אַנדער מאָס, ווי צו יעדן אנדערן פאָלק.

לאָז זיין, אז עס איז אַ שטאָלץ, אז דאָס איז אַ פיקסע אידעע, געלערנט פון קינדוויז אָן, אריין מיט דער מוטערס מילך אין בלוט אריין, אָבער אזוי איז דאָס. און גראָבט אריין אין דער יידישער נשמה — וועט איר געפינען דעם משיח-געדאַנק, וועט איר געפינען דעם „אתה־בחרתנו".

און איך שעם זיך נישט צו זאָגן גאַנץ אָפן, אַז איך גלויב אין דעם „אתה=בחרתנו". די אויסדערוויילטע, — די אויסגעקליבענע, די באַרו־פענע און באַשטימטע. מיר זענען דאָס — ווייל מיר האָבן עס גע־

וואַלט זיין, ווייל מיר זענען עס געווען. אויסדערוויילט אין ליידן, אויסגעקליבן אין דער לייטערונג, באַרופן אין דער פירונג, באַשטימט ווייטער צו פירן.

וואָס הינטער אונדז איז געווען -- ווייסן מיר. וואוהין מיר האָבן ביז אַהער געפירט - ווייסט די גאַנצע וועלט. וווּ ווייטער ?— דאָס איז די פראַגע. פאַרגאַנגענהייט פאַרפליכטעט, היסטאָריע לייגט אַרויף התחייבותן. און איך קאָן נישט מאַכן שלום מיט דעם גע-דאַנק, אַז מיר, יידן, האָבן איבערגעלעבט דאָס ערנסטע, דאָס שווערסטע, וואָס מענטשן קאָנען איבערלעבן — בלויז צוליב דעם, אַז מיר זאָלן זיין „מיט מענטשן גלייך" — זיין זיך אַ קו און גיין אויך אין טשע-רעדע.

מיר — וואָס האָבן געחלומט פון דער „רעיא מהימנא", פון דעם פאַסטוך, וואָס וועט פירן די גאַנצע מענטשן-טשערעדע! יידישע קול-טור! עס איז געווענדט אויף וואָס פאַר אַ וואָרט מען לייגט דעם אַקצענט, אויף י י ד י ש ע, אָדער אויף ק ו ל ט ו ר. מיינע פריינט, די סתם-יידישיסטן — מיינען, אַז עס איז גענוג „קולטור" — און אויף יידיש. זיי באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס אויף דער יידישער פאָלקס-שפּראַך, אין יידישע אותיות וועט געשריבן און געזאָגט ווערן דאָס, וואָס ווערט געשריבן און געזאָגט אויף אַנדערע שפּראַכן און מיט לאַ-טייניש אָדער סלאַווישע אותיות. אַ ליד, אַ דערציילונג, אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג, אַ דראַמע — און גענוג, און גוט.

פאַר מיר איז דאָס אָבער נישט גענוג. יידישע קולטור מוז אויך זיין די קולטור פון יידן, און נישט נאָר פאַר יידן, — אַ וועלט-קולטור, געשאַפן פון יידן און אין דעם גייסט פון דער יידישער געשיכטע.

מיר זענען דאָך אין גרונט נישט די איינציקע, וואָס זוכן דעם וועג. קוקט זיך איין אין דעם גייסטיקן לעבן פון אַלע אַנדערע פעל-קער, פון די דייטשן, די רוסן, די ענגלענדער, און איר וועט זען, ווי זיי זענען מיד געוואָרן פון די ביזאַהעריקע פאָרמען. זיי זענען שוין אויך נישט צופרידן מיט „ליטעראַטור" — און אפילו נישט מיט וויסנשאַפט — זיי זוכן אַן אינהאַלט — זיי זוכן זייער איי-גענעם גייסט, זיי ווילן אַ המשך.

און ווען זיי — פאַר וועמען עס שטייט נישט די שפּראַכן-פראַגע און דער פחד פאַר אַסימילאַציע און פאַרשווינדן — ווען זיי ראַנגלען זיך, וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן — מיר, וואָס שטייען ביים

ברעג פון אָפּגרונט? ווען די גאַנצע וועלט גייט צו דער פאַרטיפונג, זאָלן מיר גיין צוריק — צו דער פלאַך? און ווען אין דער גאַנצער וועלט הערשט דער גייסט פון אומרו, זאָל ביי אונדז אליין איינטרעטן א געפיל פון צופרידנקייט, פון „שישו בני מעי"?

איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן פון דעם כלל: „הנח להם לבני ישראל" — לאָז צורו די יידן. פאַרקערט, נישט צורו לאָזן ישראל, נאָר ווי א פּיקאַדאָר אים תמיד באַאומרויקן, שטעכן אים מיט שפּיזן, אויפרייצן אים, דערצאָרנען אים און אויך אים אָנטאָן צער — גייסטיקן צער, נשמה-ווייטאָג. אַ ייד טאָר נישט זיין רויק. א ייד טאָר נישט זיין אלט. א ייד טאָר אויך נישט זיין צופרידן.

קיינער טאָר עס נישט. אָבער דער ייד האָט דערויף אַ פּריווי־לעגיע. דאָס איז דער היסטאָרישער בונד צווישן יידן און דער וועלט.

ווי שפּיגלט זיך עס אָפּ אין דער נייער יידישער קולטור? ווי אַזוי דריקט זיך אויס דער יידישער שטורעם, דער יידישער פּאַטאָס אין דעם יידישן וואָרט — אין דעם נייעם וואָרט פון דער „יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור?" וואָס, פּרץ מאַרקישעס לידער, אָדער יונה ראָזנ־פעלדס דערציילונגען, אָדער די קריטישע אַבסטראַקטע, דייטשמעריש־געשריבענע אָפּהאַנדלונגען איבער ליטעראַטור, וואָס דערשיינען אין די פאַרשידענע יידישע זאַמלביכער און זשורנאַלן — דאָס איז יידישער גייסט? דאָס איז דער קוואַל פון דער יידישער נשמה? עס קאָן זיין, אַז פאַר דער „ברייטער מאסע" איז דאָס הויכע ליטע־ראַטור. אָבער קולטור איז נישט בלויז קיין מאַסן־קולטור. און מיר אַליין — מיר וואָס זענען שוין נישט די מאַסע — וואָס האָבן מיר פון איר? קאָנען מיר לעבן מיט איר? פאַרענטפערט זי אונדזע־רע פראַגן? באַרירט זי דעם מענטשן אין אונדז?

און בכלל, ווען די יידישע קולטור קאָן גאָרנישט און טאָר גאָרנישט רעכענען אויף און מיט די מאַסן. איך האָב עס געזאָגט שוין אַ סך מאָל — און חזר עס איבער נאָכאַמאָל: יידנטום איז נישט קיין קאַטעגאָריע פון צאָל, נאָר פון קוואַליטעט. נישט וויפל — נאָר ווי אַזוי — דאָס איז דער פּראָבלעם פון יעדע קולטור — און פון דער יידישער מער פון אַלע, ווייל זי איז די איינציקע, וואָס איז — אומנאַטירלעך — אַ מותרות, אַ ריינע גייסטיקייט.

ענגלאנד קאָן פאַרטראָגן דעם „פּאַטעריזם", וואָס ראָוז מעקאַלעי

האָט אַזוי טאַלאַנטפֿול געצייכנט, דאָס הייסט אַ קולטור פֿון און פֿאַר די מאסן, איבערפֿלעכלעך, באַנאַל און „פּאָפּולער״. זי קאָן עס פֿאַר־טראָגן, ווייל לעבן דעם „פּאַטעריזם״, דער צייטונגסקולטור, דער בי־ליקער, אָראָפּדריקנדיקער, פֿאַרטעמפּנדיקער „ליטעראַטור״, איז פֿאַראַן אָקס־פֿאָרד און קעמברידזש, איז פֿאַראַן בערטראַן ראָסעל און אַלדאוס העקסל און בערנאַרד שאָו.

דייטשלאַנד קאָן עס פֿאַרטראָגן, ווייל זי איז גייסטיק רייך, ווייל זי האָט אַ גרויסע אינטעליגענץ, ווייל זי האָט נישט קיין קאַמף פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור. מיר קאָנען עס נישט. ביי אונדז קאָן זיין — אָדער גאָר הויך, אָדער גאָרנישט. אָדער מיר באַווייזן צו שאַפֿן אַן אייגנאַרטיקע, גרויסצוגיקע, הימל־פֿאַרנעמענדיקע קולטור, אַ פֿאָרטזעצונג פֿון דער אַלטער יידישער וועלט און איר באַ־נייונג, אָדער מיר מוזן אָנבויגן דעם קאָפּ און לאָזן דעם ראָד פֿון דער געשיכטע גיין איבער אונדזער גוף און צודריקן אים.

אויב דאָס איז זאַלץ אויף די ווונדן — מהיכי־תיתי. גיט מיר נאָך זאַלץ און איך וועל שיטן. און לאָז עס וויי טאָן. און לאָזן בראָטן די ווונדן. נאָר נישט אַזוי גיך זיך פֿאַרהיילן. נאָר נישט ווערן צו פֿרי צעפֿרידן. דער זאַטער און זעלבסטצופֿרידענער שמייכל פּאַסט נישט צום יידישן פּנים.

# „שלוס אויף דער נביאים־זייט.“

אונטער איינעם פון דר. זשיטלאָווסקיס אַרטיקל אין „טאָג“, דעם אַרטיקל פון דער סעריע וועגן „יידישער גלייכבאַרעכטיקונג“, איז געשטאַנען — מן הסתם איז עס געווען אַ דרוק־פעלער — „שלוס אויף דער נביאים־זייט“.

מיר איז שוין דעמאָלט — עס האָט געהאַלטן ביים צווייטן אָדער דריטן אַרטיקל פון דער סעריע — אויפגעפאַלן, אַז דעראָזיקער דרוק־פעלער איז בעצם גאָרנישט קיין פעלער, נאָר אַ קריטיק, אומבאַוווּסט, אומגעוואָלט, אָבער דערפאַר אויך ריכטיק.

און די ווייטערע אַרטיקלען האָבן אין מיר פאַרשטאַרקט אָט די מיינונג. דר. זשיטלאָווסקי האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער נעמט דעם פּשוטסטן געדאַנק און מאַכט פון אים אַ טעאָריע, אַ שיטה, אַ חקירה. עס איז זיכער אַ גוטע זאַך, בפרט נאָך אויף דער יידישער גאַס, אין דער יידישער פּרעסע, וווּ אַלע פראַגן ווערן צומייסטן באַהאַנדלט אַזוי אויבנאויפיק, אַזוי מאַמריסטיש־מליצהדיק. עס איז זייער גוט אַריינצוגיסן אַ ביסל פילאָזאָפישן ווײַן אין דעם יידיש־פּובליציסטישן וואַסער. אָבער עס איז דאָ אויך אַ צווייטע זייט פון דעם מעדאַל. פילאָזאָפיע און חקירה האָבן אַ חסרון, אַז זיי באַווייזן אָפט צופיל און באַגנוגנען זיך מיט צו־ווייניק. ווי מעפיסטאָ זאָגט אין „פאַוסט“: „ווען דאָס ערשטע איז אַזוי און דאָס צווייטע איז אַזוי — איז דאָס דריטע און פערטע אָט אַזוי“. דאָס איז דער וועג פון דעם פילאָזאָף. און ווען דאָס ערשטע און צווייטע איז „אַזוי“ — מוז באמת אויך דאָס דריטע און פערטע אויך זיין „אַזוי“. אָבער די פראַגע איז: איז טאַקי דאָס ערשטע אַזוי? די פילאָזאָפיע, ווייניקסטנס די פילאָזאָפיע, וואָס אָפּעריט מיט ריינע, אַבסטראַקטע און דערפאַר אומבאַשטימטע באַגריפן,

נעמט אָפּט אָן פאר אַ הנחה דאס, וואס איז גאָר קיין הנחה נישט: נעמט אָן רעזולטאַטן פאר אויסגאַנג-פּונקטן. זי אַנאַליזירט צו ווייניק — אויף צוריק. זי שטעלט זיך צו גיך אָפּ. דער עיקר אין דער סאָציאַל-פילאָזאָפיע, דאס הייסט דארט, ווו דער ווילן פאָרמולירט דעם געדאַנק, ווו דער „זאָל-זיין" דיקטירט דעם עס „איז".

דאס איז דער גורל פון די מערסטע סאָציאַל-פילאָזאָפיעס. און דער עיקר פון די נאַציאָנאַל-פילאָזאָפיעס, דאס הייסט פון די סיסטעמען, וואס „באַווייזן" די נויטווענדיקייט פון דעם נאַציאָנאַליזם. וואס פאר פילאָזאָפישע באַגרינדונגען זענען שוין נישט פאַרבראַוכט געוואָרן פון די נאַציאָנאַליזם-פילאָזאָפן, אָנגעהייבן מיט פיכטע און העגעל אין דייטשלאַנד, מיט די סלאַוויאַנאָפילן, ווי קירעיעווסקי אָדער דאַנילעווסקי אין רוסלאַנד, און ענדיקנדיק מיט שארל מאָראַס אין פראַנקרייך! און ווען מען קוקט זיך אריין טיפער אין אלע דידאַקטיקע, מער אָדער ווייניקער, טונקעלע, זייער פאַרפלאָנטערטע, זייער געדיכט-פאַרנעפּלטע חקירות, זעט מען איין, אַז די פילאָזאָפיע איז בלויז אַ מענטעלע פאַר אַ פּראַקטישן צוועק, פאר אַ ווילן און אַ ציל, פּונקט ווי אין דער טעאָלאָגיע פון דעם מיטלאַלטער, ווו די פילאָזאָפיע איז געווען בלויז אַ „דינערין", ancilia theologiae ווי מען פלעגט זי רופן אין יענע צייטן.

איך באַציי זיך תמיד דערפאַר מיט גרויס חשד צו אלע מינים נאַציאָנאַליזם-פילאָזאָפיעס, אפילו צו דער פון דר. ח. זשיטלאָווסקי. צו וואס דער „אָרום און אַרום"? צו וואס דער שיינער מאַנטל פון אידעען, וואס האבן גאָר ווייניק וואס פאר אַ שייכות צום ענין? דער גאַנצער נאַציאָנאַליזם באַשטייט פון איין הנחה: „איך בין", און פון איין אויספירונג, „דערפאַר וויל איך זיין". קיין ווייטערע באַווייזן זענען גאָר נישט נייטיק.

מען דאַרף האָבן אַ פילאָזאָפיע פון איבערנאַציאָנאַליזם, ווייל אים מוז מען ערשט באַווייזן, ווייל דאס איז אַ פאָדערונג, וואס מוז ערשט דורכגעפירט ווערן. קאַנט האט באַדאַרפט אויסבויען אַ גאַנצע סיסטעם פון פילאָזאָפיע, כדי צו קומען צו דער באַגרינדונג פון דעם מאָראַלישן מענטש, פון דעם יחיד — און איר לעצטן רעזולטאַט: די מענטשהייט.

אָבער כדי צו באַגרינדן דעם פּרייסיש-דייטשישן נאַציאָנאַליזם, האט העגעל גאַרנישט באַדאַרפט זיך באַמיען אויפצושטעלן אַ גרויסן

און שווערן — און אויף שטרוי געבויטן — בנין פון געשיכטס־פילאָזאָפיע. ער וואָלט עס געקאָנט מאַכן פּשוטער — און מיט דעם אייגענעם דערפאָלג.

עס איז אויך נישט נייטיק פאַר די היינטיקע נאַציאָנאַליסטן צו מאַכן אַזאַ אומוועג. אָט איז, למשל, זאַנגוויל אַ נאַציאָנאַליסט, אַ יידישער. זייער צעשווומען, זייער אומקלאָר, אָבער דאָך ווילנסשטאַרק. ער קאָן עס נישט פאָרמולירן, ער ווייסט נישט ווי אַזוי עס אַרויסצוברענגען, ווייל דער נאַציאָנאַליזם איז אַן עמאָציע, און אַן עמאָציע, אַ געפיל, לאָזט זיך גאָרנישט פאַרפיקסירן אין אַ טרוקענער פאָרמולע. ער זוכט — אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן. ער וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן — ער איז אַ ציוניסט, אַ טעריטאָריאַליסט, בכלל אַ נאַציאָנאַליסט. פאַרטשעפּעט עמעצער די יידישע אינטערעסן, ווערט ער אויפגערעגט — און אין זיין עמאָציאָנאַלער אַרט מאַכט ער תיכף אַ לאָגישן שפּרונג און שטעלט אויף אַ פאָרמולע. און האָט באַלד חרטה, ציט זי צוריק.

אַזוי האָט עס פּאַסירט מיט אים אין אַמעריקע. פאָרד, קלו־קלוקס־קלען, אַ גייסט פון נאַציאָנאַליזם, אַ נייעם, ענגן און דערפאַר אויך רויען און ברוטאַלן, וואָס מערקט זיך אין לאַנד — זאַנגוויל ווערט אויפגערעגט און שרייט אויס: אויב אַזוי, טאָ זאָלן די יידן זיך אויך אָרגאַניזירן, לאָז זיין אַ יידישער „וואוט“.

מען האָט אים אָבער צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, געפרעגט: וואָס מיינט איר? וואָס הייסט דאָס אַ יידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע? האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, און האָט זיך ווי עס איז אַרויסגעדרייט. קיינער האָט עס נישט גענומען זייער ערנסט. נישט די יידן, נישט די אַנטיסעמיטן. מען ווייסט דאָך, זאַנגוויל איז אַן אַרטיסט, און האָט ליב פּאַראַדאָקסן. מוז מען טאַקי וועגן אויף אַ וואָגשאָל יעדן פּאַראַדאָקס און גלייכווערטל?

אָבער דר. זשיטלאָווסקי האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין דעם שפּאַס. פאַר אים איז דאָס געווען אַן אוצר. ווי זאָגט דאָס ווערטל: „איך נעם מיינס, וווּ איך זאָל עס נישט געפינען“. און דאָס „מיינס“ פון דר. זשיטלאָווסקין איז זיין נאַציאָנאַליזם. פאַר אים איז זאַנגווילס פּאַראַדאָקס אויך געווען אַן ענין — און אַ יסוד פאַר אַ בנין.

די יידן מוזן זיך אָרגאַניזירן — זאָגט דר. זשיטלאָווסקי — צום קאַמף פאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג. דאַכט זיך, וואָס קאָן זיין קלאָ־

רער פון דעם? די פראַגע נעמט אָבער באַלד אַן אַ נייע ווענדונג, אָדער אייגנטלעך אַ זייער אלטע, בלויז אין באַצוג צו אמעריקע ניי — ווען דר. זשיטלאָווסקי הייבט אָן איסצוטייטשן, וואס ער פארשטייט אונטער גלייכבאַרעכטיקונג. און עס שטעלט זיך ארויס, אז ער מיינט דערמיט „נאַציאָנאלע גלייכבאַרעכטיקונג": ער מיינט דערמיט נישט מער און נישט ווייניקער ווי נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

דער איינציקער וועג צו אַנאַליזירן אַזא פראגע וואָלט, על פי שכל, געווען אָט דער: אויסצוגעפינען די פאקטישע באַדינגונגען פון דעם יידישן לעבן אין אלע לענדער, ווי זיי לעבן, ווי ווייט זיי זענען אָפּגעשיידט קולטורעל, עקאָנאָמיש, אין אַלע גייסטיגע און מאַטעריעלע באַציונגען פון דער איבריקער באַפעלקערונג, אויסצופאָרשן די כוחות פון די יידן, זייערע גייסטיקע טענדענצן, זייערע ווילנסריכטונגען, און ווייטער — אַנאַליזירן די ווירקלעכע פארהעלטנישן אין דער איצטיקער וועלט בכלל. פון דעם אנאַליז פון ביידע פאַקטאָרן: יידן און סביבה, קאָן מען קומען צו אַן אָביעקטיוון רעזולטאַט, צי דאַרף מען, צי קאָן מען פאָדערן נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג? עס איז דאָך נישט בלויז א פראַגע פון יידן אַליין, נאָר פון דעם גאַנצן רעכטספונדאַמענט, פון דעם אָרגאנישן אויפבוי פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט אָדער, ריכטיקער, פון די געזעלשאַפטן. ווייל אַנדערש איז די געזעלשאפט קאָנסטרוירט אין פוילן, אַנדערש אין פראנקרייך, אַנדערש אין סאָוויעטרוסלאַנד, ווי אין דער קאפיטאַליסטיש-אינדיווידואַליסטישער אַמעריקע.

און ווען מען אַנאַליזירט די אָביעקטיווע פאַקטן, זעט מען, אַז די גאַנצע נאַציאָנאַל-פילאָזאָפיע פון דר. זשיטלאָווסקין איז געבויט אויף שפינגעוועב. לאָמיר נעמען פאר אַ ביישפיל דייטשלאַנד. אמת — אנטיסעמיטיזם, אמת — דער ליבעראַליזם האָט באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ; אָבער מיינט עס, אַז דייטשלאַנד איז געוואָרן נאַציאָנאַליסטישער, ווי זי איז געווען? פארקערט, דער גאנצער כעס און די גאַנצע שנאה פון די דייטשן שטאַמען דערפון, וואָס מען האָט זיי נישט געלאָזט זיך אינטערנאַציאָנאַליזירן, וואָס מען האָט זיי פאַרשפאַרט אין זייערע ענגע, טעריטאָריאַל-נאַציאָנאַלע גרענעצן. און דער יידנהאַס — איז ער געוואָרן שטאַרקער, ווי ער איז געווען? ער איז געוואָרן ברוטאַלער, ווייל דאָס גאַנצע לעבן אין דייטשלאַנד איז געוואָרן פאַר-

גרעבט. אָבער קאָן מען דען באמת זאָגן, אַז די יידנפֿראַגע אין דייטשלאַנד איז, אַ דאַנק דער נייער שטימונג פֿון דעם אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, דאָס הייסט, פֿון דער בורזשואַזיע, ווי דר. זשיטלאָווסקי פֿאָרמולירט, געוואָרן שאַרפֿער? פֿאַרקערט, די יידן זענען דאָך אַריין צום ערשטן מאָל אַקטיוו, שעפֿעריש אין דעם דייטשן לעבן.

עס איז אַ נייע, עס איז אַ פֿרישע דערשיינונג, און דערפֿאַר — די פֿאַרביטערונג פֿון די עלעמענטן אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן פֿריער אַליין געפֿירט די גרענדע.

מיר דאַרפֿן נישט פֿאַרגעסן בכלל, אַז די אמתע עמאַנציפּאַציע פֿון יידן האָט זיך ערשט איצט אָנגעהייבן. עמאַנציפּאַציע, גלייכבארעכטיקונג, דאָס אַלץ מיינט אַ דירעקטער אנטייל פֿון דעם יידן אין דער שאַפֿונג פֿון דער געשיכטע, אין דעם עפֿנטלעכן לעבן. מיך שרעקט נישט דער אויסברוך פֿון אַנטיסעמיטיזם דאָ אָדער דאָרט; איך זע נישט קיין היסטאָרישע סימפּטאָמען אין די פֿאַרשידענע פּראָיעקטן פֿון אַ „נומערוס-קלויזוס”, ווי זיי זאָלן אויפֿקומען. עס איז נישט מער ווי דער צאָרן פֿון די לאַנקאַשיר-וועבער, ווען מען האָט צום ערשטן מאָל איינגעפֿירט די מאַשינען. זיי האָבן לכתחילה שטאַרק געשטורעמט דעם נייעם גייסט, צעבראָכן די מאַשינען — אָבער עס האָט זיי נישט געהאָלפֿן. דער שטאַט פֿון היינט, דער שטאַט, ווי ער איז אויסגעוואַקסן אויף די רוינען פֿון דער אַלטער אָרדענונג, פֿאַרטראָגט אָרגאַניש נישט קיין „נומערוס-קלויזוס”-פּאָליטיק. ער שניידט זיך דערמיט אַליין אין פֿלייש. ער ליידט נאָך פֿון „רעצידיוון”. אָדער ער וועט זיך מוזן אויסהיילן, אָדער ער וועט אונטערגיין.

אָבער — ווען עס וואָלט כאָטש מעגלעך געווען! לאָז זיין, אַז די לאָגיק פֿון דער געשיכטע פֿירט נישט דערצו, ס׳זאָל כאָטש זיין אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג — אָן אַ יידישער קאָנצענטראַציע, מיט איין וואָרט אָן אויטאָנאָמיע אָן אַ נאַציאָנאַלן צענטער. אָבער איז דאָס מעגלעך אין דייטשלאַנד? אין פֿראַנקרייך, אין ענגלאַנד אָדער אין אַמעריקע? אפֿשר אין פּוילן. אָבער דאָרט איז עס אויך מער אַ ווונטש, ווי אַ פֿאַקט. אָבער איך וויל נישט רעדן פֿון פּוילן. פּוילן איז נישט קיין ביישפּיל פֿאַר דער גאַנצער וועלט, און סאָוויעט-רוסלאַנד אויך נישט. ווען מיר רעדן,

למשל. פון אַמעריקע, מוזן מיר קוקן אויף אַמעריקע און נישט אויף אַנדערע לענדער.

און איך פרעג — איז דאָס מעגלעך? נישט. איז דאָס ווינטשנסווערט? נישט. דאַרף מען עס האָבן? אַזוי קאָנען מיר זיך שפּאָרן אַן אַ כוף — איך וועל זאָגן ניין, דר. זשיטלאָווסקי וועט מיט זיין גאַנצער רעדנערקראַפט באַווייזן, אַז יאָ. איך פרעג: איז דאָס מעגלעך? און דאָ העלפן נישט קיין חקירות. מיר האָבן פאַר זיך פאַקטן, געגעבנהייטן, נישט פון אונדז און נישט פאַר אונדז געשאַפענע באַדינגונגען. לאָז זיין, אַז עס איז דער נייער אימפּעריאַליסטיש-קאַפּיטאַליסטישער קלאַס; לאָז זיין, אַז עס איז נישט גוט אַזוי, אָבער דער פאַקט איז, אַז אַמעריקע וויל נישט קיין נאַציאָנאַלע צעשפּאַלטונג, אַז זי וויל איינס: אַסימילירן, אַסימילירן פאַריינהייטלעכן.

און ווען מען האָט אין אַמעריקע מער טענות צו יידן, ווי צו דייטשן אָדער שוועדן, איז דאָס דערפאַר, וואָס דער ייד אַסימילירט זיך נישט אַזוי גיך ווי די אַנדערע.

אויך אין אַמעריקע זענען דאָ עמאַציאָנאַלע דענקער, וואָס שפּרינגען תיכף איבער צו לאָגישע עקסטרעמען. אַזוי ווי די יידן אַכימילירן זיך שווער, דאַרף מען זיי איזאָלירן אָדער, ריכטיקער, זיך פון זיי איזאָלירן — טענהן די נייע נאַציאָנאַליסטן.

אָבער, ווידעראַמאָל, דאָס זענען בלויז ווערטער. די נאַטור פון דעם אַמעריקאַנישן שטאַט פאַרטראָגט נישט אַזאַ איזאָלאַציע. און אפילו ווען מען זאָל אָננעמען אַזאַ אָדער אַנדער געזעץ — די אָביעקטיווע לאַגע בייט זיך נישט: אין אַמעריקע איז קיין נאַציאָנאַלע פראַגע נישט מעגלעך. און פון אַ נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג אין זשיטלאָווסקישן זין, און פון א יידישן „וואוט" אין זאַנגווילס פאַראדאָקס — קאָן דאָ גאָר קיין רייד נישט זיין, סיידן דערקלערן די ניו-יאָרקער איסט סייד אָדער בראָנזוויל פאַר אויטאָנאָם און פאַר דעם צענטער פון דעם יידנטום אין אַמעריקע.

איך וויל דאָ ווייטער נישט אַריינגיין אין אַ חקירה און אין אַן אַנאַליז פון דר. זשיטלאָווסקיס גלייכבאַרעכטיקונג-פּראָגראַם. זיין אַנאַליז איז נישט ניי, זיין אויספירונג איז באַקאַנט, הגם ער זאָגט אַליין צום שלוס פון זיין סעריע, אַז איבער די מעגלעכקייטן פון זיין פּראָגראַם וועט ער רעדן אַן אַנדערש מאָל.

איינס ווייס איך: וואָס זיין שלוס זאָל נישט זיין — דער איינציקער שלוס, דער איינציק מעגלעכער פון זיינע הנחות איז: „אויף דער נביאים-זייט" — פאָדערונגען, וואָס זענען אפשר אין עצם גערעכט, אָבער נישט דורכפירבאר; פאָדערונגען, וואָס זענען נישט באַגרינדעט אין דעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון דער באַשטייענדיקער און 'אין וועלן־באַגריפענער ווירקלעכקייט, נאָר אין דער ספערע פון מאָראַלישע באַגריפן, ד. ה. אין לעצטן אַנאַליז — אין דער ספערע פון דעם ריינעם ווילן. און אַקעגן ווילן קאָן מען נישט אַרגומענטירן.

# נאָך עלטער?

מען קלאָגט זיך זייער שטאַרק אויף האַרוואַרד. מען באַשולדיקט זי אין אַנטיסעמיטיזם. איך קלאָג זיך אויף יעיל — און ספּעציעל אויף דעם פּראָפעסאָר פון יעיל, אַלבערט ט. קלעי, דעם פּראָפעסאָר פון סעמיטישע שפּראַכן און גרויסן קענער פון די גאָר קליינינקע, געהאַקטע שטעקלעך און פּאַסיקלעך־שריפט פון די אַמאָליקע סעמיטן.

פּראָפעסאָר קלעי האָט פּלוצלונג אויסגעפונען, אַז די גאַנצע טעאָריע פון דער אומאָרגינאַלי־עט פון דער ביבל, פון איר, לאָמיר זאָגן, צווייט־הענטיקייט, איז פאַלש. עס איז דאָך שוין געוואָרן ביי די פאָרשער אַ מין דאָגמע, אַז די ביבל, אַזוי ווייט ווי זי דערציילט וועגן „מעשי בראשית", די געשיכטע פון אדם און חוה, פון גן-עדן און דעם שלאַנג, פון נח און דעם מבול, אַז דאָס אַלץ, וואָס האָט אויסגעוויזן אַזוי יידיש, איז גאָר נישט יידיש, נאָר איבערזעצט פון אַנדערע פעלקער. דאָס הייסט, אז יידן האָבן אפילו אין זייערע יונגע יאָרן בלויז איבערגעאַרבעט, איבערגעניצעוועט, „פאַרמיטלט". עס זענען געווען אַמאָל — אַזוי האָבן אונדז געלערנט די דייטשע געלערנטע האָמעל און ווינקלער און יערעמיאַס און די איבעריקע — אין אשור און בבל מענטשן, וואָס האָבן גערעדט אַ מין מאָנגאָלישע שפּראַך, האָבן אויסגעזען בערך ווי די טאָטערן. דאָס זענען געווען די „אַקאַדיער". פון־װאַנען זיי זענען געקומען, ווייסט מען נישט אַקוראַט. עס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, אַז עס איז שוין כמעט נישט כדאי צו דערפרעגן זיך. זיי זענען געווען אַן „אָריגינעל" און „שעפעריש" פאָלק. זיי האָבן אויסגעטראַכט, אָדער פון ערגעץ אַריבערגעבראַכט די אַלטע לעגענדעס, װאָס זענען געוואָרן די גרונטלאַגע פון אונדזער גאַנצער איצטיקער קולטור. די סומעראָ־אַקאַדיער, — אַזוי איז זייער גאַנצער אָפּיציע־

לער טיטל, — האָבן בלויז איין פעלער: זייער עברי איז געווען זיי-
ער אַ האַרטע, זייער שריפט איז געווען אַזוי שווער. קאַטשערעס און
לאַפּעטעס און פלעקלעך, אַז מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ טאַטערישע
געדולט און מתושלחס יאָרן, איבערצולייענען, וואָס זיי האָבן אויסגע-
קריצט אויף שטיינער אָדער איינגעקריצט אין ליים. די אַסיריער,
וואָס זענען געקומען גאָך זיי, די סעמיטן, האָבן איבערגענומען די
שריפט און די קולטור פון זייערע מאַנגאָלישע שכנים. זיי האָבן
בלויז אַלצדינג איבערזעצט אויף אַסיריש. ווידער וואָלט די וועלט
דערפון גאָרנישט געהאַט און גאָרנישט געוווסט, ווען נישט די יידן.
זיי האָבן איבערגענומען די שריפט פון די כנענים, אָדער די פעניציער
און איבערגעשריבן אויף א מער לעזבארער שריפט דאָס, וואָס די אַלֿ-
טע סומעראָ־אַקאַדיער האָבן איבערגעלאָזן בירושה.

קומט פּראָפעסאָר קלעי און ברענגט אַרויס אַן אַלטן ליימענעם
„בוך", וואָס געפינט זיך איצט אין דער פּיערפּאָנט מאָרגאַן־ביבליאָ-
טעק, און באַווייזט, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט ריכטיק. ד. ה.
סומעריער זענען טאַקע געווען, און לעגענדעס האָבן זיי אויך געהאַט,
אָבער צו יידן און צו דער ביבל האָבן זיי קיין שייכות נישט. דער
ליימענער בוך, וואָס ער האָט „אַנטדעקט" — אייגנטלעך האָט ער אים
נישט אַנטדעקט, ער איז שוין באַקאַנט זינט פינפאונצוואַנציק יאָר,
נאָר קיינער האָט זיך נישט גענומען די טרחה אים איבערצולייענען —
דערציילט, אַז מיט דריי טויזנט אַון אַכט און דרייסיק יאָר צוריק האָט
זיך דעם אַכט און צוואַנציקסטן שבט, אַן אַלטער העברעישער סופר, מיט
דעם נאָמען איאגאיה, אָדער אומגעפער אַזוי, גענומען אַ פּאָר ווייכע
ציגל און אַן אייזערנעם אָדער הילצערנעם „סטיל" אָדער פען, און
איבערגעשריבן פון אַן אַלט בוך, וואָס איז אַלט אַן ערך זעקס טויזנט
יאָר, די „געשיכטע פון דעם מבול". ער האָט געשריבן טאַקע אין
דער אוראַלטער „קייל־שריפט", אָבער זיין שפּראַך איז געווען העברעיש.
אַ ביסל אַנדערש, ווי מען שרייבט היינט אין די העברעישע צייטונגען,
אָבער פּאָרט העברעיש. פּראָפעסאָר קלעי האָט זיך גענומען די מי
איבערצולייענען דאָס „בוך", פאָטאָגראַפירן און איבערזעצן עס. עס
איז די אַלטע מבול־לעגענדע, אָבער דערוויטערט, מיט מער דעטאַלן,
מיט מער רעטאָריק — און ווייניקער פּאָעזיע. דאָרט, ווו אין חומש
איז דאָ איין שורה — זענען דאָ פינף; דאָרט, ווו „בראשית"
באַגנוגנט זיך מיט אַ ווונק, מיט אַ שטריך, גיסט דער פּאָר זעקס

טויזנט־יאָריקער פּאָעט אויס אַ גאַנצן מבול מיט ווערטער.

איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין דעם תוך פֿון דער פֿראַגע אַליין. זי איז צו טעכניש פֿאַר דעם נישט־היסטאָריקער, פֿאַר דעם נישט־ספּעציאַליסט אין דער אַלט־אָריענטאַלישער פֿילאָלאָגיע. עס איז געוויס, שוין אויף דעם ערשטן קוק און פֿון דער בלויז סטיליסטישער זייט, זייער אינטערעסאַנט צו פֿאַרפֿאָלגן די אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער אַרט פֿון שרייבן. עס ווייזט אויס, אַז דער פֿאָרם־אידעאַל פֿון דעם יידן איז תמיד געווען: „צמצום" — זיך באַגרענעצן, אָפּקירצן, אַוועקוואַרפֿן דאָס איבעריקע, שטרייכן. וואָס ווייניקער ווערטער און וואָס מער תכלית, פֿאַקטן און נישט באַשרייבונגען, און לאָזן די פֿאַקטן רעדן פֿאַר זיך. דעריבער די וווּנדערבאַרע פֿרישקייט און נאַיוויטעט פֿון דער יידישער דערציילונג. ווערטער און געדאַנקען ווערן אַלט און פֿאַרשימלט, פֿאַקטן בלייבן. די פֿאָרם ענדערט זיך, דער אינהאַלט, דער „סיפּור המעשה" איז תמיד דער אייגענער. עס איז דער אימפּרעסיאָניזם אין זיין עלטסטער פֿאָרם.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע, דאָס פֿאַרכאַפּנדיקסטע אין דער גאַנצער אַנטדעקונג פֿון דעם יעילער פּראָפֿעסאָר, איז דער פֿאַקט אַליין. דער פֿאַקט, אַז מיר זענען נאָך עלטער, ווי מיר האָבן געמיינט, נאָך עלטער, ווי מיר ווילן זיין,

אַלט — איך ווייס נישט, צי דאָס איז אַ גרויסע מעלה. איך ווייס אויך נישט, צי מעטשניקאָוו און זיינע תלמידים, וואָס ווילן אונדז באַגליקן מיט לענגערע יאָרן, טוען אונדז, מענטשן, אַזאַ גרויסע טובה. נישט בלויז וואָס עס איז אין תוך אַלצאיינס: זיבעציק יאָר אָדער זיבן מאָל זיבעציק. וואָס איז די נפקא־מינה — ווען מען מוז סיי ווי סיי שטאַרבן? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן אַ פּאָר יאָר מער אָדער ווייניקער? מער לעבן, מער עסן, מער דאגות, מער עלנט, און אפֿילו די פֿרייד פֿון לעבן — ווי לאַנג געדויערט זי? אייגנטלעך איז די קורצע צייט פֿון דעם לעבן זיין גרעסטער רייץ. מען האָט תמיד אַ געפֿיל פֿון נישט פֿאַרטיק זיין, פֿון נאָך צו פֿרי. מען איילט זיך, מען האָפּט, מען איז יונג. דאָס גאַנצע לעבן האָט דאָך בלויז אַן אינטערעס — אַזוי לאַנג ווי מען האָט נאָך נישט דערגרייכט. און מאָלט זיך אויס, אַז מען האָט שוין אַלצדינג „דערגרייכט". שוין אָפּגעלעבט אַ צוויי, דריי הונדערט יאָר, אַלע אוראורא־אייניקלעך שוין אויס־

געגעבן, אלע תּאוות שוין געזעטיקט, אַלע ווונטשן שוין דערפילט — און דערנאָך? וואָס טוט מען אין די איבעריקע פיר, פינף הונדערט יאָר?

בערנארד שאָו האָט אונדז געוואָלט אויסמאָלן אַזאַ מין „גליק"— אין זיין מתושלח־דראַמע — און עס איז אים נישט געראָטן. ווען מען קוקט זיך צו צום לעבן פון זיינע „זקנים", וואָס האָבן שוין אויף זייער האַרב אַ היפּש ביסל הונדערטער יאָרן, גלוסט זיך צו צעברעכן אַלע פלעשלעך מיט בולגאַראָזאַן און די איבעריקע לעבנס־פאַרלענ= גערנדיקע געטראַנקען, זינדיקן קעגן אַלע געזעצן פון היגיענע און דיעטע און ריזיקירן אַ זייער יונגן און גיכן טויט. מילא, דאָרט, שפּע= טער, ווייסן מיר נישט. עס זענען דאָ מעגלעכקייטן. אפשר וועלן מיר אַוועק ערגעץ אין די ווייטע וועלטן, אָדער וואַקסן אַלס אַ בלי= מעלע אין אַ גאָרטן — ווער ווייסט. אָבער דאָ, אונדזער לעבנס- פאָרם, וואָס איז אונדז אַזוי גוט באַקאַנט — דאָ אויפהאַלטן זיך צו לאַנג — דאָס איז צו לאַנגווייליק!

און מענטשן האָבן אינסטינקטיוו נישט ליב קיין אַלטקייט. מען האָט מורא פאַר איר, מען האָט דרך־ארץ פאַר איר, מען ציטערט פאַר איר, אָבער קיינער וויל נישט זיַין צו נאָנט מיט איר. ביי די פּרי־ מיטיווע פעלקער — אין אויסטראַליע, אין צענטראַל=אַפריקע — ווערן נאָך עד-היום די אלטע לייט פּשוט אויסגעהרגעט. די אַלטע ווייסן עס און געפינען עס זייער נאַטירלעך. זיי האָבן מיט זייערע זקנים אַמאָל אויך אַזוי געטאָן. און וואַרטן דען נישט די פּויערים אין רוסלאַנד מיט אומ- געדולד אויף דעם טויט פון די אלטע טאַטע=מאַמע, פון דעם „דיאַד", וואָס האָט שוין נישט קיין כּוח צו אַרבעטן און ליגט גאַנצע טעג אויף דעם אויוון? מענטשן זענען בטבע גרויזאַם. דער מענטש פאַר דעם צווייטן איז נישט קיין וואָלף און נישט קיין גאָט, נאָר פּשוט אַ „מויל", אַן עסער. און קיינער וויל נישט אַרבעטן פאַ־ דעם צווייטן. בפרט נאָך, ווען ער קען פון צווייטן שוין גאָרנישט דערוואַרטן. מען האָט געמוזט אַריינשטעלן אַלס אַ פּונקט פון דער מאָראַל דעם „כּבד את אביך ואת אמך", און דאָס אויך נאָך מיט אַ באַגרינדונג, מיט אַ צוזאָג, מיט אַ באַלוינונג. מען האָט געמוזט צוזאָגן דעם מענטשן, אַז דאָס וועט אים „פאַרלענגערן די יאָרן" — אנדערש וואָלט מען אים נישט געקאָנט נעמען.

און בפרט, ווען דער אלטער איז נישט קיין פאָטער, נישט קיין

גואל, נישט קיין אייגענער, נאָר גאָר אַ פרעמדער. און אפילו נישט קיין איינצלנער, קיין מענטש פון פלייש און בלוט, מיט וועמען מען קאָן האָבן רחמנות, וועמען מען קאָן ליב האָבן, צו וועמען מען קאָן זיך צובינדן, נאָר אַ גאַנץ פאָלק, אַ גרופּע, א קאָלעקטיוו.

אַלע פעלקער פון דער וועלט זענען דאך אזוי יונג, ווייניקסטנס מיינען זיי אַזוי. די איטאַליענער און די גריכן זענען אפשר די עלט־סטע פון אלע. אָבער נאָר נאָך דער טראַדיציע, נאָר ווען עס פּאַסט זיי, ווען זיי ווילן זיך באַרימען. אין הארצן ווייסן זיי און פילן, אַז זיי האבן פונקט אזויפיל צו טאָן מיט די אַלטע רוימער אָדער העלע־נער, ווי — די היינטיקע רוסן מיט די אַמאָליקע אַריער. זיי זענען ווייטע קרובים, און דאָס פון אייניקלעך, נישט פון זין. זיי פילן עס און זענען צופרידן. זיי ווילן זיין יונג. זיי ווילן נאָך גלויבן, אַז אַלע זייערע מעגלעכקייטן זענען נאָך פאר זיי, אַז זיי האָבן זיך נאָך נישט אויסגעשעפּט. די רוסן באַרימען זיך נאָך עד היום דערמיט, וואָס זיי זענען די „יוגנט" פון דער וועלט. און דער „יוגנט געהערט די וועלט!"

און אָט צווישן דער יונגוואַרג — קיין פאָלק איז נישט עלטער פון טויזנט יאָר — דרייט זיך אַרום דער „זקן שבחבורה" — אַן אלט, גרייז־גרוי פאָלק, אַ פאָלק פון לאנגע דערפארונגען, מיט דעם שמייכל פון אלצדינג־וויסן, אַלצדינג בעסער וויסן. עס איבערראַשט זיי גאָרנישט. זיי ווערן פון גאָרנישט נתפעל. גאָרנישט ניי פאר זיי. איבער אלצדינג האָבן זיי אן אייגענע מיינונג, אַ שטעלונג, וואָס קיין אַנדער פאָלק קען נישט האָבן. א פאָלק פון זכרונות.

און מיר אַליין — פילן מיר עס נישט? אַלט, אַלט. ווו מען קערט זיך און ווו מען ווענדט זיך — די עלטער. אלע ווערטן האָבן שוין אונדזערע זיידעס אויסגעפונען פאַר אונדז. אלע ווערטער ארויסגעזאָגט. מיר חזרן בלויז איבער. קערן זיך בלויז צוריק. דאָס נייסטע איז ביי אונדז בלויז אַ ווידערהאָלונג. רעדט איר פון דער באַנייונג [פון דער געזעלשאַפט — האָט איר דעם נביאיזם און זיין געזעלשאַפטס־אידעאַל. חלומט מען וועגן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס — ווידעראַמאָל: „שיבת ציון" — אומקערן זיך קיין ציון, צו די אַלטע בערג, צו די גרויע שטיינער, צו דער מערת־המכפלה. תמיד צוריק. קיינמאָל נישט צו נייע ברעגן, צו נייע צילן.

די קריסטן האָבן בעסער פאַרשטאַנען די טראַגעדיע פון אונ־

דזער עלטער, ווי מיר אַליין. זיי האָבן געשאַפן די אַהאַסווער=לעגענדע. אַהאַסווער איז פאַרשאָלטן, ער מוז לעבן, לעבן. ער בעט אויף זיך דעם טויט – ער וויל נישט קומען. ער איז מיד פון דעם אייביקן ראָד -- ער וויל זיך אָפּרוען פון דעם תמיד=זיין. ער קאָן נישט. ער מוז לעבן, זוכן נייס און נישט קענען געפינען.

„דער גרעסטער היסטאָרישער חטא פון די יידן איז זייער עקשנות צו לעבן" — האָט אַמאָל געזאָגט אַ באַרימטער סאָציאָלאָג — גומפּלאָוויץ. און ער איז אַליין געווען אַ ייד. און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז – ער אַליין האָט נישט געוואָלט דערלעבן די עלטער. ווען ער איז געוואָרן אַלט זיבעציק יאָר, האָט ער – צוזאַמען מיט זיין פרוי – אַליין געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. עס איז געווען דאָס יידישע לעבנסגעפיל, וואָס האָט זיך אויסגעשעפּט.

אָבער — מיר האָבן זיך געטרייסט. אַלט. — זענען מיר דען באמת אַזוי אַלט? דערפאַר, וואָס די גריכן און די רוימער האָבן נישט געוווּסט, ווי צו ראַטעווען זייער „איך" — זענען מיר אַזוי אַלט? נו, גוט, דריי טויזנט, פיר טויזנט יאָר — איז דאָס דען אַזויפיל? מיר האָבן זיך דאָך אָנגעהייבן אין דער געשיכטע מיט אברהם אבינו. און דאָס מיינט, אַ יאָר פיר טויזנט צוריק. עס איז אַ פיינע עלטער, אָבער נאָך נישט אַזוי מסוכן. מיר האָבן נאָך געהאַט זיידעס, מיר זענען נאָך אַלץ אייניקלעך. קומט פלוצים פראָפעסאָר קלעי און צעשטערט די אילוזיע אויך. וואָס פאַר אַ זיידעס, וואָס פאַר א פיר טויזנט יאָר! האָט דאָך שוין איאגאיה אין אברהם אבינוס צייטן אָפּגעשריבן פון אַ העברעישן דאָקומענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר פריער. און דער אָריגינאַל — איז דאָך אויך אַ קאָפּיע פון עפּעס, אפשר נאָך אַ פּאָר טויזנט יאָר פריער, און מיר פאַרלירן שוין אינגאַנצן דעם חשבון.

זעקס טויזנט, אַכט טויזנט, צען טויזנט יאָר — האָבן מיר זיך דען קיינמאָל נישט אָנגעהייבן? לעבן מיר אפשר אייביק? טאַקע מקדמות דנא, פון זינט די וועלט שטייט? אָן אַן אָנהייב און אָן — אַ סוף? אָן א האָפענונג אויף ווערן אַנדערש, אָננעמען אַ מאָל אַ נייע פאָרם? די אייגענע שפּראַך, די אייגענע מאָטיוון, אפילו די אייגענע באַוועגונגען! מיט זעקס טויזנט יאָר צוריק שוין פאַטעטיש, שוין אָפּגעהאַקט, שוין דעמאָלט מאָראַליש?

די עלטער רוקט זיך אָן. די גרויע, וואָס האָט שוין

כמעט פאַרגעסן, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ יוגנט. און מיר, וואָס ווילן האָבן נאָכאַמאָל די אילוזיע פון יוגנט און פון מעגלעכקייטן -- מיר פילן זיך, גלייך ווי מיר פארזינקען אין די אַלטע, ווייטע שוים־כוואַליעס, די כוואַליעס פון דער צייט. פאַרוואָס האָט פּראָפעסאָר קלעי נישט צעבראָכן זיין „ציגל־בוך״? וואָס האָט ער באַדאַרפט אונדז אָנטאָן דעם צער אויך? מיר ווייסן אַליין, אַז מיר זענען אַלט — אָבער נאָך עלטער? די משא וועגט צו שווער.

# דער שטריק און דער תהום

(אַ בריוו צו מ. גערשענזאָן)

זייער געשעצטער מיכאַיל אָסיפּאָוויטש!

איך שרייב אייך — פון דער ווייטער ווייט. מיר האָבן זיך מיט אייך קיינמאָל נישט געזען פּנים צו פּנים. מיר האָבן זיך קיינסאָל נישט באַגעגנט, ווען מיר זענען געווען געאָגראַפיש אַזוי נאָנט, ביידע אין מאָסקווע, ביידע אין דעם מערקווירדיקן, איינציקן, רעטענישדיקן לאַנד פון אונדזער וויג, פון דעם ווייסן, גרויען, הפּוכים-פולן רוסלאַנד.

איר, מיכאַאיל אָסיפּאָוויטש, זענט פאַר מיר תמיד געווען איינער פון די ווייניקע רוסישע שרייבער און דענקער, וואָס האָבן געהאט אַ שייכות צו מיר, צו מיין נשמה, צו מיינע חלומות, הגם זייער אָפט איז מיר אומפאַרשטענדלעך געווען, פאַרוואָס איר גיט אַוועק אייער צייט, אייער טאַלאַנט, אייער ליידנשאַפט אויף מעשיות פון אַלטע צייטן, אויף גריבלען זיך אין די פּאַנסלאַוויסטן, אין אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי הימלווייט פון אונדזערע אייגענע פּראָבלעמען, ווייט אין יאָרן און אין כוונה. אָבער אָפט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך פאַרשטיי אייך און דעם מאָטיוו פון אייער גייסטיקן לעבן. איר זוכט אַ ג ר ו נ ט.

איר זענט נישט דער איינציקער ייד, וואָס האָט זיך גייסטיק צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער רוסישער קולטור. איר זענט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער צווישן די רוסישע יידן, פאַר וועמען רוסלאַנד איז נישט בלויז אַן אָרט, וווּ מען איז געבוירן געוואָרן, וווּ מען האָט קברים פון אייגענע, וווּ מען לעבט, אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך, נאָר אויך אַ פאָטערלאַנד פון דעם גייסט, אַ קוואַל און אַ המשך. וואָלינסקי האָט עס פאַר אייך געטאָן. אָבער אקים לוואָוויטש וואָלינ-

סקי איז געקומען צום רוסישן לעבן מיט דעם גייסט פון דעם יידישן משכּיל, מיט דער שאַרפקייט פון דעם יידישן פּלפּול, מיט דער קלאָר-קייט און דעם ביטול פון דעם יידישן „אפיקורס", מיט דעם ביטול אפילו צו „השכּלה", און צום ראַציאָנאַליזם, צו דער רוסישער השכלה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין סאָציאַלע באַוועגונגען, אין אַ ריין מאָראַליש-פאָדערנדיקן, אומקינסטלערישן און אומפילאָזאָפישן צוגאַנג צו דער וועלט און צו דער ליטעראַטור. וואָלינסקי איז געווען גערעכט, אָבער זיין סטיל, זיינע ליטעראַרישע מאַנירן זענען געווען נישט פון די בעסטע און ער האָט אָפט אָנגעטראָטן אויף ווונדן.

עס איז דאָ אין רוסלאַנד אַ צווייטער יידישער קריטיקער — גאָרנפעלד. אפשר דער בעסטער, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט. אָבער גאָרנ-פעלד איז שוין צופיל ליטעראַרישער קריטיקער; צופיל געשמאַק, צופיל עסטעטיק. און דער דריטער — לעוו שעסטאָוו-שוואַרצמאַן, איינער פון די „אויפרעגנטסטע" רוסישע שריפטשטעלער, איינער פון די, וואָס וואַרפט זיך תּמיד אויף גרויסע פראַגן, וואָס דרינגט אַריין אין דעם תּמצות פון דעם לעבן. אָבער אויך ער איז צו וויט, צו נעפּלדיקן פאַרשלאָסן אין זיין פילאָזאָפיש-רעליגיעזן, פּעסימיסטיש-פּלאַטאָנישן, קרייז.

איר, מיכאיל אָסיפּאָוויטש, זענט דער איינציקער פון אַלע נייע יידיש-רוסישע שרייבער, וואָס האָבן אַ באַציִונג צום לעבן, צו די שווע-רע, טראַגישע פראַגן פון דערווירקלעכקייט. אַ באַציונג צו רוסלאַנד, צו אייראָפּע, צו דער קולטור, צו דער רעוואָלוציע, צו דעם אַלטן און צו דעם נייעם.

און ערשט נישט לאַנג צוריק האָב איך געלעזן די „בריוו", וואָס איר האָט געשריבן צו וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, דעם וווּנדערבאַרן פּאָ-עט און סטיליסט, און די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו אייך. איר האָט זיך איבערגעשריבן, וווינענדיק אין איין חדר אין מאָסקווע. אַ דיסקוסיע צווישן פריינט, אין בריוו-פאָרם. איר האָט געפּרעדיקט „דעם נאַקעטן מענטשן", אַוועקגיין פון זיך, פון דער אַלטער ירושה, אָרעם ווערן, פּשוט ווערן, אַוועקוואַרפן אַלצדינג, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן, כּדי צו קאָנען זאַמלען אויפסניי. און איוואַנאָוו האָט אייך געענטפערט: „איר רופט: לאָמיר אַוועקגיין. און איך זאָג: נישטאָ ווו". און ווייטער האָט ער געזאָגט צו אייך: „וואָס פאַר אַ חילוק

צווישן אייך און ניטשע: ער איז נישט בלויז אַ צערייסער, אַ בלוט־טרינקער, אַ נשמה=פּרעסער, ער איז אויך אַ געזעצגעבער".

ער איז — איר נישט, אַזוי זאָגט איוואַנאָוו, דער סיסטעמאַטיקער, דער פּאָעט, וואָס האָט ליב פאָרם און אָרדענונג און שיינקייט.

וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו רופט אייך אָן אַ נשמה=פּרעסער. און איר זענט עס. איר זענט עס געוואָרן. און ווען איך — וואָס ווין נישט מיט אייך אין איין חדר און אין איין שטאָט — וואָס בין אַזוי ווייט פון אייך — שרייב איך אַ בריוו, איז דאָס דערפאַר, וואָס איר האָט אָנגערירט אין מיר אַ סטרונקע, דערוועקט אין מיר אַ וווּנד, אַריינגעגאָסן אַ צופּרעסנדיקע זויערקייט אין מיין נשמה. איר האָט באַרירט די יידישע פראַגע, אָדער ווי איר רופט עס אָן: „דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק". אין דעמדאָזיקן קליינעם ביכעלע, וואָס איר האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן, האָט איר אָנגערירט די פראַגע, וואָס איז דער „גורל" פון דעם יידישן פאָלק, ווו איז זיין וועג — און צו זענען די וועגן, וואָס די געשיכטע האָט אים אָנגעוויזן, די ריכטיקע, די פּאַסנדיקע. און איר שטעלט זיך אָפּ מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, מיט דער גרעסטער באַטאָנונג אויף דעם ציוניזם, נישט ווי אַ קעגנער, נישט ווי אַן „אַסימילאַנט", נישט ווי איינער, וואָס שטייט אָן אַ זייט, איינגעוויקלט אין דעם טלית פון גלייכגילטיקייט און „פון אויבן=אַרונטערקייט". פאַרקערט, איר גייט צו ווי אַן אייגענער, ווי אַ זון פון אונדזער פאָלק, וואָס לײַדט מיט אים, פאַר אים, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין אַלטער ירושה, און זוכט אַ וועג פאַר דעם נייעם יידן.

איר זענט נישט קיין קעגנער פון דעם ציוניזם — ווילן יידן גיין קיין ארץ ישראל, מהיכי־תיתי; ווילן יידן אויפלעבן העברעיש — גוט; ווילן יידן גלות=נאַציאָנאַליזם, אויך גוט. נישט די פּאָליטישע, די פּראַקטישע זייט פון דער יידנפראַגע ליגט אייך אויפן האַרצן, נאָר די גייסטיקע. איז דער ציוניזם, דער נאַציאָנאַליזם — ד ע ר ענטפער אויף דער גרויסער, טראַגישער, וועלטהיסטאָרישער יידישער פראַגע? איז דאָס דער סוף?

אָט דאָס, וואָס איר האָט אַזוי אַוועקגעשטעלט די פראַגע, מאַכט אייך, מיכאַאיל אָסיפּאָוויטש, אַזוי נאָענט צו מיר, צו מיר און צו אַלע, וואָס מאַטערן זיך איבער דעם „זין" פון דעם יידנטום.

איך ווייס, מען זאָגט, אַז דאָס איז „בטלנות", „פראַזן", חירות

אין דער וועלט אַריין, אָן ממשות און אָן א ווערט. עס קאָן זיין, אז זיי זענען גערעכט, די, וואָס זאָגן עס. אבער מיר זענען אויך גערעכט. יידנטום איז נישט בלויז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר אַ פערזענלעכע און דער איז אַ זייער קנאַפּער, זייער איבערפלעכלעכער ייד, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון ספק און איינ-זאַמען יאוש. און דער האָט אַ קליינע שייכות צו דעם עצם פון דעם יידנטום, פאַר וועמען עס איז נישט קיין פערזענלעכע געוויסנס-פראַגע.

די נאַציאָנאַליסטן בכלל, און די ציוניסטן בפרט האָבן א זייער גרינגע אַרבעט פאַר זיך. זיי שליסן פשוט אויס אַ גאַנצע גרופּע פון פראַגן — און זענען זיך מצמצם אויף איינער: דער נאַציאָנאַל-פּאָ-ליטישער. זיי טרעטן צו דעם יידנטום צו, ווי ראַציאָנאַליסטן. דער „שלטון השכל" פון אחד־העם, דאָס איז זייער פילאָזאָפיע. וויסנדיק, צי נישט וויסנדיק. ווילנדיק, אָדער נישט. זיי פאַרלייקענען די יידישע געשיכטע, איר אייגנאַרט. איר משונהדיקייט. איר איינציקנייטיקייט. „לאָמיר זיין ווי די אַנדערע" — דאָס איז זייער ווונטש און זייער אַני־מאַמין. און נאָכמער: „מיר זענען ווי די אַנדערע". זיי מאָלט זיך דאָס יידנטום בלויז אַלס א פאָלק, וואָס האָט געהאַט דעם אומ־גליק — צו פאַרלירן די שטאַטלעכע אומאָפּהענגיקייט און די טע-ריטאָריע, מער נישט. און דערפאר דאַרף מען מער נישט ווי צו־ריקגעווינען די טעריטאָריע און די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. און דערנאָך? דערנאָך וועלן מיר זיין ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

פאַר זיי איז דאָס געווען דער ציל און דער זין פון דער גרוי-סער, אַלטער, בלוטדורכגעזאַפּטער יידישער געשיכטע. יידן זענען גע-גאַנגען אין גלות, אויף קדוש השם; יידן האָבן זיך איינגעוועבט און איינגעפלאָכטן אין דער וועלטקולטור — אלצדינג אַ זיגזאַג־וועג צו ציון. מעגלעך, אפשר איז עס טאַקע אַזוי פשוט. אָבער דעמאָלט האָט די גאַנצע געשיכטע בכלל קיין זין נישט. דעמאָלט פאַרשטייט מען נישט, וואָס די גרויסקייט פון דעם יידנטום איז, פאַרוואָס די יידן זענען געוואָרן אַזאַ היסטאָרישער פאַקטאָר. א פאָלק, וואָס וויל אהיים! נישט מער? און אויפן וועג — גאָרנישט? און די וואַנ-דערונגען האָבן גאָרנישט געמיינט? איז די יידישע געשיכטע נאָר קוים בלויז אַן אַנטראַקט צווישן צוויי אַקטן, נישט מער?

די פראַגע שטעל איך זיך תמיד, און איר האָט זי אויפסניי

אויפגעהייבן. איר שטעלט זי אַוועק מיט אַזאַ קלאָרקייט און שאַרפ־קייט ווי זעלטן פריער אָן אַנדערער, און נאָכמער: זאיר מיט זיך צו געבן אַ תשובה.

און איבער דעם ענטפער אייַערן וויל איך זיך מיט אייך דורכ־רעדן.

דאָס, וואָס וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו וואַרפט אייך פאָר, אַז איר רופט אויף – אַנטלויפן, אייער חלום וועגן „דעם נאַקעטן מענטשן" — אַלע מאָטיוון פון מרידה און באַפרייונג, פון אומצופרידנקייט און שטורעם. פון הכנעה פאַר דעם היסטאָרישן פאַקט – אַלצדינג קלינגט אַריין אין אייער ענטפער — און קלינגט ארויס פון אים.

איר זאָגט: דער זין פון דעם יידנטום איז: פרייהייט, וואַנדע־רונג. די מיסיע פון דעם יידישן פאָלק איז ווייזן דער וועלט אַן אַנדער פאָרם פון לעבן, אַ לעבן, וואָס איז נישט צוגעבונדן צו דער ערד. נישט דערפאַר האָט דער ייד געוואַנדערט, וואָס מען האָט אים געטריבן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט, האָט געמוזט, דערפאַר, וואָס זיין גייסט האָט אים געטריבן. איין וואַנדערונג נאָך דער צווייטער און איין באַפרייונג נאָך דער אַנדערער: פריי פון לאַנד, פריי פון שפּראַך, פריי פון מנהגים, און סוף כל סוף פריי — פון גלויבן און האָפענונג. אַזוי מאָלט זיך אויס דער טראַגישער, דער העראָישער וועג פון דער יידישער נשמה, און איר זעט קומען די צייט, ווען דער ייד, דער דענקענדיקער, באַוווסטזיניקער, גייסטיק־רייכער, וועט ווערן דער „אָרעמסטער" פון אַלע מענטשן, דער „ליידיק־סטער", אָן גלויבן, אָן האָפענונג, אָן וואָרצלען. אַ נייער מענטש, וואָס די וועלט האָט ביזאַהער גאָרנישט געזען. דער קרבן פון דער וועלט־קולטור — פאַר דער גרויסער באַפרייונג פון דעם מענטשן. אַ קרבן — און אַן אַנזאָגער.

אַזוי מאָלט זיך אויס דער גורל פון דעם יידישן מענטשן. אַ שווערער גורל. אַ טראַגישע צוקונפט. איך האָב מורא, אַז איר זענט גערעכט. דער נייער יידישער מענטש, אָט דער „קומענדיקער", ער איז שוין דאָ צווישן אונדז, און איר אַליין – און אַ סך צווישן אונדז — טראָגן שוין די גרויסע משא אויף זיך. און ווען אַ טייל פון אונדז וויל גלויבן אין אַ יידישער צוקונפט, וויל זיך שאַפן די אי־לוזיע פון פאַלעסטינע, איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר זעען דעם תהום, וואָס עפנט זיך פאַר אונדז, און שרעקן זיך.

איך וועל אייך דערציילן אַן אַלטן דרש פון דעם זוהר. איר זענט דאָך אַליין אַ שטיקל מיסטיקער און וועט זיך פאַרן זוהר נישט איבערשרעקן. און אָט וואָס דער זוהר זאָגט (אויף פרשה וירא): „צו וואָס קען מען צוגלייכן דעם פאַל פון אברהם אבינו? צו אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ טיפן תהום און מורא גע־האַט, אַז ער וועט נישט קענען צוריק אַרויסקומען פון אים. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער האָט צוגעבונדן אַ שטריק אויף דעם ברעג פון דעם תהום און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעמדאָזיקן שטריק. אַזוי איז עס אויך געווען מיט אברהם אבינו. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל זיך געגרייט אַראָפּצוגיין קיין מצרים, האָט ער זיך צוגעבונדן צו דער אמונה, ווי צו אַ שטריק, כדי ער זאָל קאָנען דערנאָך אַרויפ־שטייגן".

אָט זעט איר, דאָס איז דער אונטערשיד צווישן מיר און אייך. איך ווייס אויך, אַז די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, איז די גע־שיכטע פון אברהם. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין דעם תהום, מיר „גייען" אַראָפּ קיין מצרים, אין אַלע מצרימס פון דער וועלט. אבער איך ווייס אויך, אַז מען דאַרף האָבן אַ שטריק, כדי צו קענען ארויף צוריק צו דער זון. אויב נישט — וואָס איז דער זין פון דעם אַראָפּלאָזן זיך? אויב נישט דער שטריק — צוליב וואָס דער תהום?

און דאָס טראגישסטע פאַר מיר איז דאָס, וואָס דער שטריק אונדזערער הייבט זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען. נאָך אַ ביסל — און ער וועט פּלאַצן — און מיר וועלן בלייבן אין דעם תהום. האָט איר אַקעגן דעם אַ תרופה? קאָנט איר ראַטעווען דעם שטריק? איך קאָן נישט — איך ווייס נישט ווי אַזוי — און בלייבן אין תהום וויל איך נישט. און דערפאַר וויל איך, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך נאָך באַצייטנס אַרויפדראַפּען, כל זמן דער שטריק האַלט נאָך. און וואָס ביכער, און דערנאָך? דערנאָך וועלן מיר זען. וואנדערן, פריי — גוט, אָבער פון אייגענעם ווילן. דער „נאַקעטער מענטש" — גוט, אָבער שיין איז דער נאַקעטער מענטש אין זונשטראַלן, גרויליק איז ער אין דעם פינסטערן גרוב.

און פון דער גרויליקייט ווילן מיר ראַטעווען דעם יידישן מענטשן.

איך ווייס. איך האָב אייך נישט איבערגעצייגט. איך וויל עס

אויך גאָרנישט. זיך וויל איך איבערצייגן, צו זיך רעד איך, זיך וויל איך שטאַרקן אין דער שעה פון דעם גרויסן נסיון, אין דעם גרויסן ספק. און איך וויל אייך ענטפערן, ווי וו. איוואַנאָוו: „איר רופט — אַוועקצוגיין, און איך זאָג אייך: „עס איז נישטאָ ווו". די וועלט איז צו ענג געוואָרן פאַר די מענטשן. די וועלט איז צמצום, לאָמיר זיך אויך מצמצם זיין. עס איז אַ שעפערישער אקט.

# דער יידישער וועג.

איך האָב די טעג געלייענט אין אַ רוסישער צייטונג אַן אינטע־רעסאַנטן „מענטשלעכן" דאָקומענט: אַ בריוו פון דעם באַוווּסטן רו־סישן שריפטשטעלער וואַסילי ראָזאַנאָוו.

ראָזאַנאָוו איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק. מען האָט אַ צייט לאַנג געזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים דערשאָסן. און עס האָט קיינעם נישט געוווּנדערט. ראָזאַנאָוו איז געווען איינער פון די בעסט־געהאַסטע שריפטשטעלער אין רוסלאַנד, געהאַסט פון אַלעמען, אָבער אַמשאַרפסטן פון דער רוסישער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. ער האָט געשריבן אין דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", אין איי־נעם מיט מענשיקאָוו, א. סטאַליפּין, בורענין אין דער איבריקער סווואָ־ווּאָרין־קאָמפּאַניע. טאָג־איין, טאָג־אויס באַגאָסן מיט שמוץ, מיט אי־ראָניע אַלצדינג, וואָס די רוסישע אינטעליגענץ האָט ליב געהאַט, מבטל געווען אַלצדינג, אין וואָס זי האָט געגלויבט, צו וואָס זי האָט געשטרעבט, פאַרוואָס זי האָט זיך מקריב געווען. און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער, ראָזאַנאָוו, האָט געהאַט אַ גרויסן ליטעראַרישן טאַלאַנט, וואָס ער איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט און אַזוי רוסיש.

מען האָט אים גערופן אין רוסלאַנד „יודאַשקא גאָלאָוולִיעוו", נאָך דעם באַקאַנטן טיפּ פון דער רוסישער ליטעראַטור, דעם צבוע, וואָס רעדט זיסע ווערטער און אַלץ מיט גאָט. דער סענטימענטאַלער עגאָיסט און רשע מיט פרומע אויגן. פרום? דאָס אויך נישט. מען האָט ביי ראָזאַנאָוון קיינמאָל נישט געקאָנט געניי וויסן אין וואָס ער גלויבט. אָט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער גלויבט אין גאָרנישט, אז ער איז גאָרנישט קיין שום מאמין, אַז ער איז דער פרייסטער פון אַלע פרייַדענקער. אין אַ טאָג אַרום האָט ער זיך ווידער צעזווּנ־

גען פון דעם ווירויך און דער קלויסטער־שטימונג. איין טאָג האָט ער אַלצדינג מבטל געווען — רעגירונג, די גרונט־אידעען פון דעם גאַנצן רוסישן לעבן — און אויף דעם צווייטן טאָג איז ער געשטאַנען טריי אויף דער וואַך פאַר „טראָן און מזבח".

און מער פון אַלע האָבן אים פיינט געהאַט די יידן. פאַר זיי איז ער אָפט געווען א געפערלעכער, אַ גרויזאמער שונא. ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. ער האָט אַלצדינג פאַרענטפערט. אפילו פּאָגראָמען האָבן אים אויך נישט געאַרט, און פאַר אַן עלילת־דם האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט.

וואָס איז דער וואונדער, ווען מען האָט געגלייבט דער מעלדונג, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים דערשאָסן?

אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ראָזאַנאָוו איז געשטאָרבן מיט זיין נאַטירלעכן טויט אין — אַ מאָנאַסטיר. ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דאָרט, ווי ער האָט אייגנטלעך געדאַרפט פאַרברענגען זיין לעבן. ער איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ מאָנאַך, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, אַ נזיר, וואָס האָט על פּי טעות אָפּגעשוירן זיך די האָר. ער האָט, דאַכט זיך, גערעדט די שפּראַך פון דער צייט, פון דער וועלט אַרום אים, אָבער דער טאָן איז געווען אַ מאָנאַסטירישער. עס האָט זיך געהערט דער אונטערטאָן פון קירך־גלאָקן.

ווי אַ מאָנאַך האָט ער זיך באַצויגן צו רעליגיע: מיט האַסנדיקער ליבע, מיט דעם צווייפל פון אַ גלויבנדיקן. און ווי אַ מאָנאַך האָט ער געזען אין דעם לעבן דאָס הייסעסטע אין אים, די גליענדיקסטע תאווה, דאָס, וואָס גייט אַרויס פון דעם גדר פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, דאָס, וואס מען רופט אין טעאָלאָגישער שפּראַך „זינד". ליב האָבן זינד און וויסן, אַז דאָס איז זינד, און טאַקע דערפאַר, וואָס עס איז זינד דאָס קען בלויז אַ רעליגיעזער מענטש, דער, וואָס האָט אַ גייסטיקע, אינטימע באַציונג צום לעבן, דער, וואָס לעבט אייבער פערזענלעך די פראַגן פון מאָראַל און פון געזעלשאַפט.

און דאָס האָט די רוסישע אינטעליגענץ א צייט לאַנג נישט פאַרשטאַנען, און אַפילו די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אים נאָכפאָלגן. ער האָט געשטאָכן און געביסן און מען האָט צוריק געשטאָכן. און צווישן ראָזאַנאָוו און דער רוסישער אינטעליגענץ איז געווען אַ מלחמה.

ביז די רעוואָלוציע האָט געבראַכט דעם שלום. און אויף אַ גאַנץ מערקווירדיקן אופן. די אינטעליגענץ איז געוואָרן „ראָזאַנאָווישער" — פאַרטראַכטער, פאַרטיפטער; ראזאנאוו איז געוואָרן מענטשלעכער, פיינער, ווייכער. ער האָט תשובה געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע פריערדיקע זיכערקייטן. און דער צער פאַר רוסלאַנד, דער וויי־טאָג פאַר דער קעגנוואַרט האָט אים אוועקגעפירט פון זיינע פריער־דיקע פריינט, פון דער „נאָוואָיע ווּרעמיא", פון דער פאַרטיי, וואָס וויל מאַכט און שטיצט זיך אויף שנאה און נאַציאָנאַלן עגאָיזם.

ראָזאַנאָוו האָט זיך פאַרן טויט איבערגעבעטן מיט די יידן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט דעם גאַנצן טראַגיזם פון יידישן לעבן. נישט בלויז די אָרעמקייט, די נויט, די מאַטערניש, נאָר די טראַגעדיע פון דער יידישער נשמה, די סודותדיקייט פון דעם יידישן וועג.

* * *

„איך האָב אָנגעהייבן אויפסניי איבערטראַכטן די גאַנצע יידי־שע פראַגע, און איך האב באַשלאָסן: וואָס פאר אינטים, וואָס פאַר אינווייניקע מענטשן די יידן זענען! ווי קאַלט און גלייכגילטיק זענען אין פארגלייך מיט זיי די פראַנצויזן, די דייטשן און אַפילו די רוסן! נג, אָט, אָט בין איך אַ רוס. אט האָב איך אַזויפיל כוחות אוועקגע־לייגט אויף דער ליבע צו רוסלאַנד און צו דעם „רוסישן גייסט". און וואָס האָב איך געפונען, אויב נישט גלייכגילטיקע צושטימונג, אָדער בייזקייט... פאַראכטונג? און פאַר מיר האָט זיך באַוויזן די גאנצע געשיכטע פון די יידן — פון בבל אָן, פון רות, פון איוב אָן.

„און איך האב א טראכט געטאָן: „ניין, ניין, קיין שום פאָלק האט נישט אזויפיל הייסקייט". נאָכמער, איך טראכט: אפילו זייער „געשעפט־מאַכעריי" איז דאך אויך נישט מער ווי ארבעטסלוסט. האָ־רעוואניע — נישט מער... און עס האט זיך מיר דערמאָנט אַ היסטאָ־ריש ווערטל: „מאָסקווע גלויבט נישט קיין טרערן". די גאנצע גראָבּ־קייט פון מאָסקווע, פון דער היסטאָרישער מאָסקווע האט געפונען איר אויס־דרוק אין דעמדאָזיקן ווערטל, און דאס „יידל" איז מיר געוואָרן אזוי ליב, אזוי אינטים"...

דאס איז אן אויסצוג פון ראָזאַנאָווס אַ בריוו. אין אים איז דער גאַנצער ראָזאַנאָוו, אפשר די גאנצע אינטימע נשמה פון רוסלאנד. מאָסקווע, וואס גלויבט נישט קיין טרערן, מאסקווע, וואס האט נישט קיין רחמנות — אבער אויך מאָסקווע, וואס בענקט נאָך רחמנות־האבן.

דאַס אייגענע רוסלאַנד, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געפֿונען זיין אויסדרוק אין בעלינסקיס וואָרט: „ליבע צום פֿאָטערלאַנד מיינט ליבע צו דער גאַנצער מענטשהייט". זי האָט תּמיד געבענקט נאָך מענטשלעכקייט, און תּמיד געבאָדן זיך אין טומאה, פֿול געווען מיט באַרבאַרישקייט, מיט אכזריות. מען האָט געזאָגט: „דער מענטש, דאָס קלינגט שטאָלץ" — און דער אייגענער „מענטש" איז געווען דער סימבאָל פֿון קנעכטשאַפֿט, דערנידערונג. דער „מענטש" — ד. ה. דער דינער, דער באַדינער, דער „טשעלאָוועק", איבער וועמען יעדער כאַם האָט געקאָנט געוועלטיקן.

מאָסקווע האָט נישט געגלויבט נישט אין אייגענע טרערן, נישט אין פֿרעמדע. האָט נישט געגלויבט ביז דער לעצטער צייט, ווייל זי האָט נישט געגלויבט אין אמתן, ריינעם, לייטערנדיקן ליידן. זי האָט נישט געגלויבט אין די טרערן און ליידן פֿון די ייִדן. זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז געמאַכט, דאָס איז געקינצלט, דאָס איז אַן אָנשטעל.

האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען? ווייסט רוסלאַנד שוין וואָס ס'מיינט ליידן, וואָס ס'איז געטרעטן און געקנעטן זיין, וואָס ס'איז דער טעם פֿון זיין אַן „אָביעקט" פֿון געשיכטע?

ראָזאַנאָוו האָט עס פֿאַרשטאַנען. צו שפּעט — אָבער פֿאָרט. און ער האָט פֿאַרשטאַנען נאָך עפּעס, נאָך טיפֿערס, נאָך וויכטיקערס. ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם — ייִדישן וועג.

„אַ מערקווירדיקע ענלעכקייט, — שרייבט ער, — איז צווישן אונדז, רוסן, און די ייִדן. די היסטאָריקער האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז די רוסן האָבן גערופֿן די וואַריאַגן נישט דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך „אָפּגעזאָגט פֿון מאַכט", נאָר פּשוט דערפֿאַר, וואָס דאָס רוסישע פֿאָלק איז אומפֿעיִק צו מאַכט. די רוסן האָבן איין מערקווירדיקע אייגנשאַפֿט: לעבן אין דעם געסל, אין דעם קלייזל, נישט מער, נישט זינדיקער."

און ווייטער:

„מיר זענען פּונקט ווי די ייִדן פֿעיִק צו אידעען, צו געפֿילן תּפֿילות און מוזיק, אָבער נישט צו הערשאַפֿט. אָבער צו אַזאַ גרויס, אומגליק, האָבן מיר פֿאַרכאַפּט אַ זעקסטל טייל פֿון דער יבשה, און האָבן עס קאַליע געמאַכט. דער פּלאַנעט האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און האָט אַלצדינג איבערגעקערט".

אומפּעיקייט צו הערשאפט — דאס איז עס, וואס פארבינדט יידן מיט רוסנטום. דאס לעבן אין דעם „געסל", דאס קאָכן זיך אין דעם אייגענעם קרייז, דאס שטארק זיין, כל זמן מען איז צווישן זיך, כל זמן מען גייט נישט ארויס פון דער אבסטראקציע, פון דעם ווונטש; און דאס שוואך ווערן, בטול ווערן, ווען דאס געסל ווערט די גאַס, ברייטערט זיך אויס צו א גאנצער וועלט — דאָס האבן אפשר די רוסן באַוויזן אין אַ קורצער צייט. מיר האבן אבער עס געוויזן אין די לאנגע, לאנגע דורות פון אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ. די יידישע קראפט וואקסט אין דער אנטקעגנגעזעצטער פּראָפּאָרציע צו איר אויסברייטונג. וואס קלענער איר שטח, אלץ גרעסער איר אינטענסיווקייט.

הערשן אבער פארלאנגט אויסברייטערונג. דער גאנצער זין פון הערשאפט ליגט אין דעם דערווייטערן, אויסברייטערן, אין דער עקס־טענסיווער ווירקונג. הערשן הייסט אונטעראָרדענען, אָבער אויך איינאָר־דענען. דער, וואס זאָגט אָרדענונג, זאָגט ווילן, סיסטעם, קלאָרקייט אי־בער זיך אליין. די דייטשן האבן אין זיך אָט דעם אינסטינקט. זייער גאַנצע געשיכטע איז איין לאנגער קאַמף פאר הערשאפט. עס איז אַן אָנגריף און צוריק געשטויסן ווערן. זייער היסטאָרישע טראַגעדיע איז, וואס זיי האבן געפונען פאר זיך אַן אַנדער אָרדענונג, אַן אנדער סיס־טעם — דעם ראָמאַנישן, און זיי קאָנען אים דערווייל נאָך נישט גובר זיין.

די ענגלענדער, וואס האבן ביידע עלעמענטן אין זיך — דעם גערמאַנישן און דעם ראָמאַנישן — זענען דערווייל דאָס פאָלק פון הערשאפט. זיי וויסן, וואס זיי ווילן. אפשר איז דאס, וואס זיי ווילן נישט, ווערט געוואָלט צו ווערן — דאס מאכט נישט אויס. אָבער זיי גלויבן אין דעם.

וואס האט אָבער געוואָלט דאס יידנטום? וואָס פאר אַ סיסטעם און אָרדענונג האט עס געוואָלט ארייַנברענגען? די אידעען פון דעם יידנטום זענען שטארקער פון דעם יידישן ווילן, זיי זענען שטארקער פון יעדן ווילן און יעדער ווירקלעכקייט. זיי לאָזן זיך גאָרנישט רע־אַליזירן. דאס יידנטום האט עס אינסטינקטיוו געפילט און האט זיך אָפּגעזאָגט פון דער הערשאפט. ביי זיך — צווישן זיך — יאָ. דאָרט אַ „פאָלק פון כהנים", דארט קעמפן ביזן בלוט פאר דער אידעע. אָבער אַנדערע — לאָזן זיי גיין זייער וועג.

זיי האבן אפילו די איירָאָפּעישע וועלט אינפיצירט מיט זייער

אַנטי=הערשאַפט פילאָזאָפיע. און עס האט געדויערט אַ סך צייט, ביז די קריסטן האבן געקענט אויספשטלען די יידיש=קריסטלעכע „ממלכת שמים”, אריבערפירן איר אויף דעם מאָטיוו פון הערשן.

און אויך זי ליידט אָפּט פון איר „קראַנקן געוויסן”. דאס יידנ=טום האָט זי קראנק געמאַכט. דאס יידנטום, וואס האט מבטל געווען אין עצם, אין קערן יעדן געדאנק פון הערשאפט, יעדע אויסשפריי־טונג פון דער פערזענלעכקייט.

מערקווירדיק — מען האט אזויפיל, אַזוי ליידנשאפטלעך גע־רעדט איבער יידן און יידנטום — און אזוי זעלטן האט עמעצער פאַר־שטאנען דעם יידישן וועג: דעם וועג פון דער וועלט צו זיך, פון פעריפעריע צו דעם צענטער. צו דעם אינעווייניקסטן מענטש. זעלטן עמעצער זעט דעם וועג, אפילו צווישן אונדז אליין.

און מיר בלאָנדזשען, פארוואָגלטע, אין אלע ריכטונגען, אויף אַלע וועגן, בלויז נישט אויף דעם, וואס איז אונדז פארגעצייכנט. באַלד, באַלד וועלן מיר שוין אליין פארגעסן, ווו אונדזער וועג איז. אָדער אפשר האבן מיר שוין פארגעסן?

# ארום דעם צענטער.

מיט א פּאָר יאָר צוריק, ווען די נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן האָבן געקאָכט און געזאָטן, ווען איטלעכס פאָלק האָט געוואָלט באַווייזן זיין גרויסקייט, זיין אינדיווידואַליטעט אויף יעדן געביט, האָבן זיך די דענקער פון אייראָפּע — און צווישן זיי זייער ערנסטע, זייער שטאַרקע — אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע פון דעם „נאַציאָנאַלן דענקען", מיט דעם פּראָבלעם פון דעם „פאָלקסגייסט". ווונדט און הערמאַן קאָהען האָבן אויף דער דייטשער זייט זיך באַמיט צו באַווייזן די טיפקייט פון דעם דייטשן דענקען — אַלס דייטשן — דורך זייער אַנאַליז פון דער דייטשער פילאָזאָפיע. מיט דעם אייגענעם מיטל האָבן זיך באַנוצט די קעגנער פון די דייטשן — בערגסאָן און בוטרו אין פראַנקרייך, דער צוקער-זיסער סאַנטאיאַנא אין אמעריקע און א סך אַנדערע. זיי האָבן אויך זיך באַמיט צו באַווייזן, ווי „נאַציאָנאַל" די דייטשע פילאָזאָפיע איז, און ווי קאַנט און פיכטע זענען ענג פארבונדן מיט ביסמארק און הינדענבורג.

די ליידנשאַפטן האָבן זיך אָפּגעקילט, די פילאָזאָפן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די זייער ווייניק פילאָזאָפישע אויפגאַבע פון פּאָליטישער נאָכשלעפּעריי, שעמען זיך אפשר שוין היינט — אויב זיי מיינען עס ערנסט מיט זייער פילאָזאָפיע.

אָבער עפּעס איז געבליבן פון דער צייט — און דאָס איז דער באַגריף פון דער „נאַציאָנאַלער פילאָזאָפיע" — ריכטיקער, פון דער אייגנאַרט פון דעם דענקען ביי יעדן פאָלק, פון דעם צוגעפּאַסט זיין פון דעם פילאָזאָפישן סיסטעם צו דעם אַלגעמיינעם קולטור-לעבן פון דער היסטאָריש באַשטימטער עפּאָכע און פון דער סביבה. נישט דער אינ-

האַלט — די פאָרם בייט זיך. דער אינהאַלט פון יעדער פילאָזאָפיע איז דער אייגענער צו יעדער צייט און ביי יעדן פאָלק.

די אייגענע וועלט מיט אירע אייגענע פראַגן: לעבן און טויט, דער מענטש און די וועלט, דאָס פּראָבלעם פון זיין און געוועזן זיין, די פראַגע פון ציל און תכלית — דאָס איז דער מאַטעריאַל — און דער בייט זיך נישט; דאָס איז די סומע פון ענערגיע, און זי איז תמיד גלייך. דאָס, וואָס בייט זיך, איז — דער וועג, דער אַקצענט, די פאָרם.

מיר האָבן פאַר זיך צוויי מענטשן,ביידע האָבן פאַר זיך איין אויפגאַבע. אָבער איינער גייט צו איר צו פון איין ווינקל, זעט זי אונטער איין געזיכטספונקט, דער אַנדערער אונטער אַן אַנדערן. און ווען זיי קומען ביידע סוף=כל-סוף צו איין מסקנא, צו דער אייגענער לייזונג, איז דאָך די מעטאָדע אַזוי פאַרשידן, אַז מען דערקענט אָפט נישט די גלייכקייט פון דעם ענטפער.

איך זאָג נישט, אַז די אויפגאַבע פון פילאָזאָפיע — אַלס תקירה — האָט און דאַרף האָבן אזא היסטאָריש=פסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. נישט דאָס איז וויכטיק. דאָס דענקען איבער פראַגן איז ווערטפולער, ווי דאָס איינקוקן זיך אין די וועגן פון דעם דענקען. אָבער ווען מען גייט אַוועק פון דער ריין-טעאָרעטישער, שפּעפערישער חקירה און מען באַשעפטיקט זיך מיט דער געשיכטע פון דער חקירה, מיט דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע, איז דידאַקטישע פסיכאָלאָגישע מעטאָדע כמעט די איינציק־מעגלעכע, יעדנפאַלס די טיפסטע, די, וואָס דערנענטערט אונדז צו די קוואַלן און מאָטיוון פון דעם דענקען. געשיכטע פון פילאָזאָפיע ווערט געשיכטע פון דענק־פאָרמען, פון מאָטיוון, ווערט קולטור-פסיכאָלאָגיע.

עס איז זייער וויכטיק פאַר יעדן קבוץ, פאַר יעדן פאָלק צו פאַרשטיין זיינע אייגענע, קולטור=שאַפנדיקע מאָטיוון אין זייער געשיכטלעכער אַפשפּיגלונג און וואַקסן. עס איז דער פראָצעס פון נאַציאָנאַלן זעלבסט=דערקענען און — פאַרשטיין.

און אויב דאָס איז וויכטיק פאַר פעלקער, וועמענס עקזיסטענץ איז ערד־פאַרפעסטיקט, נישט פּראָבלעמאַטיש, זיכער און אָן פראגן, איז דאָס נאָך נייטיקער פאַר אונדז, וואָס שטייען מיט איין פוס אויף דעם לייטער פון יעקבן. פאַר יידן איז דאָס נישט בלויז אַ טעאָרעטישע נייגעריקייט, עס איז אַ לעבנס=אַקט.

„ישראל ואוריתא חד הוא" — יידן און תורה, יידן און וועלט-אויפפאסונג, יידן און געדאנק זענען איינס. מיר קאָנען דערפון נישט אוועקגיין, ווי אַזוי מיר זאָלן דאָס נישט וועלן. דאָס איז אונדזער גורל. די פראגע איז בלויז, וואָס די „אוריתא" איז, אָדער זאָל זיין. די פראגע איז, ווי אַזוי איז זי געוואָרן, וואָס איז געווען איר וועג, וואָס זענען אירע מאָטיוון — און ווו זענען אירע ווייטערע פּאָטענציעלע כחות, אירע מעגלעכקייטן.

אין זיין נישט לאַנג צוריק דערשינענעם בוך — מער ביאָגראַפיש, ווי פילאָזאָפיש — איבער סעדיה גאון (אין ענגליש, געדרוקט פון דער דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייטי), האָט דר. הענרי מאַלטער ציטירט — אַלס מאָטאָ — אַ זאַץ פון דעם „ספר הגלוי" פון דעם גאון: „גאָט לאָזט נישט זיין פאָלק צו קיין צייט אָן אַ לערער, וועמען ער באַגייסטערט און באַלערט, כדי ער זאָל לערנען און פירן דאָס פאָלק און פארגרינגערן דערמיט זיין לעבן".

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער יידישער לעבנסבאטראַכטונג. אָן אַ טעאָרעטישער באגרינדונג, אָן אַ פאַרגרונטונג אין דער אידעע, קאָן דאָס יידישע לעבן נישט אָנהאַלטן. די אידעע, די פילאָזאָפיע איז דער צעמענט, וואָס האַלט אים צונויף. און יעדע צייט האָט איר אידעע, איר צעמענט.

אָבער איז דער צעמענט פאַרשידן פון צייט צו צייט, פון דור צו דור — וואָס איז די פאָרם, וואָס ער נעמט אָן? די אידעע באַקומט נייע און נייע שאטירונגען — אָבער וואָס איז איר עצם? גענויער — ווו איז די פאָרם און דער וועג פון דעם יידישן דענקען?

די געשיכטסשרייבער פון דער יידישער פילאָזאָפיע זענען נישט קיין זעלטנקייט. עס איז דאָ אַ גרויסע און רייכע ליטעראַטור איבער די פאַרשידענע דענקער פון דעם יידנטום, איבער ר' סעדיה גאון, איבער ר' יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול, איבער מימוני, דעם גרעסטן פון אַלע, איבער די שפּעטערע, די, וואָס האָבן פאַרפולשטענדיקט און ווייטער געפירט די אַרבעט פון די ערשטע אָריגינאַל-דענקער.

אָבער די הויפּטפראַגע איז תמיד געבליבן נישט פאַרענטפערט: זענען די יידישע דענקער בכלל געווען דענקער, פילאָזאָפן אין דעם אמתן זין פון דעם וואָרט, ד. ה. פרייע, אָריגינעלע דענקער און נישט בלויז טעאָלאָגן, נישט בלויז פאַרטיידיקער, אויסטייטשער פון אַ דאָגמאַט? איז דער יידישער געדאַנק געווען פרוכטבאַר, אַזוי אַן

עקר? האָט ער געהאַט אייגענע פילאָזאָפישע מאָטיוון, אָדער האָט ער זיך בלויז אויסגעשעפּט אין פּשרה־מאַכן צווישן תּורת משה און דער פילאָזאָפיע פון די גריכן, צווישן דעם יידנטום און דעם פּלאַ־טאָניזם, אָדער דער שיטה פון אַריסטאָטעל?

איינער פון די לעצטע און מומחהדיקסטע פאָרשער אויף דעם־דאָזיקן געביט — פּראָפעסאָר דוד ניימאַרק — האָט זיך געפּרווּט ענטפערן אויף דער פראַגע. ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן דעם עצם און די אָריגינאַליטעט פון דעם יידישן דענקען. לכתּחילה אין זיין העברעישן בוך איבער דער געשיכטע פון דער יידישער דאָג־מאַטיק, די „עיקרים", דערנאָך אין זיין גרויסן דייטשן ווערק איבער דער געשיכטע פון דער יידישער פילאָזאָפיע, און צום שלוס אין זיין נייעם העברעישן בוך: „תולדות הפילוסופיה בישראל" (פאַרלאַג „שטי־בעל"). עס איז אַ ווערק, וואָס איז געפּלאַנט אויף צען בענדער. דערווייל איז דערשינען בלויז דער ערשטער באַנד — די אַלגעמיינע איינלייטונג, דער איבערזיכט פון די גרונט־אידעען און זייער אַנט־וויקלונג.

עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט מיין אויפגאַבע צו געבן אַ קריי־טישן אַנאַליז פון פּראָפעסאָר ניימאַרקס געשיכטס־ווערק. אינטערעסאַנט ווי עס איז — פון דעם פאַכמענישן, געלערנטן שטאַנדפּונקט — נאָכ־צוגיין טריט ביי טריט זיין אויפפאַסונג און אויסטייטשונג פון די פאַר־שידענע פילאָזאָפישע סיסטעמען ביי יי״ן, ספּעציעל ביי דעם רמב״ם, צו וועמען ניימאַרק באַציט זיך, ווי אַ תּלמיד צו אַ רבין, וועמענס דענקען באַהערשט, אייגנטלעך, זיין גאַנצע גייסטיקע אַרבעט, איז דאָס נישט דער הויפּט־פּראָבלעם פון דעם ווערק און נישט די גרונט־פראַגע פאַר אונדז.

וואָס פאַר אונדז איז וויכטיק, איז טאָקע די הויפּטפראַגע, וואָס סעדיה גאון האָט — אין זיין קאַטעגאָרישער באַהויפּטונג — אַוועקגע־שטעלט: וואָס איז די אידעע פון דעם יידנטום אין יעדער צייט — און דערפאַר אויך אין דער היינטיקער צייט? מיט אַנדערע ווערטער: וואָס איז דער גרונטמאָטיוו פון דעם יידישן דענקען?

ניימאַרק זאָגט: „הכח הפנימי בהתפתחותו ההיסטורית של הרוח בישראל הוא תורת הרוח עצמה. אין לך שאלה בכל ההיסטוריה של היהדות התיאורית שאינה סובבת על ציר חמחקר של דבר אחדות השלמה, הבלתי מתחלקת של הרוח" (ז. 18) — דער אינעווייניקסטער

כות, דער יסוד, דער אור־מאָטיוו פון דעם טעאָרעטישן יידנטום איז — די לערע פון דעם גייסט, פון זיין אַבסאָלוטער, אומגעטיילטער גאַנצ־קייט. נישט די פראַגן פון שאַפן און שעפער, נישט פון סוף אָדער אין־סוף, נאָר פון איינהייט, אָדער געשפּאָלטנקייט.

און ניימארק באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז פון זינט דאָס יידנ־טום עקזיסטירט אַלס אַ גייסטיקע קראַפט, קומט אין אים פאָר אַן אומאויפהערלעכער קאַמף אקעגן יעדן דואַליזם, אקעגן יעדער פאַר־מינדערונג פון דער גייסטיקער וועלט־איינהייט, דער „אחדות". ער גיט צו, אַז אין דעם יידנטום אַליין איז געווען די מיטאָלאָגישע טענ־דענץ — די לערע פון מלאכים, די גאַנצע שאַפונגס־געשיכטע. יעדער פּעריאָד פון דער יידישן דענקען איז דורכגעדרונגען פון דעם־דאָ־זיקן אינעווייניקסטן קאַמף — עס איז דער קעגנזאַץ פון דער „משנה תורה" און די איבעריקע ספרים פון דער תורה, דער קעגנזאַץ צווישן ירמיה — דעם ריינעם מאָנאָטעיסט, דעם אַבסאָלוטן איינהייטס־דענקער— און יחזקאל, דעם מיטאָלאָגיש געשטימטן. און דער איינהייטס־געדאַנק האָט געזיגט. די משנה איז געווען ריין פון יעדן דואַליזם, פון יעדן מיטוס. דער תלמוד האָט געקעמפט פאַר דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע אַקעגן דער מיסטיק. די מיסטיק — אין איר קבלה־פאָרם — האָט זיך געפרווט צופאַסן דעם מיטאָלאָגישן אינסטינקט צו דעם ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק, אָבער אויך זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. און סוף כל סוף האָט דאָס יידנטום געפונען זיין העכסטן, זיין ריינסטן פילאָזאָפישן אויסדרוק אין דעם שטרענג־ראַציאָנאַלן, אַ נ ט י ־ מיטאָלאָ־גישן מימוני. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די פאַרענדיקונג און קריסטאַ־ליזירונג פון דעם יידישן געדאַנק.

די יידישע פילאָזאָפיע איז געווען — לויט ניימאַרקן — נישט פלאַטאָניש און נישט אַריסטאָטעליש. נישט האָט אבן גבירול, אָדער די מקובלים בלויז איבערגעטראָגן די פלאַטאָנישע אידעען־לערע אויף דעם יידישן פעלד; און נישט האָט מימוני מגייר געווען אריסטאָ־טעלן.

די יידישע חקירה איז געווען אַ פּראָצעס פון גובר זיין ביידע שיטות, צוזאַמענשמעלצן די אידעאַליסטישע און רעאַליסטישע וועלט־אָנ־שויונגען אין אַן אייגענער, ראַציאָנאַליסטישער שיטה.

לאָמיר צוגעבן, אַז דאָס איז אַזוי, אַז דאָס א י ז דער וועג פון דעם יידישן דענקען, אַז דער ראַציאָנאַליזם איז דער קוואַל פון דער

יידישער גייסטס=געשיכטע. אָבער — אָבער וואָס איז דער ראַציאָנאַ= ליזם ? וואָס באַטייט דידאַקטיזם אײנהייטס-טענדענץ ? ווי זענען אירע לאָגישע, אירע פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען ? פאַרוואָס האָט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט בלויז דאָס יידישע באַהעפט זיך צו דעם אײנהייטס=מאָטיוו ? און איז דאָס באמת זיין גרונטמאָטיוו ?

און דאָס איז דער שווערסטער פּראָבלעם. מען פלעגט זאָגן, אַז דער אונטערשיד צווישן דעם יידישן און דעם גריכישן דענקען איז אין דעם, וואָס דער ייד האָט תמיד געזוכט די עטישע ווערטן, דער גריכישער כּעזטש — דאָס וויסן און פאַרשטיין. ניימאַרק אַליין איז אויך אין אַ געוויסער מאָס נוטה צו אַזאַ אויפפאַסונג — אָבער עס איז דאָך בלויז איינער פון די אַלגעמיינע געדאַנקען, וואָס האַלטן נישט אויס קיין גענויערן אַנאַליז. קוקט מען זיך צו נענטער צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, בפרט נאָך, ווען מען גייט אַ ביסל ווייטער און מען נעמט אַריין אין דעם קרייז פון באַטראַכטונגען די אינדישע, די כינעזישע פילאָזאָפיע — זעט מען, אַז אויך דאָרט איז דער הויפּט- מאָטיוו געווען דער עטישער. עטיק הייסט באַציונג צום לעבן. און דאָס איז דאָס ערשטע און וויכטיקסטע. „צוערשט לעבן און דערנאָך פילאָזאָפירן”. דערקענען איז די צווייטע שטופע. זי וואקסט אַרויס פון דעם וועלן, פון דעם זיך באַציען. פאַרשטיין איז אַ צוגאַנג פון א באַשטימטן ווינקל, אָבער די ווינקל=מאָס גיט דער לעבנסטאָן, און דאָס איז די עטיק.

ווייטער, איז דען דער קאַמף אַקעגן דעם מיטוס און פאַר דעם ריינעם דענקען, פאַר דער „ראַציאָ”, אן אויסשליסלעך יידישע דער= שיינונג ? איז זי נישט אייגן פונקט אַזוי דעם גריכישן און דעם אינדישן גייסט ? האָבן דען נישט די גריכישע — פאַר=פּלאַטאָנישע דענקער געלערנט דעם „איינס אין אַלץ” (הען קאַי פּאַן) ? און דאַן— וואָס איז דאָן די „ראַציאָ”, אָט דער „שכל”, וואָס איז דער געוועל= טיקער אין דעם יידישן גייסט-לעבן ? איז שכל ריינע לאָגיק ! אַ דענקען אין ווערטער איז אַ דענקען אין בילדער. און אַ דענקען אין בילדער — ווי עס זאָל נישט זיין „ריין” — איז מיטאָלאָגיש. דער איינהייטס-געדאַנק אַליין איז אַ מיטאָלאָגישער באַגריף — אויב ער איז פּאָזיטיוו, סיידן ער ווערט בלויז אַ לייקענונג, אַן אייביקער „ניין” — און דאַן איז ער אומפּרודוקטיוו.

אָט דאס איז דער גרויסער, דער פונדאַמענטאַלער פּראָבלעם פון

דעם יידישן דענקען, פון דעם יידישן שאפן. און אויף דעם פראב־
לעם האט ניימארק — נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסער געלערנטקייט
און פארטיפונג — נישט געענטפערט. ער האט געוויזן דעם צענטער,
אבער נישט באוויזן, וואס דער צענטער איז. ער האט געוויזן דעם
אינהאלט, אבער נישט די פארם פון דעם יידישן דענקען. און די
האפענונג פון ר׳ סעדיה גאון בלייבט דערפאר נאך נישט דערפילט.

מיר ווייסן נאך אלץ נישט, וואס זענען די מעגלעכע וועגן
די לאגיש־גויטוועגדיקע, די פסיכאלאגיש־באגרינדעטע, פון דעם יידישן
שאפן.

# דער קראַנץ פאַר דעם ארון.

אַלצדינג הענגט אָפּ פון מזל — אפילו אַ קראַנץ. דריי קרענץ, האָט אַמאָל ר׳ יוחנן אַזוי שיין געזאָגט, זענען פאַראַן: דער קראַנץ ביים מזבח, דער קראַנץ ביים שולחן און דער קראַנץ פאַר דעם ארון. צו דעם ערשטן האָט זוכה געווען אהרן — און האָט אים זיך גענומען; דעם צווייטן האָט זיך גענומען דוד; דער דריטער ליגט נאָך אַלץ, און יעדער, וואָס וויל, קאָן אים נעמען — דער קראַנץ פאַר דעם ארון, דער קראַנץ פון תורה.

די כהונה — אַן אָפּגעשלאָסנקייט: די מלכות — אַ געוועזנהייט. קיינער קאָן שוין גאָרנישט ענדערן אין זיי. געווען — נישט מער, מען רירט זיי מער נישט אָן. דער שטויב פון לעבן באַרירט זיי נישט, און זיי בלייבן ערגעץ ווו טיף אין דעם זכרון פון מענטשן. אין טויט זענען זיי לעבעדיקער, ווי אין דער צייט פון זייער זיין. וואָס איז געווען די כהונה, ווען כהנים זענען נאָך געווען אַן אינ־סטיטוציע? האַלב־דערווישן און האַלב־בראַמינען; אַ דאָרן אין דעם אויג פון דעם פאָלק; די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה פון דער פרומקייט פון אנדערע.

און וואָס איז געווען די מלוכה? שוואַכע הערשער איבער אַ פּאָליטיש שוואַך פאָלק. תמיד אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דעם שכן. אַמאָל אַשור, אַמאָל בבל, אָדער מצרים, אָדער רוים. זעלטן פריי, זעלבסטשטענדיק. די געשיכטע האָט איר געגעבן דעם גלאַנץ, וואָס זי האָט אפשר קיינמאָל נישט געהאַט. אין דער ווירקלעכקייט — פּאַרוויאַנעט, אין דער לעגענדע — אויפגעבליטע, פּורפּור־רויטע בלו־מענקרענץ.

איין קראַנץ איז בלייז געבליבן, וואָס די געשיכטע האָט נישט

באַהאַלטן — דער קראַנץ פאַר דעם ארון, דער קראַנץ פון דער תורה.

און יעדער, וואָס וויל נאָר, קומט און נעמט אים זיך. נעמט אים אויף אַ ווייל, טוט זיך אָן אויפן קאָפּ — און לייגט אים ווידער צוריק. און בלאָט נאָך בלאַט פאַלט אַראָפּ פון אים.

און ווער ווייסט, צי עס איז נאָך דער אייגענער קראַנץ? אפשר איז פאָרט נאָך ערגעץ־ווו פֿאַרבליבן — אין בבל, אָדער אין קאָרדאָוואַ, אָדער גאָר אין אַ פּויליש אָדער ליטוויש שטעטל, וואָס שטייט אפילו נישט אויף דער קאַרטע? און ווער ווייסט, צי דער איצטיקער „זיר של ארון", דער תורה־קראַנץ, וואָס גייט איצט פון האַנט צו האַנט, פון קאָפּ צו קאָפּ, איז נישט קיין קראַנץ פון קינסטלעכע בלומען — אָן אַ ריח, אָן אַ גלאַנץ?

אָפּט פרעג איך זיך אַליין, וווּנדער איך זיך — פאַרוואָס פאַרדריסט מיך דער נייער „תורה"־דראַנג, וואָס שפּראָצט אַזוי אַרויס פון אַלע ווינקלען אין דעם אַמעריקאַנישן יידנטום? האָבן מיר דען נישט גערופן יאָרן און יאָרנלאַנג צו דער „אויפלעבונג פון גייסט?" האָבן מיר דען נישט געקעמפט מיט ביטערקייט און סאַרקאַזם אַנטקעגן דער עם־הארצות, וואָס מאַכט זיך אַזוי ברייט אין אַמעריקע? האָבן מיר דען נישט געהאַלטן אין איין פּרעדיקן: מאַכט אַ וואָרע פאַר דעם יידישן געדאַנק, פאַר דעם „יידנטום"?

און מיר האָבן זיך דערוואַרט. אַדוואָקאַטן, באַנקירן, סוחרים און פאַרזיכערונגס־אַגענטן קומען זיך צונויף צו כשרע באַנקעטן, הערן אויס הייסע, מליצה־ברענענדיקע דרשות איבער תורה און יידישקייט, און גיבן געלט, אָדער זאָגן צו געלט און אַפּלאָדירן און פאָטאָגראַפירן זיך, און זענען מסכים, אַז מען זאָל אין ניו־יאָרק אויפבויען אַ ישיבה. און רעדט מען פון „יידישער דערציונג", זענען זיי ווידער גרייט און מסכים. חדרים – גוט! תלמוד־תורהס – פיין! אַ טעאָלאָגישער סעמינאַר פון דער אָרטאָדאָקסישער ריכטונג — אָנגעלייגט! אַ סעמינאַר פון „מאָדערניסטן" — מאַכט אויך נישט אויס!

אַלצדינג איז זיי ניחא, אַבי תורה, אַבי יידישקייט.

און פונדעסטוועגן — פונדעסטוועגן גיי איך תמיד אַוועק פון די דאָזיקע באַנקעטן און תורה־סעודות מיט אַ געפיל פון אומעט און פאַרדרוס. עפּעס גרילצט מיר אין אויער די אייביקע דרשה וועגן תורה און יידנטום. און גראָד דעמאָלט, ווען איך זע די טויזנטער פליען אויפן

טיש. ווען דער „שטאָלץ פון דעם יידישן פאָלק“ צעפלאַקערט זיך גאָר הויך — גראָד דעמאָלט קומט מיר אין זין דאס טרויעריקע און נביאישע וואָרט: „עתידה תורה שתשתכח מישראל“: פריער אָדער שפּעטער װעט די תורה פארגעסן יוערן אין דעם יידישן פאָלק. און ווער ווייסט, צי דער „שפּעטער“ איז שוין נישט זייער, זייער נאָענט?

אין נישט בלויז אין אמעריקע, נאָר אומעטום, אפילו אין רוסלאַנד. ווען איך הער ידיעות פון רוסלאַנד, אַז דארט גייט די יידישקייט צו גרונט, ווייל די באָלשעוויקעס צעשטערן זי, ווייל זיי פארמאכן די חדרים, פארפאָלגן די רבנים, פארווערן לערנען העברעיש, א. א. וו., שרעקט עס מיר זייער ווייניק. עס איז אפשר דער בעסטער שמעלצטיגל פאר דעם יידנטום. אָן קאַמף, אָן ווידערשפּרוך, אָן יסורים קאָן קיין גייסטיקייט נישט עקזיסטירן. און וואס שווערער דער קאַמף, אַלץ בעסער. און אויב די באָלשעוויקעס — די יידישע באָלשעוויקעס — שטעלן אנטקעגן איין אויפפּאסונג פון יידנטום אַ צווייטע — איז דאס נישט קיין קאַמף אויף טויט, נאָר אויף לעבן. עס איז אַ לייטערונגס=פּראָצעס. דאס, וואס איז אלט, אָפּגעלעבט — פאַלט אָפּ; דאָס, וואס האט לעבנסקראפט — בלייבט. און ווען דער שטורעם אין רוסלאַנד וועט פארבייגיין, ווען דאס לעבן וועט זיך ווידער אומקערן אין זיינע נאַטירלעכע קאַנאלן, וועט פאר אונדז שטיין א ניי, אַ געלייטערט יידנטום; אַ יידנטום, וואָס האָט געפונען אַן אינהאַלט פאַר זיך.

אָבער איינס ברענגט מיר שווערע געדאַנקען — און דאָס איז די אַלטע יידישע אינטעליגענץ, וואָס געפינט זיך צום ט ל אין „גלות“, צום טייל אין רוסלאַנד. זי האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל פון דעם רוסיש=יידישן חן. זי האָט זיך „אונטערגעגעבן“.

ערשט נישט לאַנג צוריק האָב איך געטראָפן אין ניו-יאָרק איינעם פון די אמאָליקע פירער פון דעם רוסישן יידנטום, איינעם פון די הויפּט=אינטעליגענטן. אינדערהיים, אין פּעטערבורג, אין דער אלטער סביבה, איז ער געווען א רוסישער ייד, און דאָס מיינט -- אַן אייגנטימלעכער טיפּ ייד. דער איינציקער וואַריאַנט פון יידנטום וואָס האָט געפונען אַ בריק צווישן ייד-זיין און אַלמענטשלעכקייט; דער ייד, וואָס האָט דורכגעמאַכט גרינג און גראַציעז דעם וועג פון דער קלויז און דעם בית-המדרש צו דער אַלגעמיינער קולטור. אמת, מען האָט דעמאָלט, אין פּעטערבורג אָדער מאָסקווע, איז קיעוו אָדער

אדעס, אויך גערעדט פון „יהדות" און איר צוקונפט, אָבער הינטער די ווערטער און חקירות פון דעמאָלט איז געווען אַן אַנדער זין און אַן אנדער זיכערקייט. עס איז געווען אַן אויפריכטיקער פאַרלאַנג צו פאַרטיפן, ווייטער אנטוויקלען דעם יידישן געדאַנק — ווייטער ציען די ליניע.

און אָט טרעף איך אים אין ניו-יאָרק. ער „פראַוועט גלות", ער טרויערט אויף אלטרוסלאַנד, ער קרעכצט אויף דעם יידישן גלות און איז אין כעס אויף דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט ארויסגעגעבן פון זיך אַזויפיל צעשטערער און פאַרוויסטער. און רעדנדיק אַזוי, בענקנדיק אזוי נאָך די פליישטעפּ פון אַמאָל, פאַרגעסנדיק, אַז חינטער יעדער היסטאָרישער דערשיינונג איז פאַראַן אַ זין, אז אויך די באָלשעוויסטישע קאַטאַסטראָפע האָט געהאַט אַ גרונט, איז פאַרוואָרצלט אין דער רוסישער געשיכטע — האָט דער אַלטער אינטעליגענט אינגאַנצן געענדערט זיין טאָן. און איך האָב דערהערט פלוצלונג דעם אַזוי גוט-באַקאַנטן דייטש=יידישן, מערב-אייראָפּעישן נוסח: „די רעליגיע פאַר דעם פאָלק", דאס יידנטום אלס אַן אינסטיטוט צו דערהאַלטן די באַשטייענדיקע פאָרם פון דער געזעלשאַפט, די תורה אַלס אַ מין וואַנט פאַר די אינטערעסן פון איין גרופּע אָדער אַן אַנדערער. דער יידישער גייסט — א פּאָליטישער רעצעפּט. איך האָב אים ממש נישט דערקענט; אָדער, ריכטיקער, איך האָב ערשט איצט דערקענט, װאָס דאָס האָט געמיינט „יידנטום" אין דער אויפפאַסונג פון די רייכע, אָרדענונגס=פאַנאַטיקער, פון בכבודיקע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך געפילט אזוי גוט אין דעם אלטן רוסלאַנד.

וואס פאַר אַ ווייטער מהלך צווישן אַזאַ יידנטום און דעם יידנטום, וואָס איז אויסגעקאָוועט געוואָרן איז די קלויזן; דעם יידנטום פון אַסקעטיזם, פון זעלבסטפאַרלייקענונג, פון ביטול=היש: דעם יידנטום, וואָס באַטראַכט זיך אַלס קרבן פון און פאַר דער וועלט. און ווייל א קרבן — אויסדערוויילט און איינציק, און וואָס פאַר א תהום צווישן אַזאַ באַלעבאַטישן יידנטום און דעם שטורמישן, זוכנדיקן, אומרויקן יידנטום פון די, וואָס האָבן געשאַרפט נאָך דעם „מהות היהדות" אָדער נאָך דעם מיסטישן יידנטום פון מ. גערשענזאָן, דעם יידנטום פון דעם אייביק-ברענענדיקן „סנה".

און ווען איך האָב דערהערט די רייד פון דעם אַלטן רוסישן פירער, האָב איך זיך אָנגעהייבן צו פארטראַכטן וועגן דעם גורל פון

דעם רוסישן יידנטום. אויב אַ פאָר יאָר פון ליידן האָבן ביי אים שוין אראָפּגענומען דעם גאַנצן גלאַנץ, די פרישקייט, דעם מוט — וואָס־זשע וועט ווייטער זיין?

וועט דאָס יידנטום אין דער גאנצער וועלט גיין אויף דעם וועג פון דעם מערב=אייראָפּעישן, דעם יידנטום „דורך שליחות".?

דער געוועזענער צאַר פון בולגאַריע, פערדינאַנד, אַ זייער קלוגער און דורכגעטריבענער פּאָליטיקער און באַאָבאַכטער, האָט אַמאָל געזאָגט, אַ זייער שטעכיק וואָרט וועגן דעם ציוניזם. „וואָס איז אַ ציוניסט"? – האָט ער געפרעגט, און זיין ענטפער איז געוועז: „א ציוניסט איז אַ ייד, וואָס צאָלט אַן אַנדער יידן די רייזע קיין ארץ-ישראל". פערדינאַנד האָט געהאַט אין זין די ציוניסטן, וואָס ער האָט געקאָנט, די מערב־אייראָפּעישע, און ער וואָלט עס געקאָנט זאָגן נישט נאָר וועגן די אייראָפּעישע, אָדער אַמעריקאַנישע ציוניסטן, נאָר אויך וועגן דעם יידן בכלל. וואָס איז היינט אַ ייד אין מערב=אייראָפּע אָדער אין אַמעריקע? עס איז דער, וואָס דינגט אנדערע יידן צו זיין פרום פאַר אים, צו לערנען תורה פאַר אים, אַראָפּצונעמען פון אים דעם עול און די אחריות, די אומרויקייט פון דער נשמה.

און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער גאַנצער זין פון דעם נייעם „תורה=ענטוזיאַזם", וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין אַמעריקע. תורה — פאַר אַנדערע, יידישע דערציונג — וואָס עס זאָל נישט מיינען — פאַר אַנדערע; לאָז זיך וואַלגערן אַ פאָר בטלנים אין די ישיבות. לאָזן אַ פאָר הונדערט אָדער טויזנט יידישע יונגעלייט זיצן אין יאַרמולקעס אין ווערן, מצר אָדער וויניקער, „ראַביים" און קענען „חיברוי" און זיין רעלידזשאָס". מען דאַרף עס האָבן פאַר שיינקייט וועגן, מען דאַרף זיך ווייזן פאַר לייטן. „זיי", די קריסטן, האָבן זייערע רעליגיעזע סכסוכים, פונדאַמענטאַליסטן, מאָדערניסטן; זיי רעדן טאָג און נאַכט וועגן קירך, רעליגיע – און מיינען אויך דערביי הויפּטזעכלעך פּאָליטיק און קאָנסערוואַטיזם — מוז מען נישט אָפּשטיין פון זיי. מען דאַרף זיי ווייזן, אַז מיר זענען אויך מיט לייטן גלייך; אַז מיר זאָרגן זיך אויך פאַר גאָט און נישט בלויז פאר געשעפטן.

עס איז גאָרנישט קיין סוד, אונדזער יידנטום אין אַמעריקע איז צו=נאַיוו, צו פאַרשטעלן די אמתע כוונות מיט פילאָזאָפישע אָדער טעאָלאָגישע חקירות, ווי די דייטשע יידן פלעגן מאכן. דייטשלאַנד האָט פאַרלאַנגט פון אירע יידן פאַרטיפונג. אַמעריקע פאָדערט —

פשטות און נאַיוויטעט. און מען גיט זיך דאָ אפילו נישט די מי אַרומ=
צונעמען דעם האָרענעם נביא=מאַנטל אַרום דער תורה; מען באַ-
נוגנט זיך מיט אַ מענטעלע פון גאָלד.

און יעדער, וואָס וויל נאָר, נעמט דעם קראַנץ פון דעם ארון און טוט אים אָן אויף זיך. יעדער, וואָס האָט נאָר געגוג געלט צו באַשטעלן אַ קראַנץ מיט שיינע, גינגאָלדענע בלעטלעך. אַ פיינער קראַנץ, אַ רייכער קראַנץ — אָבער קינסטלעכע בלומען זענען דאָך נישט קיין בלומען. און אַ יידנטום, וואָס וואַקסט נישט און בליט נישט - איז אַ יידנטום, וואָס מוז אונטערגיין.

ווי שיין, ווי חנעוודיק האָט אַמאָל דער קראַנץ געבליט, ווען דאָס יידנטום איז געווען נאָך אַזוי אָרעם און תמימותדיק און נישט געדינט קיינעם נישט אַ חוץ זיך; נישט געהאַט קיין אַנדער צוועק אַ חוץ „לשמה". דאָס איז אויך פאַרגאַנגען, דאָס איז אויך שוין געשיכטע.

און אַזוי איז עס שוין — אַלצדינג הענגט אָפּ פון מזל, אפילו דער קראַנץ פאַר דעם ארון!

# אָן מזל

צו אלצדינג דארף מען האבן מזל. אפילו די תורה אין היכל — זאָגט מען — דארף אויך האבן מזל. און אפשר זי מער פון אלע. עס איז געווענדט אין ווען ווען זי פאלט אריין, ווער עס איז איר „טרעגער", ווער איר אויסטייטשער און פארשפרייטער.

יעדע תורה, יעדע גייסטיקייט, אלצדינג; וואס איז העכער און טיפער און וויכטיקער פון דער גרויער אלטעגלעכקייט, פון דער פשוטער, קלאָציקער ערדיקייט — אלצדינג הענגט אָפּ פון מזל. מער אפילו ווי די מאַטעריעלע זייט פון לעבן. צו רייכקייט דאַרף מען נישט צו האבן קיין מזל. דארט איז גענוג — דער ווילן, און אמאָל אויך דער צופאל. דער, וואס וויל ווערן רייך — ווערט עס. פריער אָדער שפּעטער. און העלפט אים דערצו נאָך אַ צופאַל, איז אוודאי גוט. און דער צופאל איז נאָך נישט מזל. צופאל איז דאס פלוצלונג־אָנגעטראָפענע, דאס נישט פאָרויסגעזעענע, דאס, וואס איז, אזוי צו זאָגן, נישט נויטווענדיק. ווערט אַ מענטש רייך דערפאר, וואָס מען האט צופעליק לעבן אים געפונען א גאָלד־גרוב, איז דאס נישט קיין מזל — עס איז אַ צופאל. עס הענגט נישט אָפּ פון אים, האט גאָרנישט וואס צו טאָן מיט זיין פערזענלעכקייט.

מזל אבער איז מער. עס איז די טיפע פארוואָרצלטקייט און פאראַנקערטקייט פון דער פערזענלעכקייט. עס איז דער גרונטגעזעץ פון דעם זיין, וואָס צווינגט צו לעבן אזוי און נישט אנדערש. מזל איז — כאראקטער און טאלאנט. און איבער זיי איז קיינער נישט קיין מושל. קיינער קאָן נישט צוגעבן צו זיי קיין שפריצעלע, קיין ברעקעלע. אזויפיל און אזויפיל איז אויסגעפּאַלן אויף דעם חלק — און מער נישט. און העכער, ווי דער קאָפּ, קאָן קיינער נישט שפרינגען.

עס זענען דאָ פּעלקער, וואָס האָבן מזל און פּעלקער, וואָס האָבן נישט. די ענגלענדער האָבן אים. די דייטשן נישט. און דאָס איז נישט קיין צופאַל. אפילו נישט קיין ווילן. די דייטשן האָבן געוואָלט זיין די הערשער פון דער וועלט. זיי האָבן אויך געהאַט געלעגנהייטן, דאָס הייסט צופאַלן. אָבער עס האָט זיי נישט געהאָלפן. די ענגלענדער האָבן גאָרנישט געוואָלט. זיי האָבן אָבער געקאָנט. זיי זענען געווען בארופן צו אַ היסטאָרישער וועלט-מיסיע און האָבן זי אויסגעפירט — נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן געהאַט אַלצדינג אַנטקעגן זיך: די צאָל, די איזאָלירטע לאַגע, דאָס שפּעטע אַריינקומען אין דער וועלטגעשיכטע. דער ענגלישער כאַראַקטער איז געווען דער ענגלישער מזל.

אויך שפּראַכן האָבן מזל.

און איינע פון די מזלדיקסטע איז די העברעישע. אפשר די מזלדיקסטע. די שפּראַך פון אַ קליין פעלקעלע אין אַ ווינקל פון אַזיע. איז זי געוואָרן די „הייליקע שפּראַך" פון אַ וועלט. זי איז געוואָרן דער רעזערוואַר פון גייסטיקע פּאָטענצן פאַר טויזנטער יאָרן. אַלצדינג איז געווען אַנטקעגן איר — אפילו דאָס אייגענע פאָלק. אָבער זי האָט גובר געווען. יידן האָבן אַזוי ליב געהאַט די העברעישע שפּראַך, אַז זיי האָבן אפילו נישט געוואָלט צוקומען צו נאָענט צו איר. זיי האָבן געשאַפן דאָס מייסטע, וואָס זיי האָבן געקאָנט, אויף אַנדערע שפּראַכן: אַראַמעיש, סיריש, אַראַביש. אָבער העברעיש האָט מזל. יעדעס מאָל, ווען עס איז געקומען איינער אַ גרויסער, אַן עכטער און האָט געוואָלט זאָגן דעם פאָלק דאָס טיפסטע, דאָס בעסטע, האָט ער עס געזאָגט אין העברעיש; האָט ער עס אַליין נישט געקאָנט זאָגן, האָט די העברעישע שפּראַך געפונען אַ וועג צו אים. און עס איז פאַרבליבן. דער „מורה נבוכים" וואָלט שוין געווען פאַרגעסן, ווען אבן תיבון וואָלט אים נישט פאַרטייטשט פון דעם שיינעם, פליסנדיקן, לעבעדיקן אַראַביש אין אַ שווערן, אומגעלומפּערטן, מיטלאַלטערלעכן העברעיש. און די שלעכטע איבערזעצונג האָט איבערגעלעבט דעם גוט געשריבענעם אָריגינאַל.

העברעיש האָט געהאַט מזל. די שפּראַך, די ליטעראַטור האָט געהאַט מעצענאַטן. מעצענאַטן! יעדעס מאָל, ווען איך הער דאָס וואָרט, דערמאָן איך זיך אָן דעם אַלטן פערז פון האָראַץ, דעם פערז איבער דעם ערשטן מעצענאַט, דעם רוימישן פּאַטריציער און גביר, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַן אומשטערבלעכן נאָמען — נאָר

דערפאַר וואס ער האט געשטיצט די ליטעראַטור. און דער פערז איז:

„Maecenas, atavis edite regibus,“

„מעצענאַס, דו, וואס שטאמסט פון מלכים“. דער ערשטער מעצענאַס האָט געשטאמט פון מלכים, מלכים־בלוט האט גערונען אין זיינע אָדערן. און ווייל פון קעניגלעכן בלוט, ווייל פון קעניגלעכן גייסט, ווייל אַן אַריסטאָקראַט, פארוואָרצלט אין דורות, מיט טיפן רעספעקט פאר ער פארגאַנגענהייט, פול מיט דעם באַוווסטזיין פון דער פאר־קייטלדקייט פון דעם לעבן — האט ער אויך געהאט דעם גרעסטן רעספעקט, די גרעסטע ליבע פאר דעם גייסט.

און אפשר איז טאקע דאס דער טעם, פארוואס דאס יידישע פאָלק האט געהאט פון טויזנטער יאָרן אזאַ מעצענאַטן־באַציונג צו דער העברעישער שפראַך. דאס איינציק קעניגלעכע, אריסטאָקראטישע, דאס איינציקע, וואס פארבינדט די צייטן; די איינציקע אריסטאָקראַטישע באציונג פון דעם יידישן פאָלק.

* *

*

אָט איז פאר אונדזערע אויגן — כמעט פאר אונדזערע אויגן — אויסגעוואקסן די ניי־העברעישע ליטעראַטור. און פאר אונדזערע אויגן, אין אונדזער צייט, איז אויסגעוואַקסן פאַראַלעל צו איר — די יידישע ליטעראטור.

צוויי ליטעראַטורן ביי דעם אייגענעם פאָלק. אָבער איינע האָט מזל — די צווייטע האט נישט.

שטיל און אָן אימפעט גייט זיך די העברעישע ליטעראטור. נישט אין דער ברייט, אָבער אין דער טיף. איינס צו איינס — פאַמעלעך. „קו לקו“, אַ ספר נאָך אַ ספר, א ווערק נאָך אַ ווערק. און אַזוי — כמעט אומבאַמערקט — א ביבליאָטעק, אַ ליטעראַטור.

אַ ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף ריינעם אידעאַליזם. קיינער האט זי, דאַכט זיך, נישט באַדארפט האָבן. קיינער האט זיך נישט גענייטיקט אין איר. זי איז געווען אַ מותרות. אָבער דאס איז געווען איר לעבנס־קוואַל. דאס „נישט־נייטיקע“ איז געוואָרן איר נויטווענדיקייט. איר אָרעמקייט, איר באַשרענקטקייט — איז געוואָרן איר גרעסטע רייכקייט. זי איז געווען פון אלע ליטעראַטורן — די אריסטאָקראַטישסטע, ווייל די איינציקע, וואס האט נישט געהאט קיין שום אנדערע מאָטיוון, אַ חוץ — איר אליין.

קיינער האט פון איר גאָרנישט דערוואַרט. נישט קיין געלט, נישט קיין כבוד. אי דער שרייבער, אי דער לעזער זענען צוגעטרעטן צו דעם העברעישן בוך, צו דעם וואָרט אין אַ „של נעליך״-שטימונג. זיי האבן געפילט, אַז דאס איז אַ „הייליקע ארבעט״. עס איז אָפט געווען נאַיוו, מליצהדיק, בטלניש, אַלטמאָדיש=אָריענטאַליש-איבערגעטריבן; אָבער דאס איז געווען בלויז די פאָרם. אין דעם תוך איז זייער גע=פיל געווען טיף און אמת. זיי האבן געפילט, אַז זיי זענען שותפים צו דעם וועלט=היסטאָרישן גייסט. און דערפאר האָט די העברעישע ליטעראטור אין איר אָרעמקייט זיך געקאָנט האלטן שטארקער און וואָרצלדיקער, ווי די יידישע ליטעראַטור מיט איר רייכקייט, מיט אי-רע גרויסע צאָלן.

די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט לעזער. די העברעישע — מעצענאַטן, מענטשן, וואָס טוען זיך אַ כבוד, ווען זיי דערנענטערן זיך צו דער קעניגלעכקייט פון דער שפראַך.

מען מעג זיך באַציען, ווי מען וויל, צו די נייע יידישע גבירים אין אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן גרויסע סומען פאַר העברעישער ליטעראַטור. מען קאָן שפּאָטן אַפילו איבער דעם מאָדנעם פלאַן, ארויסצוגעבן אויף העברעיש אומנייטיקע, שוין פאַר=שימלטע ביכער, ווי, למשל, די דריט-קלאַסיקע דראַמאַטישע פּאָעמע פון דעם אונגאר מאַראַטש, וואָס דער שטיבל=פאַרלאַג האָט נישט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן. מען קאָן אַרגומענטירן, אַז עס זענען דאָ בעסערע, נייטיקערע ביכער. דאָס איז בלויז אַ געשמאַק און אַ דע-טאַל-פראַגע. אָבער אין עצם מוז מען דאָך באַוואונדערן דעם מוט, די גרייטקייט צו קרבנות פון די אַלע יידן, וואָס גרינדן פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס שיינע, גוטע וויכטיקע ביכער, וואָס שאַפן פאָנדן פאַר העברעישע פאַרלאַגן: שטיבל, דביר, גיבן אַוועק צייט און מי און געלט, און, דער עיקר, ליבע פאר דעם העברעישן וואָרט.

און עס פרעגט זיך: ווי קומט עס? ווי קומט עס, אַז עס זענען דאָ אַזויפיל העברעישע פאַרלאַגן: שטיבל, דביר, מוריה, אשכול, א. אז. וו., יעדער מיט אַ גרויסן פּראָגראַם, יעדער מיט ערנסטע, שיינע פּלענער, און אויך וואונדערבאַרע רעזולטאַטן — ווי קומט עס, וואָס עס געפינט זיך אין אַמעריקע אַ ייד, ווי דער י. מעץ, וואָס גיט אַוועק הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר א פאָנד פאַר העברעישע שריפטשטעלער? ווי קומט עס, אַז פאַר אַ קליינע צאָל יידן, וואָס

לייענען העברעיש, איז דאָ אַלצדינג — אי געלט, אי רעספּעקט, אי מע-צענאטן — און פאַר יידיש, דער שפּראַך פון מיליאָנען יידן, פון דעם יידישן רוב, איז גאָר נישטאָ — גאָרנישט? אַזויפיל העברעישע מעצענאַטן — און קיין איינציקער יידישער!

אַמעריקע האָט אַזויפיל יידישע צייטונגען — מיט הונדערטער טויזנטער לעזער, און קיין איינציקן פאַרלאַג, און קיין איינציקע אומ־פּאַרטייאישע, ריין-ליטעראַרישע וואָכנשריפט און קיין מאָנאטשריפט!

און די פּרעסע אַליין — איך וויל דאָ נישט ארייןפאַלן אין דעם „איכה"־טאָן. איך וויל נישט אריינלאָזן זיך אין אַ חקירה וועגן דער יידישער פּרעסע, פארוואָס זי איז אַזוי ווי זי איז. אָבער איינס זע איך: יעדער באַזונדער און אַלע אינאיינעם האָבן צו איר די באַציונג פון „אָפּ-שטופן" — אָפּשטופן די צייט, אָפּלעבן די פּאָר יאָר, וואָס איז נאָך באשערט — און דערנאָך — „נאָך אונז דער מבול". א שלייער פון פּעסימיזם, פון אומגלויבן אין זיך אַליין, אין דער צוקונפט, אין דעם ווערט הענגט ארום דער יידישער פּרעסע. און איך גלויב, אַז דאָס איז נישט בלויז אין אמעריקע. אין אייראָפּע איז דאָס אויך נישט בעסער. דאָרט קוקט מען מיט קנאה אויף אַמעריקע. מיר דאָ מיי-נען, אַז גאָט ווייסט וואָס עס טוט זיך דאָרט. און ביידע אינאיינעם שטייען מיר פאַר אַ רעטעניש און פרעגן: פארוואָס איז דאָס אַזוי

* *

*

אַ ליטעראַטור אָן מזל. צו שפּעט געקומען — און דערפאַר נישט פאַרוואָרצלט, דערפאַר נישט טיף אַריינגעדרונגען אין דעם יידישן באַוווסטזיין.

יידן האָבן ליב אַלטקייט. וואָס עלטער — אַלץ בעסער. און דאָס נייע פּאַסט נישט צו זיי. זיי קאָנען נישט טראָגן דאָס נייע מיט גראַציע — נישט די נייע פרייהייט, נישט די נייע עשירות און אויך נישט די נייע שפּראַך.

מען קאָן וועגן דעם נישט קעמפן. עס איז אין בלוט.

און פאָרט — עס טוט באַנק. עס איז א שאָד. איך קאָן מיר אויסמאָלן אַ צייט, ווען יידן וועלן באַדויערן, וואָס זיי האָבן זיך באַצויגן אַזוי ביטולדיק, אַזוי פון אויבן אַראָפּ, אַזוי אָן ליבע און רע-ספּעקט צו דעם יידישן וואָרט. עס וועט זיין די צייט, ווען יידיש

וועט זיין א „פארגאנגענהייט". און דאָס, וואָס איז פאַרגאַנגען, איז אַלט, און טויט און שטימונגספול. און עס וועט זיך פאַרבענקען די יידן — די ענגליש-רעדנדיקע, די פויליש-רעדנדיקע, די העברעיש-רעדנדיקע, נאָך דעם אייגנאַרטיקן טאָן פון דער שפּראַך, וואָס דורות און דורות פון יידן האָבן גערעדט. עס וועט זיך זיי פאַרבענקען נאָך די קלאַנגען, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין מיטלאַלטער, פאַר-פלאנצט געוואָרן אין די סלאַווישע סטעפּן; קלאַנגען פון יידישער איינזאַמקייט, פון התעוררות און אינטימיטעט און טרויער און וויץ; קלאַנגען — אָנגעזאַפּט מיט דעם הארצבלוט פון אַ פאָלק.

און עס וועט זיי באנג טאָן — די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז — פאר די לידער, וואָס זענען נישט אויסגעזונגען געוואָרן; פאַר דעם זיפץ, וואָס איז נישט אויסגעוואַקסן אין אַ סימפאָניע; פאַר די אוצרות, וואָס זענען געבליבן נישט אויסגענוצט.

אפשר וועט זיך דעמאָלט געפינען אַ מעצענאט פאַר דעם טויטן, פאַר דעם הייליק-געוואָרענעם יידיש — אָבער עס וועט זיין צו שפּעט.

אַ שפּראַך אָן מזל!

# דאָס פאַרשלאָסענע בוך.

מיט פערצן הונדערט און צוואָנציק יאָר צוריק האט מען דאס „בוך“ אָפּגעשלאָסן, צוגעשלאָסן. עס איז געווען די ערשטע „חתימה“. צו יענער צייט איז די יידישע טראַדיציע, דאס יידישע דענקען געווען נישט פיקסירט, נאָך אין שטענדיקן פּראָצעס פון ווערן. עס האט זיך געביטן פון דור צו דור, יעדעס מאָל נייע מעטאָדעס, אנדערע צוגאַנגען, פארשירענע ווינקלען. איין מעטאָדע לעבן דער צווייטער, און דאס גאנצע — פליסנדיק, געשטעלט אויף דער גרופּע, אויף דער פאַרבינדונג־לערער: תלמוד.

ביז אהין איז דאס געווען: תלמוד — א לערנען. נישט קיין פארענדיקטער קאָדעקס, נישט קיין תורה, וואס טאָר נישט און קאָן נישט געענדערט ווערן, נאָר אַ לעבעדיקער קוואַל, תמיד פריש, תמיד גרייט צו זוכן נייע וועגן.

מיר, היינטיקע מענטשן, קאָנען דאס גאָרנישט פאַרשטיין. ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז אַזאַ אומגעהייערער מאַטעריאַל, ווי דער תלמוד, זאָל קאָנען איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו מויל, פון מענטש צו מענטש — נאָך דעם זכרון. מיר זענען אזוי צוגעוווינט צום ספר, צו די געשריבענע, געדרוקטע, פארפעסטיקטע צייכנס, אַז מיר זענען גאָרנישט אימשטאנד זיך אויסצומאָלן אַ קולטור פון ריינעם זכרון; נישט בלויז געדענקען דאס געשריבענע וואָרט, די תורה, נאָר אויך יעדן קאָמענטאַר, איטלעכס וואָרט, וואס איז ווען עס איז פון וועמען עס איז געזאָגט געוואָרן.

עס איז אפשר דער איינציקער ביישפּיל אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראטור. די גריכן האבן עס נישט געהאט. ביי זיי איז די קונסט

פון שרייבן געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער קונסט פון דענקען.
זיי האבן זיך נישט פארלאָזט אויף דעם זכרון.

עס איז נישט בלויז דער איינציקער, עס איז אויך דער מערק-ווירדיקסטער ביישפּיל: אַ קולטור, וואס איז אויסגעוואקסען אויף אַן אומפּערזענלעכן, קאָלעקטיוון וועג, אַ קולטור, וואס האט קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס הייסט פאָרם און סטיל און פארענדיקונג. עס איז עפּעס פאראן אין דעם יידישן גייסט, וואס שטייט אין אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צו דער פערזענלעכקייט. דער מענטש איז גאָרנישט, די זאַך איז אַלצדינג. די פערזענלעכקייט פארשווינדט, דער כלל בלייבט. אָט זענען געווען צוויי קולטורן איינע לעבן דער צווייטער, אזוי נאָענט געאָגראַפיש, אַזוי ענג פארבונדן און אַזוי אָפּגרונט-ווייט: די גריכישע און די יידישע. די וועלט איז געווען די אייגענע. די פּראָבלעמען אויך: וועלט, מענטש, די באַציונג צווישן ביידע. דאָרטן — וויסנ-שאַפט, ד. ה. די באַוועלטיקונג פון דעם חומר, און פילאָזאָפיע — דאָס געפינען פון זיך אליין, די פילאָזאָפיע, וואס איז געווען, ווי א גריכישער פילאָזאָף האט זיך אויסגעדריקט: „טאַנאַטו מעלעטע" — די זאָרג פאר דעם טויט.

און איז דען דאס יידישע דענקען געווען אנדערש? האט דען דער יידישער מענטש נישט געהאט פאר זיך די אייגענע וועלט, די אייגענע פראגן, די אייגענע נויט, די אייגענע מורא פאר דעם טויט?

אָבער דער גריך איז געגאַנגען יעדער איינער זיין אייגענעם וועג, יעדער איינער האט זיך געטראַכט זיין וועלט — און נישט גע-קוקט אויף דעם צווייטן. וואס האט עס געאַרט הערקליטן, וואס פּי-טאגאָראַס האט געטראַכט? און פּלאַטאָ האט זיך נישט געגעבן קיין מי, דווקא מסכים צו זיין מיט הערקליטן. עס זענען געווען שול, ריכטונגען — דאס איז נישט צו פארמיידן; דער שטארקערער דענקער פירט דעם מיטלמעסיקן — אָבער עס איז נישט געווען קיין א ו י-ט אָ ר י ט ע ט. נישט פון דער פארשריבענער פארגאנגענהייט, נישט פון דער געהערטער געגנווארט. דער קינסטלערישער, פּאָרמענדיקער אינסטינקט פון די גריכן האָט זיי געצווונגען צו בויען סיסטעמען -- און תמיד מיט אַן אייגענעם, אינדיווידועלן סטיל.

ביי יידן האט געפעלט דער קינסטלערישער זין. עס זענען גע-ווען גרויסע, טיפע, שארפע דענקער, אָבער נישט קיין קינסטלער. און זיי האבן זיך דערפאר קיינמאָל נישט באַמיט צו ברענגען אין אַ סיס-

טעם זייער אייגענעם דענקען, אַרויפֿלייגן אַ חותם פֿון פּערזענלעכקייט
אויף זייער לעבנסווערק.

מאָלט אייך אויס, ווי די יידישע קולטור וואָלט אויסגעזען, ווען
רבי עקיבא, רבי ישמעאל, רבן גמליאל, אלישע בן אבויה, ר׳ מאיר,
ר׳ טרפֿון , הלל, ווען זיי וואָלטן יעדער פֿאַר זיך סיסטעמאַטיזירט און
פֿאַרשריבן און פֿאַרענדיקט זייער אַרבעט. מיר וואָלטן היינט פֿאַרמאָגט
איינע פֿון די וווּנדערבאַרסטע ביבליאָטעקן. מיר וואָלטן געהאַט אַ
קולטור־שאַץ מיט אומגעהייערע פּאָטענציאַליטעטן. יעדער פֿון זיי איז
דאָך געווען אַ גרויסאַרטיקע פּערזענלעכקייט. רבי עקיבא אַליין איז
שוין אַן אוצר פֿאַר זיך. אַ גייסטיקע קראַפֿט פֿון ערשטן ראַנג, אַ
דענקער וואָס וואָלט געקאָנט פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער וועלט־קול־
טור, לעבן פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל. ער איז נישט בלויז געווען אַ
שטאַרקע פּערזענלעכקייט, אַ נאַציאָנאַלע פֿיגור, אַ פֿירער און קעמפֿער,
נאָר אויך אַ דענקער, אַ געפֿינער פֿון אַ נייער מעטאָדע. ער האָט
אַרויסגעפֿירט דעם יידישן דענקען פֿון דער פּרימיטיוויטעט, פֿון דער
וואָרט־צוגעבונדנקייט. די „תּורה״, דאָס געשריבענע וואָרט — איז פֿאַר
אים געווען בלויז אַ כּלי, וואָס דאַרף ערשט אָנגעפֿילט ווערן מיט
אינהאַלט. דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופֿן אַ מעטאָדע פֿון „דרש״, איז
דאָך געווען די מערבֿשע, די גריכישע לאָגיק אין איר טיפֿסטן זין.
עס איז געווען די סאָקראַטישע „באַבע״־קונסט, וואָס העלפֿט אַרויסנע־
מען דאָס קינד פֿון דער פֿאַרבאָרגנהייט. מען האָט געקעמפֿט אַקעגן
דער נייער רעוואָלוציאָנערער מעטאָדע. „עקיבא, עד מתי אתה מגבב? —
האָט אים רבי טרפֿון געפֿרעגט — „ביז וואַנען וועסטו עס אָנוואַרפֿן,
אָנהויפֿן דיינע געדאַנקען אויף דער תּורה?״ אָבער רבי עקיבא האָט
זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט געדרשנט, ער האָט דערקלערט,
אויסגעלייגט און אַריינגעלייגט נייע אינהאַלטן אין דער אַלטער טראַ־
דיציאָנעלער פֿאָרם. אָבער רבי עקיבא איז אויך געווען בלויז אַ קינד פֿון
זיין צייט און זיין פֿאָלק. אים האָט אויך געפֿעלט דער כּוח, אָדער דער
ווילן, אָדער דאָס באַדערפֿעניש, אָפּצושליסן זיך און זיין ווערק. ער
איז געבליבן אַ לערער, אַ פֿירער. ער איז נישט געוואָרן קיין שריפֿט־
שטעלער.

און אַזוי אַלע, אַזוי די איבעריקע דענקער און אַנטוויקלער פֿון
דעם יידישן גייסט. ביז די שפּעטערישע קראַפֿט האָט זיך אויסגעלאָזט —

און דאָס לעבעדיקע וואָרט איז פֿאַרפּעסטיקט און פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אַ בוך — אין דעם „תּלמוד“.

אַ בוך? אַ בוך האָט אַן אָנהייב און אַ סוף, אַ בוך האָט אַ סדר; דער תּלמוד איז אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. ער איז די מערקווירדיקסטע שאַפונג פון דער וועלט — דער ים התּלמוד. ווי אַ ים אָן אַ ציל, ווי אַ ים ברייט און טיף, אָן אַ ליניע. אַלצדינג אין אים איז מערקווירדיק — פאָרם און אינהאַלט, שפּראַך און מעטאָדע. עס איז דאָס יידישע פאָלק — אָפּגעשפּיגלט אין אותיות, פאַרחתמעט אין ווערטער. אַ בוך, וואָס האָט אַן אומגעהייערן רייץ, ווען מען לערנט אים אין אָריגינאַל און ווירקט פרעמד, אומפאַרשטענדלעך, ווען מען לייענט אים אין איבערזעצונג. דער גרויסער דייטש־יידישער געלערטער זכריה פראַנקל האָט אַמאָל געזאָגט: „מען קאָן נישט שטודירן דעם תּלמוד מיט אַ ווערטערבוך, מיט איינלייטונגען, מען קאָן קיינעם נישט אויסלערנען פאַרשטיין דעם תּלמוד דורך איבערזעצונגען. מען קאָן אים גאָרנישט איבערזעצן“.

שטעלט אייך פאָר, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט, ווען מען איבערזעצט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך נישט איז אַזעלכע ווערטער ווי „בשלמא, ממה נפשך, כלפּי לייא, ורמינהו, תּא שמע“. געוויס, מען קאָן אַלצדינג פאַרטייטשן, אָבער דער אורשפּרינגלעכער רייץ, דער כּשוף פון די ווערטער, די פיינקייט פון די לאָגישע ניואַנסן — דאָס, וואָס מאַכט דעם תּלמוד דאָס, וואָס ער איז — דאָס אַלץ פאַרשווינדט. אַפילו ווען מען איבערזעצט דעם תּלמוד נישט אויף גאָר אַ פרעמדער, נישט־יידישער שפּראַך, ווי צום ביישפּיל די דייטשע איבערזעצונג פון לאַזאַר גאָלדשמידט, די פראַנצויזישע פון דר. ראַבינאָוויטש אָדער די רוסישע פון פּעפּערקאָוויטש — נאָר אַפילו אויף יידיש, ד. ה. אויף דער שפּראַך, וואָס איז אויף אַזויפיל הונדערטער יאָרן געווען די פאַרמיטלערין צווישן דעם תּלמוד און דעם יידישן פאָלק. די פאַרמיטלערין? ניין, דאָס וואָלט געווען צופיל. די קונסט פון דעם „לערנען“ איז געווען נישט איבערזעצן דעם תּלמור, נישט פאַרטייטשן די ווערטער, נאָר פאַרמיידן אַלע פאַרטייטשונגען, אַריינדרינגען אין דעם זין. דאָס וואָרט האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג. מען האָט זיך נישט געגעבן די מינדעסטע מי אַפילו צו לייענען גראַמאַטיקאַליש, קאָרעקט דעם תּלמודישן טעקסט. מען האָט „געזונגען“ מיט אַן אַלטן, טראַדיציאָנעלן נוסח די געדאַנקען. מען האָט געלערנט דעם בוך, ווי

ער וואָלט נאָך גאָרנישט געווען געשריבן, נאָר ווי אַ לעבעדיקן קוואַל, גלייך ווי מיר וואָלטן נישט געלייענט, נאָר געהערט אביין און רבאן, ווי זיי שפּאַרן זיך און פּלפּולן זיך, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען זייערע תּלמידים און צוהערער; קיינער האָט נישט געשאַפן אַזאַ מעטאָדע פון לערנען. זי איז געוואָרן פון זיך, אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער באַציונג צום תּלמוד, ווי צו אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

פערצן הונדערט יאָר צוריק האָבן רב אשי און רבינא געשלאָסן דעם תּלמוד. אָבער דער תּלמוד האָט זיך איינגעשפּאַרט, ער האָט זיך נישט געלאָזט שליסן. ער האָט געקעמפט פאַר פרייער באַוועגונג. ביז די צייט האָט אים באַזיגט און ער איז צום צווייטן מאָל — און דאָס מאָל אויף זיכער — פאַרשלאָסן, צוגעשלאָסן און פאַרחתמ׳ט געוואָרן. אונדזער דור האָט אָוועקגעלייגט דעם זיגל אויף דעם שטיין.

פון צייט צו צייט געפינען זיך ראָמאַנטיקער, וואָס ווילן דעם זיגל אַראָפּנעמען, ווידער אויפשליסן דעם בוך. אַזאַ ראָמאַנטיקער איז צום ביישפּיל דר. י. מ. זאַלקינד, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו איבערזעצן דעם תּלמוד בבלי אויף יידיש. ער האָט שוין אַרויסגעבראַכט דעם ערשטן באַנד (אין לאָנדאָן) — די איבערזעצונג מיט דערקלערונגען — פון „ברכות“.

איך וויל זיך דאָ נישט אָפּגעבן מיט דער קריטיק פון דער איבערזעצונג אָדער פון דעם פּירוש. מען קאָן געוויס געפינען אַ סך פעלערן — איבערהויפּט אין דער שפּראַך, וואָס איז נישט תּמיד אויסגעהאַלטן, — מען קאָן אַמאָל נישט מסכּים זיין מיט דעם טייטש — אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. מיך אינטערעסירט נישט די אויספירונג, נאָר דער פּאַרנעם; נישט די איבערזעצונג, נאָר דער קלאַנג, דער טאָן.

איך נעם די מסכתא — אין אָריגינאַל. איך זע פאַר זיך אַן אייגנאַרטיקע וועלט, מיט געשטאַלטן פון פּאַרצייטנס, אַ וועלט מיט אַמאָליקע שאָטנס. שאָטנס - אָבער זיי ווייזן זיך מיר אויס לעבעדיק. זיי באַוועגן זיך, זיי לעבן, זיי קנייטשן דעם שטערן, זיי חקירהן זיך, רוען זיך אָפּ, דערציילנדיק וווּנדערלעכע לעגענדעס.

און איך עפן די איבערזעצונג. דאַכט זיך דאָס אייגענע. און נאָך קלאָרער, פאַרשטענדלעכער, פּשוטער — אָבער די גאַנצע אַמאָליקע וועלט איז פאַרשוווּנדן. עס איז געבליבן אַ טויטער טעקסט — אָפּט אומאינטערעסאַנט, תּמיד פרעמד. איך דערקען נישט דעם תּלמוד.

עס איז אויך קלאָר פאַרוואָס. מען קאָן לייענען פלאַטאָן אדער אַריסטאָטעל אין וואָס פאַר אַן איבערזעצונג עס זאָל נישט זיין — ווייל איין פאָרם לאָזט זיך איבערטראָגן אין אַן אַנדערער; מען קאָן אָבער נישט איבערזעצן, איבערגעבן, לעבעדיק מאַכן דאָס לעבן, די באַוועגונג פון אַטאָמען. און די גמרא איז — אָדער איז געווען — דאָס יידישע דענקען אין באַוועגונג.

עס קאָן זיין די „פאַריידישונג" פון דער גמרא איז נייטיק — איך ווייס נישט, אפשר דאַרף מען דערנענטערן דאָס היינטיקע יידנ־טום צו זיין קולטורפאַרגאַנגענהייט. עס איז זיכער אַ פאַרדינסט. און איך באַוונדער דעם פלייס און דעם ענטוזיאַזם פון דעם איבערזעצער. אָבער — צי קאָן מען דאָס, צי איז ווירקלעך דער וועג אַ ריכטי־קער, דאָס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק. דער תלמוד איז דער תלמוד — און נישט קיין בוך. מען נעמט אים ווי ער איז - אָדער גאָרנישט. מען „לערנט" אים -- לייענען קאָן מען אים נישט. און לערנט מען אים שוין, מוז מען אים לערנען אין זיין שפראַך. מען מוז נישט מאַכן די יידישע קולטור צו גרינג צו דערגרייכן. מען דאַרף נישט פאַרשפאָרן קיינעם די מי. די וועגן פון דעם יידנטום זענען שווער, אין דאָס איז זייער אָריגינאַליטעט און דאָס איז זייער שיינ־קייט. און ווייל איינער אויפשליסן נאָכאַמאָל דעם תלמוד, אַראָפנעמען דעם זיגל פון דעם שטיין — מוז ער עס טאָן אויף זיין אייגענעם חשבון, מיט זיין אייגענער טרחה — ווי אונדזערע פאָטערס און זיידעס האָבן געטאָן. עס איז אַ שווערע ארבעט — אָבער עס איז ווערט די מי.

# אַבי לעבן?

עָס איז נישט קיין פּאָלעמיק. איך זאָג עס לכתחילה. איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן אין אַ דעבאַטע מיט קאָלעגע ש. ניגער וועגן „געטאָ", אַ דעבאַטע, וואָס ער האָט אָנגעהייבן מיט מיר צוליב מיין אַרטיקל „צענטער אָדער געטאָ". עָס זענען דאָ געוויסע פראַגן, וואָס קאָנען נישט דיסקוטירט ווערן און זאָלן נישט דיסקוטירט ווערן; — און איינע פון די פראַגן איז — די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. קאָן מען דיסקוטירן איבער ווילנס־מאָטיוון אָדער איבער אַני־מאמינס? בפרט נאָך, ווען איין צד לייקנט גאָרנישט די גרונט־הנחה. איך האַלט עס בכלל פאַר בטלנות אָט דידאָזיקע קריגעריי צווישן יידישע פּובליציסטן וועגן „יידיש און העברעיש", „ציוניזם און גלות". פּונקט ווי דער אַלטער משכּילשער שטאַנדפּונקט, אַז „לשון קודש, איז די „אַתה=בחרתּנו-שפּראַך, די „גבירה", מיט אַ נאָנטער שייכות צו דער „השכלה בת השמים", און אַז יידיש איז די „שפחה", דער „זשאַרגאָן" — אַזוי איז אויך די נאָר־יידישיסטישע איבערטרייבונג נישט מער, ווי א מאָדערניזירטער בית=מדרש=וויכּוח צווישן קלויזניקעס: ווער האָט מער געלט — ראָטשילד, צי באַראָן הירש? אמת, די העברעיסטן זענען נאָך פאַנאַטישער, ווי די יידישיכטן.

אמת — זיי זענען די אַגרעסיווע, זיי גיבן דורך זייערע אומנערעכטע, אומזיניקע אטאַקעס אַ געלעגנהייט די פאַנאַטיקער פון דער אנדער זייט זיך צו רעוואַנשירן, אָדער ריכטיקער — זיי שאַפן פּאַנאַטיקער-יידישיסטן.

אָבער דאָס איז, ווי מען זאָגט: „ספּאָר סלאַוויאַן מעזשדו סאָבאַיו" — אַ קאַמף צווישן די צוויי עקסטרעמע ריכטונגען, וואָס האָבן ביידע אַ קנאַפּע ווירקונג אויף דעם לעבן.

אמת, ווען איך הער, אז די העברעיסטן טרעטן אַרויס אין דעם ליטווישן סיים, אין דעם פּוילישן סיים מיט רעדעס אקעגן יידיש, ווען זיי שטערן צוליב זייערע פּרינציפּן דאָס שטיקל נאַציאָנאַלע אַרבעט, וואָס קאָן געטאָן ווערען אין דידאָזיקע לענדער, אָדער ווען איך הער, אַז אין פּאַלעסטינע איז יידיש פּסול, אַז מען באָיקאָטירט די שפּראַך פון אַזויפיל מיליאָנען יידן — ווערט מיר קלאָר, פּארוואָס ענגעלס האָט אַריינגערעכנט יידן צווישן די פעלקער, „וואָס האָבן נישט קיין געשיכטע”. מיר זענען אַזוי היסטאָריש, אַז מיר האָבן שוין פאַרלאָרן דעם חוש פאַר לעבעדיקער געשיכטע. מיר לעבן אזויפיל אין דער פאַרגאנגענהייט און אין דער צוקונפט — אַז די קעגנוואַרט צערינט ביי אונדז צווישן די פינגער. עס איז דאָך שוין אַן אַלטע טענה: מיר זענען אַן „עבר”־ און אַן „עתיד”-פאָלק.

דאָס שליסט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט אויס, אַז די עקסטרעמע יידישיסטן טרייבן פון זייער זייט אויך אַריבער די מאָס. עס וואָלט נישט געשאַדט: איבערטרייבונגען זענען גוט אַזוי לאַנג, ווי זיי זענען מאַסשטאַב=פאַרגרעסערונגען, גרענעץ־דערווייטערונגען; אָבער איבערטרייבונגען ווערן אומניצלעך — אויב נישט צו זאָגן שעדלעך — ווען זיי שטייען בכלל נישט אין קיין שום פּראָפּאָרציע צו דער ווירקלעכקייט.

און, מיר דאַכט זיך, אַז אין אַזאַ אומפּראָפּאָרציאָנירטקייט איז אַריינגעפאַלן ש. ניגער אין זיין פאָדערונג, וואָס ער שטעלט צו דער יידישער קולטור, ווי זי איז איצט און אונטער די היסטאָריש־געגעבענע באַדינגונגען.

די הויפּט=פראַגע, וואָס איך האָב באַרירט אין מיין פריערדיקן אַרטיקל, איז געווען איגנטלעך אַ שמאָל-באַגרענעצטע: צי דאַרף מען האָבן אַ יידישן אוניווערזיטעט אין אייראָפּע? און נאָכמער ווי די פראַגע — צי מען דאַרף — האָט מיך באַשעפטיקט די מעגלעכקייט, די דורכפירבאַרקייט, די פּראַקטישע זייט. נישט די שפּראַך=פראגע איז מיר אָנגעגאַנגען. ווען פּראָפעסאָר איינשטיין האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג פון אַ יידישן אוניווערזיטעט, האָט ער זיכער דערביי נישט געהאַט קיין יידיש=שפּראַכלעכע כוונות. ער האָט געמיינט אַן אוניווערזיטעט פאַר און פון יידן. און דאָ האָט זיך נישט־ווילנדיק געשטעלט די פראַגע — ווען דאָס זאָל זיין אפילו מעגלעך — וואָס פאַר אַ שפּראַך קאָן זיין די לערן=שפּראַך? יידיש? אָבער איז יידיש באמת

אין „אינטער-יידישע" שפּראַך? די דײַטשע יידן וועלן זיין די ערשטע, וואָס וועלן עס לייקענען. און פון דעם איז ווייטער אויסגעוואַקסן די פּרינציפּיעלע פראגע — דאַרפן מיר זיך בכלל „געטאָיזירן" און אַליין, פרייוויליק, אויפגעבן דעם קאַמף פאַר אונדזערע רעכט?

קלאָרער: עס איז דאָ נישט קיין יידיש-נאַציאָנאַלער פּראָבלעם בכלל, ד. ה. ניעט די פראגע, צי דאַרף און זאָל די יידישע קולטור עקזיסטירן. אזא פראגע קאָן גאָרנישט געשטעלט ווערן. ווייל דאָס, וואָס איז — איז. עס איז דאָ אַ יידיש-נאַציאָנאַלע רירונג, עס איז פאַראַן אַ יידיש=נאציאָנאַלע, אָדער ריכטיקער, א נאַציאָנאַל=יידישע קולטור. אָבער דאָס פּראָבלעם איז: די גרענעצן.

ניגער איז זיכער לאָגיש. אויב, זאָגט ער, אַ יידישע פאָלקס-שול, אַ יידישע גימנאַזיע — פאַרוואָס נישט אַ יידישער אוניווערזי=טעט? עס איז לאָגיק. אבער די לאָגיק פון א גלייכער ווירע. גע-וויס קאָן מען אַ גלייכע ליניע ציען ביז צו דער אומענדלעכקייט — אָבער בלויז טעאָרעטיש, אבסטראַקט. אין דער ווירקלעכקייט שטויסט זיך די ליניע אָן אויף גרענעצן. אפילו אויפן פּאַפּיר. אבסטראַקט גענומען — דאַרף מען דאָך, למשל, אין אַמעריקע האָבן יידישע פאָלקסשולן, גימנאַזיעס א. אז. וו. פאַרוואָס נישט? אָבער פּראַקטיש וועט מיר אפילו ניגער צוגעבן, אַז דאָס איז נישט מעגלעך, פּונקט ווי עס איז דאָ נישט מעגלעך א יידיש-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, ווי זי עקזיסטירט — אויפן פּאַפּיר — אין ליטע אָדער אין פּוילן.

עס קאָן זיין, אַז מען וועט דאַרפן רעווידירן די שול=פּראגע אין פּוילן אויך. אָט טאַקע דער קאַמף צווישן העברעיסטן און יידישיסטן, צווישן יידן, וואס זענען פּויליש=אָריענטירט און די יידיש=אָריענטירטע, אָט דער גאנצער מיש-מאש און דער תוהו ובהו וועט דערפירן דערצו, אז מען וועט מוזן אויך דאָרט אונטערנעמען אַ מין „שינוי עורכין" און פרעגן זיך – קאָן מען ווייטער אָנפירן אזא נאַציאָנאַלע פּאָ=ליטיק?

אָבער אפילו ווען אַלצדינג זאָל גיין גלאַט, ווען מען זאָל אין פּוילן געפינען אַ וועג צו פאַרשטענדיקונג צווישן די פאַרשידענע עלעמענטן, מיינט דאָס נאָך נישט אַלצדינג פונם קולטור-נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין זיין גאַנצן פאַרנעם. אין קיבוץ שטייט אַנטקעגן דעם צווייטן, און איינער איז פּונקט אזוי וויכטיק, ווי דער צווייטער. פאַר מיר, ווייניקסטנס, איז דאָס רוסישע יידנטום נישט דער „א" און

נישט דער „ת״ פון דער וועלט״. דאָס דייטשע יידנטום, דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק שפּילן זיי נישט קיין קליינע ראָלע, און זיי וועלן זי נאָך שפּילן אין אַ גרעסערער מאָס. און צו די דייטשע, אָדער אַמעריקאַנישע יידן מוז מען צוגיין מיט אַן אַנדער באַציונג, ווי צו די רוסיש-פּוילישע. און ווען איך האָב געפרעגט „צענטער אָדער גטאָ״, האָב איך, הויפּטזעכלעך, געהאַט אין זין אָט די צוויי וויכטיקע יידישע קיבוצים. אָט ווו איך האַלט דעם גטאָ-באַגריף נישט פאַר צולעסיק.

ניגער ענטפערט מיר: „שרעקט אונדז נישט מיט גטאָ! נו, אז גטאָ, איז וואָס? לאָז זיין גטאָ — אבי צום לעבן״.

איך וואָלט אים געוואָלט ענטפערן, ווי יענער ייד האָט געענטפערט דעם רוסישן ריכטער, ווען מען האָט אים אָנגעקלאָגט דערפאַר, וואָס ער האָט געלעבט אין מאָסקווע אָן וווינרעכט. „וואָשע בלאַגאָראָדיע״, — האָט דער ייד געענטפערט, — „הייסט דאָס לעבן״?

וואָס מיינט, אייגנטלעך, די שיינע פראַזע — „אַבי צום לעבן? איך פאַרשטיי דעם אַלט-יידישן משיחדיקן קוק אויף יידן אַלס טרעגער פון אַ וועלט-אידעע. זיי, אונדזערע אַלטע, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס צו זאָגן: „ואת בדמיך חיי״. בלוט — לאָז זיין בלוט — ליידן, צרות, קרבנות, אַבי לעבן, ווייל עס איז דאָ אַ ציל, וואָס איז העכער, ווי דאָס לעבן אַליין.

אָבער ווען מען זאָגט, אַז מיר זענען גאָרנישט מחויב צו זיין די קעמפער פאַר דער וועלט, אויסצוטראָגן אויף אונדזער האָרב דעם עול פון דער וועלטקולטור, וואָס-זשע באַטייט דאָס „אַבי לעבן״? הייסט עס נישט מער, ווי „וואָס מיר זענען, זענען מיר, אַבי יידן זענען מיר״? און — אבי יידיש רעדן מיר?

איז דאָס באמת דער לעצטער צוועק, דער „תכלית״ פון דעם גאַנצן יידנטום? איך ווייס, עס איז אַ פראַגע, וואָס קאָן אַרויסרופן ביי אונדזערע נאַציאָנאַלע רעאַליסטן אַ שמייכל: „לעצטער צוועק״, „תכלית״ — וואָס זענען דאָס פאַר אַ פראַזן, וואָס זענען דאָס פאַר אַ צעגעלעבטע, אָפּגעשטאַנענע, פאַרשימלטע פראַזן! עס קאָן זיין. אָבער אויב שוין אַני-מאמינס — איז איינער אַזוי גוט ווי דער אַנדערער, און נאַציאָנאַל-אידעאַליזם נישט ווייניקער באַרעכטיקט, ווי נאַציאָנאַל-רעאַליזם.

אין דאָ מוז איך זאָגן, אַז פאַר מיר איז יידנטום נישט קיין פאַקט, נאָר א פראָבלעם. נישט יעדער, וואס איז געבוירן אַ ייד, איז אַ ייד. און נישט די שפראַך אליין מאכט יידישקייט. יידנטום איז אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע. יידנטום איז — אין לעצטן אַנאַליז — די „סורוויוועל אָוו דהי פיטעסט" — נאָר דער שטאַרקערער, דער פעיקערער, דער געהייבענער — איז אַ ייד, דאַרף און קאָן זיין א ייד.

עס איז דער קעגנזאַץ צו דעם „געטאָ־באַגריף". געטאָ מיינט — לאָז זיין בלאָטקעלעך, אבי אונדזערע". געטאָ מיינט — אַלע זענען מיר פון איין טייג געקנאָטן — און געטאָ הייסט זעלבסטבאַשרענקונג.

קאָנען מיר דאס באַשטיין? אין דער יידישער געשיכטע איז פון צייט צו צייט פאָרגעקומען אַ מין רייניקונגס-פּראָצעס. צום רוב — אויב נישט תמיד — אָן אומפּרייוויליקער און זייער פיינפולער. אזוי, למשל, אין שפאַניע. ווען מען לייענט די געשיכטע פון די שפאַנישע יידן — און נישט אין דער ראָמאַנטישער פאַרפוצונג פון גרעץ, נאָר אין דעם ניכטערערן און אָביעקטיווערן באַריכט פון דעם שפאַנישן היסטאָריקער אַמאַראָר דע לאָס ריאָס — קאָן מען זען, אַז גראָד אין דער צייט פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האט אָנגעהייבן אין שפאַניע פאָרקומען דער אייגענער פּראָצעס פון דיסאינטעגראַציע, פון אויפליי־זונג, ווי איצט. דאָס גרויסע, גייסטיקע לעבן פון דער אַראַביש־שפאַנישער פעריאָדע איז שוין געווען אַ לעגענדע — דאס ווירקלע־כע יידישע לעבן איז דארט געווען וואַכעדיק, נישט תמיד סימפּאַטיש. די יידן זענען געווען אַסימילירט, און עס איז מעגלעך, אַז ווען טאָר־קוועמאַדאָ וואָלט נישט געווען אַזוי פאַנאַטיש, וואָלטן די שפאַנישע יידן צוביסלעכווייז בטל געוואָרן אין דער שפאַניש-קריסטלעכער סביבה. איז געקומען אַ קאַטאַסטראָפע און האט געריינקט די אַטמאָספערע. די, וואָס האבן געוואָלט, געקאָנט, זענען געבליבן יידן און געליטן פאַר זייער יידנטום — די אנדערע האבן זיך אונטערגעגעבן.

אזוי איז דאָס — אין אזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם — פאָר־געקומען אין דעם גאַנצן פאַרלויף פון דעם יידישן לעבן, — אַזאַ פּראָצעס גייט אויך פאָר איצט — פאַר אונדזערע אייגענע אויגן — אומעטום, אין דער גאנצער וועלט. די מידע, די אומפעיקע, די יידיש־אומפעיקע — טרעטן אָפּ, די שטארקע בלייבן. און די טראַגיק פון אונדזער לעבן איז, אַז די מידסטע זענען אין געטאָ. זיי זענען אפילו

צו שוואַך אוועקצוגיין. זיי לעבן אַלס יידן מיטן כוח פון אינערציע — זיך און דעם יידנטום צו לאַסט.

אָט אַנטקעגן דעם אינערטן לעבן מוזן מיר אוועקשטעלן אַן אַנ־דער קראַפט, אַ לעבעדיקע און אַ לעבנספּציקע. און די קראַפט איז נישט אין גענטאָ — קען זיך אין איר נישט פאַרשפּאַרן.

נאָכאַמאָל: עס איז נישט די פראַגע פון שפּראַך. מען קען רעדן און שרייבן יידיש און נישט זיין אין געטאָ — און מען קען זיין אַ געטאָ־מענטש, רעדנדיק דעם בעסטן אמעריקאַנער סלענג. נישט די פאָרם — דער אינהאַלט איז דער עיקר. און נישט דאָס לעבן, דער לעבנס־זין איז די הויפּטזאַך. „לעבן" איז בכלל אַן אינדיווידועלע פראַגע, נישט קיין קאָלעקטיווע. און אַפילו פאַר דעם יחיד, — ווי זאָגט דער אַלטער רוימער, — „פאָרן מוז מען, לעבן איז נישט קיין חוב". אַבער ווען דער יחיד קען ביי זיך לעבן אָן אַ זין, אָן שיינקייט, אָן אַ צוועק, וואָס זאָל אָנפילן זיינע טעג, און נישט בלויז לעבן און וואַרטן אויפן טויט — אַ קיבוץ קען עס ביי זיך נישט פועלן.

קאַזאַנאָוואַ דערציילט אין זיינע מעמואַרן, ווי ער האָט אין דער ווענעציאַנישער אונטערערדישער טורמע געטראָפן אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט דאָרט אָפּגעלעבט פערציק יאָר אָדער פופציק יאָר אונטער די שרעק־לעכסטע באַדינגונגען. אָבער דער אַלטער האָט זיך צוגעוווינט דערצו און האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. אין טורמע. אונטער דער ערד, אַבי לעבן.

אָבער א פאָלק קען נישט האָבן אַזאַ לעבנס־הונגער. פאָרן — פאָרן אויף די שבעה ימים, זיין אַ פאַקטאָר איז דער וועלט־געשיכטע, בויען א וועלט, דערפילן אונדזערע גרויסע פאַרשפּרעכונגען — דאָס יאָ, דאָס מוזן מיר.

„לעבן — אַבי לעבן" — וואַשע בלאַגאָראָדיע, הייסט דאָס לעבן, איז דאָס כדאי?

# „ציוויליזאציאן" און קוגליזאציאן".

אַמאָליקע יאָרן, ווען מען האָט געוואָלט אריינלייגן אן „אפיקורס" אין חרם אריין, האָט מען עס געמאַכט זייער צערעמאָניעל. ווייסע טליתים, אָדער גאָר קיטלען, אַ שופר און שוואַרצע ליכט. געבלאָזן דעם שופר, אויסגעלאָשן די ליכט — און דער אָרעמער אפיקורס איז אָפּגעשטויסן געוואָרן פון ביידע וועלטן, אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון קהל קדישא און, פאַרשטייט זיך, אויך פון יענער וועלט. היינט איז מען מילדער געוואָרן. מען בלאָזט שוין נישט קיין שופר — מען שרייט פון אַ פּלאַטפאָרם; מען צינדט שוין נישט קיין שוואַרצע ליכט, מען פילט בלויז אָן דעם „וואָטערמאַן" מיט שוואַרצן טינט, אָדער פאר אַ נויט מיט בלויער טינט — און מען „האַקט אריין" א ליטאַרטיקל.

עס איז א שאָד, עס פעלט דראַמאַטיק. עס פעלט דער גרויסער זשעסט אין יידנטום.

מעגלעך, אַז מיר וועלן עס נאָך אַמאָל האָבן. די רבנים, די אָרטאָדאָקסן, די פארשידענע „מחזיקי הדת" און „שומרי אמונה" און „אגודת ישראל" גרייטן זיך שוין צום קאַמף. זיי שאַרפן שוין די שווערדן און שפּאַנען דעם פיילנבויגן אָנצונעמען זיך גאָטס קושיווורע. זיי גורטן שוין די לענדן, צו קעמפן דעם קאַמף פון גאָט. די יידי־שע אטמאָספערע איז געשפּאַנט מיט עלעקטריציטעט. אין אייראָפּע און אין אַמעריקע זענען די באַדינגונגען נישט זייער גינסטיק. אָבער אין פּאַלעסטינע, דאָרט וועט, פריער אָדער שפּעטער, אויפפלאַקערן דער קאַמף און עס וועט זיין אַן ערנסטער, זייער ערנסטער קאַמף. דאָס אַלטע יידנטום שטייט אַקעגן דעם נייעם. דאָס אַלטע יידנטום, וואָס האָט גאָרנישט פאַרגעסן פון דעם אַלטן, און גאָרנישט געלערנט

פון דעם נייעם — און דאָס מאָדערנע יידנטום, וואָס איז דורכגעגאַנ-
גען אַלע שבעה מדורי גיהנום, וואָס האָט זיך געראַנגלט אי מיט
מענטשן, אי מיט גאָט, דאָס נייע יידנטום, וואָס האָט א סך געלערנט
און אויך אַ סך פאַרגעסן.

אין די אַלטע צייטן, — ווען די צוויי חיילות זענען געשטאַנען
גרייט איינער קעגן דעם צווייטן, פלעגט מען ארויסשיקן פון ביידע
זייטן צו אַ בריה, — א קעמפער, זיי זאָלן זיך שלאָגן. נישט תמיד
זענען עס געווען די „לצים” פון דער אַרמיי. פאַר דעם ערנסט האָט
מען זיך פארגונען אַ ביסל שפּאַס. עס איז היינט אויך אַזוי. איי-
דער די ריכטיקע אַרמיי רירט זיך פון אָרט, שיקט מען אַרויס קליינ-
וואַרג, — באַי-סקאַוטס, — זיי זאָלן „זאָנדירן”, אויספאָרשן די סטראַ-
טעגישע פּאָזיציע.

איך גלויב נישט, אַז דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום איז אַזוי
באַהאַוונט אין „תכסיסי מלחמה”, אין אַלע קונצן פון סטראַטעגיק, אַלַ-
טע, צי נייע. איך גלויב אויך נישט, אַז דער אָרטאָדאָקסן-גענעראַל-
שטאַב האָט שוין אָנגעהייבן אַרויסצושיקן „באַי-סקאַוטס; אָבער עס
האָבן זיך שוין געפונען וואָלונטירן, וואָס גייען אַליין אַרויס אויף אַ
אַבענטויער, בפרט נאָך, ווען עס איז אזוי אומגעפערלעך.

אַזא וואָלונטיר איז ה׳ ג ד ל י ה ב ו ב ל י ק. איך ווייס נישט
גענוי, וואָסערע אנשויונגען ער האָט פריער געהאַט. איך וויל האָפן,
אַז זיי זענען תמיד געווען ריין-אָרטאָדאָקסישע, אַז זיי זענען קיינמאָל
נישט באַשפּרענקלט געוואָרן פון א טראָפּן גיפט. וואָס ווערט אָנגע-
רופן „מאָדערנע קולטור”; אָבער איינס ווייס איך, — פון זינט ער
איז געווען אין ירושלים, האַלט ער אין איין באָמבאַרדירן די יידישע
פּעסטונג מיט — אַרטיקלען וועגן יידנטום, וועגן דער יידישער רע-
ליגיע, וועגן דער תורה א. אז. וו.

עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו זיין אַמאָל אין ר׳ יוחנן בן
זכאיס שול, אין ירושלים, צו נעילה; און דאָרט האָט ער געהערט אַ
תפילה: „אבינו מלכנו, אל תאבדנו באורך גלותנו”. מילא, עס טרעפט
זיך אַמאָל, אַז מען הערט אַזאַ תפילה אויך; זי איז נישט אַזוי
געוואַלטיק נייַ און אָריגינעל; מען דאַרף נישט פאָרן קיין ירושלים
צו הערן אַזאַ תפילה. מען קאָן זי הערן אפילו אין אַ טוירני-סטריט.

אָבער אַזוי איז שוין אונדזער גורל. פאָרט אַ ייד קיין ירושלים,
הערט דאָרט אַ וואָרט וועגן דעם „לאַנגן גלות” און קומט צוריק קיין

ניו-יאָרק און שרייבט אַן אַ בוך, וואָס איז אויך לאַנג ווי דער גלות, און רופט דעם בוך אָן „מן המצר".

עס איז, אייגנטלעך, מער ליריק, ווי געדאנקען. מער מליצה, ווי חקירה, און איך האָב א כלל: אויף ליריק איז נישטאָ קיין קריטיק. א מענטש פילט, — ווער קאָן עס אים זאָגן אַ דעה? אַ מענטש האָט אַ באדערפעניש אויסצורעדן זיך דאָס האַרץ נאָך „שלאָפלאָזע נעכט" א. אז. וו. — זאָל ער. איך וויל אים נישט שטערן. איך קאָן זיך אויסמאָלן די ליידן פון אַ פרומען, בתמימותדיקן, גלויביקן יידן אין דער היינטיקער צייט. אַלצדינג אַרום אים איז קעגן אים, הימל און ערד, — מענטשן און זייערע ווערק; ווו ער וואַרפט זיין אויג, — אַ פרעמדע וועלט, א פיינטלעכע וועלט. די נאַטורוויסנשאַפט צעשטערט אַלע קאָסמישע בנינים פון דעם אלטן יידנטום; די פי-לאָלאָגיע, די אַרכעאָלאָגיע גראָבן אונטער דעם היסטאָרישן בנין. וואָס קאָן מען פאָרט טאָן, ווען אַלטע מאנוסקריפּטן, גויז-גרויע דאָקומענטן, ווייזן זיך פון אונטער דער ערד, און דערציילן אַן אַנדער געשיכטע, ווי די, וואָס מיר לעזן פון דעם חומש? גלויבן? געוויס, עס איז אַ גוטע זאך, — פאר דעם, וואָס קאָן. אָבער ווו איז די גרענעץ? ווו דאַרף מען זיך אָפּשטעלן? עס איז דאָך נישטאָ קיין מיטלוועג, — אָדער מען גלויבט אין אַלצדינג, אין יעדן אות פון דער תורה, און דאַן מוז מען פאַרמאַכן די אויערן קעגן דער שטימע פון דעם שכל, מוז מען זיך פאַרמויערן קעגן דער קולטור און בלייבן אַן אַלט-אָר-יענטאַליש פאָלק אין אַ מערב-סביבה, — אָדער מען קלייבט אויס, מען זיפּט איבער; און ווער קאָן זאָגן, וואָס איז פסולת?

דער אומגליק פון דעם יידנטום איז טאַקע דאָס, וואָס ער האָט אזוי ווייניק אַפּיקורסות אין זיך. אַנדערע רעליגיעס האָבן תמיד גע-קעמפט קעגן דעם ספק, קעגן סעקטעס, — געקעמפט און דערנאָך געמאַכט שלום מיט זיי. אנדערע גלויבנס-סיסטעמען זענען געוואקסן — טעאָרעטיש, האָבן זיך באַרייכערט — מעטאַפיזיש. דאָס יידנטום האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָט עמעצער געהאַט דעם מוט אַריינצוברענגען אין אים א נייעם געדאַנק, — האָט מען אים אַריינגעלייגט אין חרם, זיך אָפּגעזאָגט פון אים, — און ווידער פריי, ווידער צווישן זיך. אַזוי איז עס געווען מיט שפינאָזא, מיט די מיסטיקער; אזוי איז עס שיער-שיער נישט געווען מיט די חסידים. עס איז בלויז אַ גליק,

וואָס די חסידים האָבן נישט געהאַט דעם לעצטן מוט: זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן באַצייטנס.

איך וואָלט עס באמת באַגרייפט, ווען אַן אָרטאָדאָקסישער דענקער וואָלט אַרויסגעטראָטן מיט זיין שיטה. עס איז דאָך נישט קיין פראַזע. דאָס יידנטום געפינט זיך טאַקע אין דעם געפערלעכסטן, קריטישסטן צושטאַנד. עס האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. עס איז אַמאָל געווען אַ גייסטיקע, אַ קולטורעלע איינהייט; איצט איז די גייסטיקייט פאַרשוווּנדן; געבליבן איז בלויז עפּעס, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט ראַציאָנאַליזירן: דאָס געפיל, נאַציאָנאַל-געפיל, ווילן צום לעבן א. אז. וו. אָבער איז דאָס אליין גענוג? עס איז אפשר גענוג פאַר דעם כלל, אָבער פאַר דעם יחיד איז עס בלוטיק. דער איינצלנער ייד וויל געפינען אין דעם יידנטום מער ווי אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט. מען קאָן דאָך נישט לעבן דערמיט, וואָס מען האָפט אויף ציון. דערמיט, וואָס אַ נ ד ע ר ע וועלן גיין קיין ארץ-ישראל און דאָרט רעדן העברעיש און האָבן אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט די אַראַבער, ווערט נאָך נישט באַשאַפן קיין יידישער אינהאַלט פאַר יעדן באַזונדער. כל־זמן דער ציוניזם איז געווען אַן אוטאָפּיע, — האָט ער געקאָנט זיין אַן אידעאַל: טאַקע ווייל ער איז געווען בלויז אַ ווונטש, אַ געדאַנק, האָט ער געקאָנט פאַרבייטן אַנדערע, טויטע איז דעאַלן. מענטשן ווילן גלויבן. דער אינהאַלט איז ווייניקער וויכטיק, ווי דער פּראָצעס; דער ציל — ווייניקער פון דעם וועג; אָבער ווען דער „גלויבן" ווערט דערפילט, — וואָס בלייבט?

אין פּאַלעסטינע אַליין וועט דער קאַמף פון דעם יידן זיין נאַטירלעכער און גרינגער. ער וועט דאָרט נישט האָבן פאַרוואָס מורא צו האָבן. דאָ — אין „גלות" האַלט מען דאָך אין איין ציטערן. „רירט נישט, טשעפּעט נישט — עס קאָן צעפאַלן ווערן". וויל מען אַנרירן דאָס יידנטום, שרייט מען דיר אַנטקעגן: עוכר ישראל, דאָס יידישע פאָלק איז אין סכנה.

אַזאַ געשריי האָט מען אויסגעשריגן אַקעגן מענדעלסאָן, אַקעגן אַלע רעפאָרמער, אַקעגן אַלע דענקער פון דעם יידנטום. עס איז אַ פאַרכישופטער קרייז: יידן און יידנטום, יידישע נאַציאָנאַליטעט און יידישער קולטור-אינהאַלט. עס איז שוין צייט, אַז מען זאָל אַרויסגיין פון דעמדאָזיקן קרייז. מען מוז דורכברעכן אַ וואַנט, אַ וועג, מען קאָן נישט תמיד לעבן אין פחד, מיט אונטערדריקטע געדאַנקען און

שטימונגען, מען קאָן נישט תּמיד אַראָפּשלינגען אַלע ספקות. אויסמיידן אַלע דיסקוסיעס. אויף דעם גייסטיקן געביט איז אַ גוטע מלחמה בעסער, ווי אַ שלעכטער שלום.

עס לוינט זיך נישט אַריינצוגיין אין דעטאַלן, קריטיקירן דעם מן־המצר־אויסגוס. שלעכטע טעאָלאָגיע, פֿאַרוואָסערט מיט צייטונגס־שפּראַך, און וואָס פֿאַר א שפּראַך! יעדער בלאַט איז פֿול מיט ווערטער, ווי „יוניווערזאַליזם”, „קאָנדיציאָן”, „דיזע”, „אַסימילאַציאָן”, „ציוויליזאַציאָן”. מ׳מעג זיין אַ קעגנער פֿון דער גאַנצער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און דאָך באַנוצן זיך — אויב מען שרייבט יידיש — מיט אַ היינטיקער יידישער שפּראַך. מען קאָן אָנשרייבן אַ בוך, ווי מען באַווייזט, אַז גראַמאַטיק איז לחלוטין איבעריק — אָבער דאָס בוך אַליין מוז געשריבן ווערן גראַמאַטיקאַליש.

אָבער איך בין שוין מוחל די שפּראַך. דאָס איז שוין אַ מין קראַנקהייט פֿון די מערסטע יידישע שרייבער, ווען זיי נעמען זיך צו „הויכע פֿראַגן”. זיי האָבן צו ווייניק שפּראַכגעפֿיל. די מליצה טויט זייער סטיל. אָבער דער תּוך אַליין! גאָט מיינער, וואָס פֿאַר א תּל האָט בוביליק געמאַכט פֿון אונדזער וועלט! אין איין קאַפּיטל אַוועקגעהרגעט די גריכן, אין אַ צווייטן די רוימער, דערנאָך די רוסן, דעם סאָציאַליזם, דעם נאַטוראַליזם, השׂכּלה, מענדלסאָן, אחד־העם, די גאַנצע העברעישע ליטעראַטור, ממש — אַ שטיין אויף אַ שטיין איז נישט געבליבן. די גריכן האָבן נישט געהאַט קיין מאָראַל — זאָגט הער בוביליק. „די משא, וואָס האָט אַראָפּגעשלעפּט די גריכישע ציוויליזאַציאָן צו דער ערד און האָט זי נישט געלאָזן זיך אויפהייבן העכער אין באַצוג (!) צו מענטשהייטס־אידעאַלן, איז געווען די צוגעבונדנקייט פֿון דעם גריך צו דער נאַטור”. אַזוי פּסקנט גדליה בוביליק. און פֿרעגט אים, אַ שטייגער, וואָס מיינט דאָס — וועט ער אייך ענטפֿערן, אַז די גריכן האָבן צוגעלאָזט נקמה, האָבן נישט געלייגט כּבֿוד אויף אַלטקייט א. אז. וו. אי — די סטאָיקער, אי פּלאַטאָ, די גאַנצע סאָקראַטישע ריכטונג אין דעם דענקען? און ווי איז עס, למשל, מיט דער גריכישער אינסטיטוציע פֿון דעם „פּריטאַנייאָן”, וווּ יעדער אַלטער מאַן האָט געלעבט אויף קהלס חשבון! אָבער דאָס האָט פֿאַר דעם געשיכטספֿאָרשער בוביליק קיין ווערט נישט. ער וויל עס גאָרנישט דערמאָנען, ער דאַרף עס גאָרנישט וויסן. די גריכן זענען די צוגעבונדענע — די יידן זענען די פֿרייע! דער באַ־

ווייז ווערט גענומען פון א צענטקלאַסיקן דייטשן פילאזאָפישן פראָ־פעסאָר דארנער – וואָס האָט געוואָלט דעריהייבן דעם פראָטעסטאַנ־טישן קריסטנטום. דער ייר איז פריי – דערפאַר, וואָס עס שטייט געשריבן: „ובחרת". גאָט גיט דעם מענטשן די ברירה: איין וועג פון לעבן, דעם צווייטן פון טויט — נאַ, קלייב אויס. אַ שיינע ברירה איז דאָס!

אויב דאָס איז די חקירה פון דער אָרטאָדאָקסיע — איז באמת אַ רחמנות אויף דער אָרטאָדאָקסיע! און איך האָב מורא, אַז זי וועט גאָרנישט האָבן מיט וועמען צו קעמפן. זי איז צו שוואַך. און ווי זאָגט מען דאָך: „דעם, וואָס ליגט אויף דער ערד — טאָר מען נישט שלאָגן".

אָבער וואָס וויל פאָרט דער באָיסקאַוט פון דער אָרטאָדאָקסיע! וואָס אין זיין פּאָזיטיוו וואָרט? ער האָט אונדז אַלע אַריינגעלייגט אין חרם. מיר טויגן אַלע גאָרנישט. אונדזער נאַציאָנאַליזם איז „גויִיש"; אונדזער יידיש דענקען איז דיקטירט פון „וואָס וועלן די גוים זאָגן", פירט צו „אַסימילאַציאָן" און צו שמד. שששרעקלעך!

וואָס זאָל מען פאָרט טאָן? ווי אַזוי זאָל מען ראַטעווען זיך און דאָס פאָלק ישראל? פון דעם גאַנצן גלות־לאַנגן בוך האָב איך געקענט אַרויסזען איינאיינציקן געדאַנק: „מצוות עשיות", דאַווענט, לייגט תפילין, גייט אין מקווה, זאָגט חצות, גייט צו תשליך, כאַפּט זיך אַריין צו מנחה אין בית־מדרש און זאָגט אָפּ אַ פרק משניות — אָט דאָס בלייבט פון דער וועלט־צעשטערנדיקער „קריטיק". מיט איין וואָרט, — אויפן אָרט פון „ציוויליזאַציאָן" — „קוגליזאַציאָן", ווי דוד פרישמאַן וואָלט געזאָגט.

וואָס זשע האָט ער באַדאַרפט אַזוי לאַנג ברייען? דאָס האָט מען מען דאָך אַליין געוווּסט! דאָס האָט שוין עקיבא ראַבינאָוויטש פון פּאָלטאַווע געשריבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק! און אַז „א בלאַט גמרא און אַ פּרק משניות זענען אויף אלצדינג מכפר" האָבן די יידן געזונגען „פאָ חסידאַצקוּ", נישט זייענדיק אין ירושליב און נישט לייענענדיק אויגוסט דאָרנער. און אַז דער „סאָציאַליזם אין פיינטלעך צום יידנטום", דאָס האָבן אויך אַלע אלטע גאָטס־ און איספּראַווניק־ און נגיד־פּאָרכטיקע רבנים געדרשנט. מאי קא משמע לן — וואָס זשע לאָזט אונדז גדליה בובליק הערן? אַנטקעגן וואָס זאָגט ער דאָס אַלץ און דערצו אין אַזאַ עברוז־טייטש?

אָרעמע אָרטאָדאָקסיע — אירע קעגנער שווייגן און איגנאָרירן זי איגנאָנצן — און אירע פריינט — קאָמפּראָמיטירן זי! זי וועט נאָך מוזן אַ סך דענקען, איידער זי וועט זיין גרייט צום קאַמף. און ווער ווייסט — אפשר וועט איר דענקען און לערנען מאַכן גרינגער דעם קאַמף — פאַר אונדז? פאַר דעם חרם מיט שוואַרצע צייטונגס-טינט האָבן מיר קיין מורא נישט. עס שאַדט קיינעם נישט. לאָמיר וואַרטען, ביז די אָרטאָדאָקסיע וועט זיין פאַרטיק צום ריכטיקן חרם. מיר קאָנען וואַרטן.

## יידנטום־רעצעפטן.

ווידעראַמאָל יידנטום. נאָכאַמאָל די אייביקע, די אַלטע, די שוין באַלד מער ווי נמאס געוואָרענע פראַגע וועגן דער צוקונפט, דעם גורל, דעם וועג פון דעם יידנטום.

און דאָך — מען מוז. עס איז אַ מין מאָראַלישער חוב, אַ געוויסנס־צוואַנג. מען מוז פון צייט צו צייט — אָדער אפשר תמיד — דענקען, רעדן, זוקרענען זיך איבער דעמדאָזיקן פּראָבלעם. אפשר בטלנות, אפשר לאַנגווייליק, אָבער דאָס איז דאָך דער עצם פון יעדער גייסטיקייט. דענקען — דענקען איבער אמתע וויכטיקייטן, איז קיינמאָל נישט „אינטערעסאַנט", נישט „אַמוזאַנט". דענקען איז אַ קרבן.

מען פרעגט אָפט — און די פרעגער זענען געוויינלעך די פשטנותדיקע נאַציאָנאַליסטן פון יעדער שאַטירונג, — פאַרוואָס און צוליב וואָס דאַרף מען און זאָל מען זיך תמיד אָפּגעבן מיט אַזעלכע „סטערילע" פּראָבלעמען. טוען עס אַנדערע פעלקער? ברעכן זיך די פראַנצויזן אָדער די דייטשן — אָדער גאָר דער אַמעריקאַנער — דעם קאָפּ, שארפן זיי זיך דעם מוח וועגן דעם „קיום", דעם „וועזן", דעם „זין" און דעם ציל פון זיך אַליין? איז דען לעבן אַליין נישט גענוג? דאַרף מען האָבן נאָך אַן אַנדער „באַרעכטיקונג", אַ חוץ דעם פאַקט אַליין? איז נישט דער „איך בין, דערפאַר בין איך" — אַ פולשטענדיקע תשובה?

זיי זעען בלויז נישט, אַז זיי פאַרבייטן די באַגריפן, און ווילן נישט פאַרשטיין די גרונטפראַגע. געוויס, פראַנצויזן, אַמעריקאַנער און אלע אַנדערע פעלקער פאָרשן נישט, גריבלען זיך נישט, אַנאַליזירן נישט טאָג איין, טאָג אויס, זייערע פונדאַמענטן. אָבער וואָס פאַר אַ פראַנצויזן, וואָס פאַר אַ אַמעריקאַנער? די מאַסע, דער דורכשניטס־

מענטש, דער „המון". און טוט עס די יידישע מאַסע? ווען דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר זאָגט זיך אַמאָל אָפּ מיט אַ זיפץ: „מה אנו, מה חיינו", מיינט ער גאָרנישט דערביי. און ווען ער פאַרשטייט אַפילו, וואָס ער זאָגט, מיינט ער דאָס מענטשלעכע, אַלמענטשלעכע. און ווען ער לייגט אפילו אַריין אַ ספּעציפיש-יידישן אינהאַלט, טראַכט ער אויך בלויז וועגן די אויסערלעכקייטן פון דעם יידישן לעבן, פון דער פּאָליטישער סאָציאַלער, אָדער עקאָנאָמישער לאַגע פון דעם יידן.

אָבער אויך ביי אַנדערע פעלקער איז פאַראַן אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט נישט קיין אנדער עובדא אין לעבן, ווי דענקען פ אַ ר דעם קאָלעקטיוו און — איבער אים. נאָכמער: ביי אַנדערע פעלקער איז די גאַנצע קולטור־אַרבעט נישט מער, ווי אַ פּאַרזוך צו געפינען אַ וועג פאר דער פאָלקס-אינדיווידואַליטעט, אַ זין פון זיין עקזיסטענץ. דאָס איז געווען געטעס אַרבעט, זיין לעבנסווערק אין דייטשלאַנד; דאָס איז וויקטאָר הוגאָס און באַלזאַקס און פלאָבערס שאפן אין פראַנקרייך; דאָס איז געווען דער זין פון דער גאנצער רוסישער קולטור ביז נישט לאַנג. זוכן פאר זיך אַ וועג — הייסט לעבן. עס זוכן נישט מער די, וואָס האַלטן ביים שטארבן. עס זוכן נאָך נישט די, וואָס שטייען ערשט אין באַגינען פון זייער לעבן.

און דאָס איז טאַקע די הויפּטפראגע פון דעם יידישן דענקער: ווו האַלטן מיר? און ווייל דער סימן פון א פאָלקסלעבן איז אַ שטענדיק פאָרשן און זיך פאַרטיפן אין זיך אַליין, איז דידאָזיקע אייביקע יידנטום־פרעגעריי נישט קיין סימפטאָם פון דעקאדענץ אָדער קראַנקלאָזיקייט, נאָר פארקערט — עס איז א צייכן פון וויטאַליטעט.

דאָס שווערסטע פון דעם גאַנצן פּראָבלעם, איז, אייגנטלעך, נישט דאָס יידנטום, נאָר די יידנטומס. יעדעס לאַנד האָט זיין אייגן יידנטום און זיינע אייגנטימלעכקייטן. און עס ווייזט זיך אָפּט אויס, אַז מען קאָן גאָרנישט געבן קיין איין ענטפער, נאָר אַ ריי פון לייזונגען, פאר יעדן לאנד באזונדער, פאר יעדן יידנטום אַן אַנדערע. אַנדערש ווערט פאַרענטפערט די יידנטום=פראַגע אין דייטשלאַנד, ׳ ׳ אין ענגלאנד; אין איטאַליע פאַרשידן, ווי אין רוסלאנד, און גאָר אַנדערש, שווערער פון אַלע, אין אמעריקע.

וואָרים עס איז געקומען די צייט, ווען אַמעריקע האָט אַ יידנטום=פראַגע. נישט בלויז אַ יידנפראַגע, נישט בלויז אַנטיסעמיטיזם און קאמף פאַר און אַקעגן יידן. וויכטיקער פון דעם, שווערער, פאָלגנ=

שווערן איז די פראַגע, וואָס איז נוגע אונדז אַליין. נישט ווי אנדערע באַציער זיך צו אונדז, נאָר ווי באַציען מיר זיך אליין צו זיך? וואָס ווילן מיר, וואָס דערוואַרטן מיר, פ אַ ר וו אָ ס זאָלן מיר אָנפירן ווייטער די ליניע פון דער געשיכטע.

איך זאָג „פאַרוהאָס", און נישט „ווי אזוי". און דאָס איז דער ראַדיקאַלער אונטערשיד צווישן אונדז און אַנדערע, צווישן די יידן אין אַמעריקע און די איבעריקע „נאַציאָנאַלע גרופן". פאַר זיי קאָן עקזיסטירן בלויז די ווי=אַזוי=פראגע. קאָן דער דייטש אָדער דער איטאַליענער נישט גיין דעם וועג צו בלייבן נאַציאָנאַל-קולטורעל דייטש אָדער איטאַליעניש, פאַלט פאר אים דער גאַנצער פראָבלעם אַוועק. ער ווערט פשוט אַן אַמעריקאַנער ווי יעדער אַנדערער. ער בייט זיין היסטאָרישן קאָמפּלעקס. ווייל אויף זיין „פאַרוואָס" איז נישטאָ קיין ענטפער.

אָבער ביי אונדז איז גראָד דער „פאַרוואָס" דער פונדאַמענט. ביז אַהער איז די פראַגע נישט געשטאַנען אַזוי שאַרף. דער שטענדיקער פראָצעס פון זיך באַנייען — פון אומשיכטן, פון אַריפמעטישער פּראָגרעסיע, דער צופלוס פון נייע אימיגראַנטן, די פיזישע, שווערע אַרבעט פון צופּאַסן זיך און אריינפּאַסן זיך, פון עקאָנאָמישער פאַרפעסטיקונג — אָט די גאַנצע ריין - אינדיווידועלע אַרבעט האָט פאַרשלונגען אלע כחות פון דעם יידנטום אין אַמעריקע. דער פּראָצעס האָט זיך שוין פאַרענדיקט, אָדער כמעט. דער מענטשנטייך האָט זיך אָפּגעשטעלט. די יידישע תושבים, די „צוגעפּאַסטע", האָבן זיך מער אָדער ווייניקער פּארפעסטיקט, נישט אַזוי, ווי מען וואָלט געקאָנט און באַדארפט דערוואַרטן, נישט אינגאַנצן אין זין פון דער „נייער וועלט", נישט אַזוי זיכער, אַז קיין שטורעם זאָל זיי נישט קאָנען אויסוואָרצלען — אָבער פאָרט, אָבער דערווייל.

און עס זענען פריי געוואָרן די גייסטיקע כוחות פון דעם יידנטום, און עס איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע אַ יידנטום-פראַגע. נישט אומיסט שרייבט מען אין דער לעצטער צייט — און דוקא אויף ענגליש — איבער יידנטום. מען שרייבט אָפּט נאַריש, קינדיש אומרייף און אויבערפלעכלעך; אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס מען שרייבט, באַווייזט, אַז מען דענקט; באַווייזט, אַז מען פילט דעם דראַנג צו פאַרטיפן זיך אין דעם יידנטום. נישט דער ענטפער איז אינטערעסאַנט, נאָר דאָס זוכן. און ווען איך זע, ווי אַמעריקאַנער יידישע „גדולים", ווי מר. אדאָלף אָקס פון דער

„טאַימז”, ווי ראַבייס און כלל-טוער — אין אַן אַנקעטע, וואָס אַ יידישע אַגענטור פאַרעפנטלעכט — מיען זיך צו געפינען אַ לייזונג פון דער פראַגע: וואָס וועלן מיר טאָן, ווען מיר וועלן בלייבן אַליין, צווישן זיך, אָן אימיגראַנטן? ווען איך זע, ווי זיי קנייטשן דעם שטערן און רעדן אַזוי צעשוווּמען איבער „יידישער דערציונג”, יידישן כאַראַקטער, וועגן בלייבן יידן און אַמעריקאַנער, א. אז. וו., זע איך אויך די טראַגישע פוסטקייט, וואָס האָט זיך געבילדעט אין דעם יידישן באַוווסטזיין, ווי אויסגעשעפּט עס איז געוואָרן פון אַלע זיינע ווערטן.

מען דאַרף זיך נישט בויען קיין לופטשלעסער. בלויז די, וואָס ווילן נישט זען, מיינען, אַז רעליגיע איז אַ זאַך, וואָס מען קען „דערציען”, וואָס מען דאַרף „אויסלערנען”. בלויז די נאַיווע און די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער־טעאָלאָגן קאָנען האָבן אַן אילוזיע, אַז מיט דעם, וואָס מען לערנט מיט די קינדער די „באַיבל” אין העברעיש, אָדער אין אַן אַנדער שפּראַך, קאָן מען אָנהאַלטן יידנטום. רעליגיע איז נישט קיין פראַגע פון דערציונג. רעליגיע איז אַן אינדיווידועלע איבערלעבונג. מען האָט זי, אָדער מען האָט זי נישט. רעליגיע איז עקסטאַז. און דעם עקסטאַז קאָן מען נישט דערציען. דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן טאָן דערצו — איז צו וועקן אים, איז — שאַפן די באַדינגונגען פאַר אים.

איך זע נישט אין דער גאַנצער וועלט קיין רעליגיעזן רענעסאַנס, סיידן אפשר אין אינדיע. און דאָרט אויך אונטער דעם איינפלוס פון אַ טיף־רעליגיעזן עקסטאַטיקער, פון מאהאטמא גאַנדי. מיט זיין ביישפיל מיט זיין לעבן, מיט זיין „איך” האָט ער דערוועקט אין אינדיע כוחות, וואָס האָבן שוין געהאַלטן ביים אַנטשלאָפן ווערן. און זיין וועג איז געווען — אויסטייטשן איבעראַנייס, מיט אַ נייעם עטישן ענטוזיאַזם, די גרונטמאָטיוו פון דעם אינדישן רעליגיעזן דענקען.

און דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס קאָן באַלעבן דאָס רעליגיעזע געפיל, ווו עס זאָל נישט זיין. אויך ביי יידן. און גראָד דאָס פעלט אונדז, עס פעלט די פערזענלעכקייט, עס פעלט דער אימפעט, דער עקסטאַז, די נייע איינשטעלונג. עס פעלט דער גייסטיקער לערער און פירער. מיר האָבן „דאָקטאָרוס זיוו דיווויניטי”, וואָס פרעדיקן אין די טעמפּלען איבער אַלצדינג אין דער וועלט און חזרן איבער וואָך איין, וואָך אויס די אַלטע אויסגעדראָשענע יידיש-טעאָלאָגישע פראַזן.

זיי זענען טעאָלאָגישע באַאַמטע, אָנגעשטעלטע פון זייער קאָנגרע-גיישאָן”, צוגעאָבן צו די גבירים, אַ מין אָרנאַמענט פאַר דער אויסערער

וועלט — אָבער, אין תוך גאַנץ איבריקע מענטשן. זיי האָבן נישט קיין פונקציע אין דער געזעלשאַפט. און דאָס ביסל, וואָס איז זיי פאַרבליבן, דערפילן זיי אויך נישט.

עס זענען דאָ אַפילו פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר דעם יידנטום. עס זענען אָבער נישטאָ, עס פעלן פּראָפּאַגאַנדיסטן פון און אין דעם יידנטום. אויב דאָס איז טעאָלאָגיע בכלל, איז דאָס בלויז פּראַקטישע, קהלשע — אָבער דער מענטש אין דעם יידן פאַרלאַנגט מער; ער וויל נישט קיין פּראַגמאַטישע רעליגיע, נאָר אויך פונדאַמענטן, נאָר אויך פּאַטאָס. דער ייד וויל עקסטאַז. יידן האָבן עס תמיד געפילט. אַפילו דעמאָלט, ווען עס איז נאָך נישט געווען אַזוי נאָענט די סכנה פון פאַנאַנדערפאַלן. און זיי האָבן געשאַפן — מיסטיק, חסידיזם. אין דער חסידישער עקסטאַז האָט אויפגעפרישט דאָס יידנטום, האָט אים געגעבן אַ נייעם מוט, געגראָבן פאַר אים אַ טיפערן קוואַל.

דער קוואַל איז פאַרשטאָפּט, צוגעשאָטן. און ווידער קומט דער שאַבלאָן, די אָפּגעשטאַנענקייט, די גרויסע מידקייט פון דעם נישט קאָנען גיין ווייטער, פון דעם דערגרייכן. און לאָזן זיי זיך נישט נאַרן, לאָזן זיי זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס, די אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון טעאָלאָגישע סעמינאַרן און יידישע „סאָנדעי-סקולס" און העברעישע אונטעריכטס-קלאַסן: נישט מיט ווערטער, נישט מיט ביכער און נישט מיט אַ פּאָר צענדליק ראַביס מער קאָן מען אויפהאַלטן דאָס יידנטום אין אַמעריקע. „ליבע איז העכער פאַר יעדן וויסן". די קאַטאָליקן האָבן געוווסט פון דעם סוד. זיי האָבן אים געלערנט פון זייער דענקער טאָמאַס אַקווינאַס. און דערפאַר איז זייער גאַנצער סיסטעם געווען אַ פאַרשידענער. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשפּרייטן טעאָלאָגישן וויסן צווישן די מאַסן, נאָר איינפלאַנצן אין זיי אַן עקסטאַז, דעם עקסטאַז פון ליבע.

די „חסידים האָבן געוווסט דעם סוד. און זיי האָבן דערפאַר אויך אַזוי גיך געזיגט — אין זייער צייט.

און עס מוז ווערן קלאָר פאַר אונדז אויך. די יידישע פערזענלעכקייט אין אַמעריקע צעפאַלט — אין אירע עלעמענטן. דאָס איז אַ פאַקט. קעמפן אַקעגן אים קאָן מען נישט. עס איז געשיכטע. פּאַליאַטיוו-מיטלען, אַלטמאָדישע רעצעפּטן, באַבסקע רפואות זענען נוצלאָז. מען מוז אַנווענדן די מעטאָדע פון דער נייער וויסנשאַפט, דער נייסטער. צעפאַלן די עלע-

מענטן, מוז מען זיי צוריק קאמפּאָנירן, שאַפן פון זיי אַ בייעם גייסטיקן אָרגאַניזם, אַ נייע יידישע פערזענלעכקייט, אַפילו מיט דעם ריסק, אַז אַ גאַנצע גרופּע פון ביי-שטאָפן וועט פאַרפאַלן ווערן. ווייל יידנטום איז נישט קיין פראַגע פון צאָל; ווייל יידנטום איז נאָך אַלץ אַ גייסטיקער פּראָצעס, אַ שעפערישער אַקט. און שאַפן איז — זיך תמיד באַנייען.

שאַפן איז פורכטלאָז און נישט „טעאָלאָגיש" — מיט דעם אויג אויף דעם „תכלית". מיר האָבן צו לאַנג געטראַכט פון תכלית; מורא געהאַט אָנצורירן געוויסע ווונד-פּונקטן, טאָמער וועט עס ווייטאָן, טאָמער וועט עס שאַטן. און דערפאַר איז ווירקלעך געוואָרן בלויז געשיכטע, נאָר אַפּאָ-לאָגעטיק — ד. ה. פּאָליטיק. אויב פריער איז פילאָזאָפיע — און בכלל דאָס דענקען — געווען די „דינסט פון דער טעאָלאָגיע", איז די רעליגיע בכלל געוואָרן „די דינסט" פון דעם פּראַקטישן לעבן.

אָבער מיר לעבן אין אַ צייט פון עמאַנציפּאַציע. די געשיכטע האָט עמאַנציפּירט דעם יידן — דער ייד מוז איצט עמאַנציפּירן דאָס יידנטום, באַפרייען עס פון די קייטן פון דער געשיכטע, צוריקגעבן אים די פרייע באַוועגונג, זיין רעכט אויף אויטאָנאָמיע. און אויב מען זוכט שוין רע-צעפּטן פאַר דעם יידנטום — איז דער איינציקער רעצעפּט: אינערע פרייהייט.

## II

## „Au bon entendeur — salut“.

דאָס אַרטיקל „יידנטום־רעצעפּטן“ האָט מיר געבראַכט אַ פּאָר בריוו פון לעזער. דער יידישער עולם — דער יידישער לעזער, איז פאָרט נאָך טיפער פון דעם דורכשניטלעכן יידישן שרייבער. ער האָט נאָך נישט דעם פּראָפעסיאָנעלן ציניזם, דעם ביטול פון יעדן געדאַנק, די פון־אויבן־אַראָפּ באַציונג צו אַלץ, וואָס איז נישט קלאָר, ווי דער טאָג, צו אַלץ, וואָס איז נישט „ליטעראריש“. דאָס איז נאָך אפשר די איינציקע טרייסט. און אויב נישט אַ נשמה דאָ, אַ נשמה דאָרט, בלאָנדזשענדיקע, בענקענדיקע, אומבאַקאַנטע, פאַר זיך אַליין פאַרדעקטע, וואָלט באמת דאָס גאַנצע שרייבן געווען אַ ברכה לבטלה, וואַסער אין ים אַריין.

די בריוו, וואָס איך האָב באַקומען זענען פאַרשידענע. אויפגערעגטע, צעטומלטע און באַטראַכט־פּאַרטיפּט־פּרעגנדיקע. און אַלע ווילן זיי אַן ענטפער. אַן ענטפער צו די שרייבער פון די בריוו, פון מאַן צו מאַן.

עס קאָן זיין, דאָס וואָלט געווען דער ריכטיקסטער וועג. נישט רעדן צום כלל, נאָר צום יחיד, נישט צו דער אומבאַשטימטער מאסע, נאָר צו קאָנקרעטע מענטשן. נישט בלויז רעדן, נאָר דערנענטערן צו זיך — און איינעם צום צווייטן, אָט אַלע די זוכנדיקע, אלע די, וואָס ווילן עפּעס פון דעם לעבן, אַלע, וואָס ליידן אין זייער ייד־זיין. אָבער נאָך איז נישט די צייט געקומען דערצו, נישט פאַר מיר, נישט פאַר זיי. קיינער פון אונדז זעט נישט נאָך דעם וועג, אויף פאַרשיידענע שליאכן גייען מיר צו אים. אפשר וועלן מיר זיך אַמאָל טרעפן — ביי אַ קרייצונג פון די וועגן. אפשר נישט. אָבער פאַרי־

שפּאָרן אַ וועג חיל איך — קיינעם נישט. אין קפיצת־הדרך גלויב איך נישט. עס מאַכט נישט אויס. לאָז עס ווייטאָן, לאָז עס שווערער מאַכן דאָס לעבן. „לעבן איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז פאָרן אויפן ים".

* * *

דער לעזער, דער פרעגער, וויל וויסן: וואָס זענען די רעצעפּטן, וואָס איך שלאָג פאָר דעם יידנטום. און ווען איך רעד פון רעצעפּטן — הייסט עס דאָך, אַז דאָס יידנטום איז קראַנק. איז עס טאַקע קראַנק? וואָס זענען די סימפּטאָמען? און אויב שוין יאָ — צי דאַרף מען עס בכלל היילן? ער דערמאָנט מיך אָן דעם נייעם געזעץ, וואָס מען האָט נאָר וואָס אָנגענומען אין דענעמאַרק — דעם געזעץ, וואָס גיט אַ רעכט דעם דאָקטאָר צו פאַרגיכערן דעם טויט פון אַן אומהיילבאַר קראַנקן.

און ער דערמאָנט מיך ווייטער אָן דעם אַלטן מאמר פון דער אַמאָליקער מעדיצין, דעם מאמר פון גאַלענוס: „ווו עס קאָן נישט היילן קיין פייער, היילט אייזן — און ווו אייזן העלפט נישט — היילט דער טויט". אַ וווּנד קען מען — לויט דער אַלטער מעדיצין — אויסברענען, אָדער אַרויסשניידן, אָדער — דער אָרגאַניזם שטאַרבט — און די „רפואה" קומט שוין ממילא.

איך ווייס נישט, צי איך קען אויף איינמאָל און דאָ, און שוין איצט ענטפערן אויף אַלע פראַגן און אַלע ספקותן. אָבער איך בין פאַרפליכטעט צו שטעלן מיין דיאַגנאָז. קראַנק — פאַרוואָס? וואָס זענען די סימנים? אמת, וואָס־וואָס, דיאַגנאָזן און אַנאַמנעזן און „קראַנקייטס־געשיכטן" — פון אַלע זייטן באַשטורעמט מען אונדז מיט אַנאַליזן און וואַרנונגען און היילמיטלען. באַרופענע און אומבאַרופענע, פּאַטענטירטע און „ליבהאָבער". דער עיקר פליסן זיך די „נאַטור־דאָקטוירים". צוריק צו דער נאַטור — אַ געזונט נאַטירלעך לעבן, זון, ערד־געוויקס, אַרבעט, רו, זיכערקייט א. אז. וו. פיזישע, גייסטיקע דיעטע.

די אַנדערע קאַטעגאָריע, די „היבּרויסייענס־דאָקטוירים", אויב מען קאָן זיי אַזוי אָנרופן, אָט די פּראָפעסיאָנעלע גאָט־קענער, די „ראַבּיים", די „שאַמאַנען" האָבן אויסגעפונען, אַז עס איז אין אונדז אַריין אַ מין „שד", אַ „דיבוק", אַ פרעמדער גייסט, און זיי זוכן אים צו פאַרטרייבן

מיט זייערע פאַטענט-מיטלען — מיט אָפּשפּרעכונגען, מיט קמיעות, מיט אַלטע ווערטער אויף אַלטע פּאַרמעטן, און זיי מיינען, אַז מיט סנדלפון, מטטרון א. אז. וו. קאָן מען אויסהיילן דעם יידישן חולה.

און פון דער זייט, ביי דער זייט שטייט אַ גרופּע יידן, וואָס זענען נישט געבונדן צו זיי, וואָס פילן זיך פריי פון אַלע ווערטער און פּאַרמעלן. וואָס האָבן נישט קיין מורא פאר קיין שום לעצטן שלוס און רעזולטאַט. עס איז די גרופּע פון דער יידישער אינטעלי-גענץ — צעשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט, אָפט אָן שום קאָנטאַקט צווישן זיך — אָפט פאַרפרעמדט איינער צום צווייטן דורך די פאַר־שידענע קולטור=סביבות, און דאָך זענען זיי אַלע מסכים אין איין זאַך: זיי ווילן זיך אָפּגעבן חשבון הנפש. אין בערלין און אין לאָנדאָן, און אפילו אין ניו־יאָרק, און באלד אויך — זיכער — אין ארץ־ישראל. איז נישט יעקב וואַסערמאַנס און בער האָפמאַנס און בובערס און קלאָוד מאָנטעפיאָרעס — און אפילו יוסף קלויזנערס אַרבעט אַזאַ מין אייביקער זעלבסט=אַנאַליז פון דער יידישער נשמה, אַ פאַרזוך איבערצופּרווון די יידישע ווערטן? איך האָב דערמאָנט די נעמען מיט אַ כוונה. יעדער פון זיי איז א סטרוגע, יעדער פון זיי האָט א טאָן, אָבער נישט אָן איבער=טאָן. בער האָפמאַן פרעגט: וואָס איז יעקבס שליחות? וואַסערמאַן: וואָס איז דער ייד אין דער גרויסער וועלט-מאַשינעריע? בובער זוכט דעם קוואַל פון דעם יידישן עקסטאַז, און קלויזנער — נישט וויסנדיק אפשר אַליין, וואָס עס האָט אין אים אַרויסגעקלונגען, נישט פארשטייענדיק, אַז ער איז אָן עכאָ פון א דור-דענקען, איז צוריקגעקומען צו דער אַלטער שיידונג פון וועגן, אַהין, ווו עס זענען געשיידט געוואָרן אויף טויזנטער יאָרן — אויף שטענדיק? — די יידישע און די נישט-יידישע וועלט.

און פון אַלע אַנאַליזן — איין ענטפער. פארשטעלט, אָפט נישט פאָרמולירט, אָדער גאָרנישט געוואָלט: יידן ליידן פון אַ גייסטיקער „אינהיביציע". זיי זענען אָפּגעצוימט פון דעם לעבן. טויזנטער יאָרן פון „מען טאָר נישט", איין איינציקע געשיכטע פון „פאַרבאָטן". אויף דעם פאָרטאַל פון דעם יידנטום שטייט דאס וואָרט „אסור". מען טאָר נישט. און — ווי דאס אלטע ליד דאָרט — דאָס, וואָס מען מעג — טאָר מען דאָך אויך א ביסעלע נישט.

און דערפאר איז דאס יידנטום געוואָרן אַזאַ אומגעהייערע קול־טור=קראפט. נאָך מער — דערפאַר איז דאס יידנטום — די קולטור.

וואַרים זי שטייט אויף דעם „מען טאָר נישט". די גאַנצע קולטור איז נישט מער ווי די פענטונג פון דעם „פרייען" מענטש, פון דעם צע־נויפקייטלען אים מיט אונדזערע, אריינשטעלן אים אין א רעמל, שאַפן פאר אים אַן אטמאָספערע, און דאס איז, מיט איין וואָרט, דאס, וואס מען רופט אָן — רעליגיע.

די גריכישע, די רוימישע, די גאנצע „קלאסישע קולטור" האָט זיך גענומען צו שאפן א „רעליגיע", זי האט נישט געקאָנט. זי האט געשאַפן די „געזעצן", אָבער נישט קיין פאַרבונדנקייטן, נישט קיין התחייבותן. זי האָט באַצויגן די מענטשן, אָבער נישט דעם מענטשן. די איינציקע קולטור, וואָס האָט דאָס געקאָנט, וואָס האָט עס דורכגעפירט, איז געווען די יידישע. זי האט געשאפן דעם עצם רעליגיע, פונקט ווי זי האט געשאפן דעם באַגריף גאָט.

און דערפאַר איז די גאנצע יידישע קולטור — פון תמיד אָן — געווען א ריין רעליגיעזע, אָבער מיט אַ צעשפּאַלטונג. צום ריין רע־ליגיעזן מאָטיוו איז צוגעקומען דער נאַציאָנאלער, דער געשיכטלעכער. אָפּגעגרענעצט דאָס נישט צו באַגרענעצנדיקע, און געפּענטעט דעם מענטש — מיט צוויי שטריק. דער ייד איז צוגעבונדן געוואָרן צו דער געשיכטע, מער פון אלע מענטשן אין דער וועלט. אַלע מעגן פארגעסן, אַלע קאָנען זיך אָפּזאָגן פון דעם, וואס איז געוועזן און זיין בלויז — איצט. דער ייד האט עס נישט געקאָנט, ער האט עס נישט געטאָרט. קיינמאָל נישט פאָרויס, נאָר תמיד אויף צוריק, ער האט זיך געריסן פון דער קייט, נישט איינמאָל, און נישט געקאָנט זי ברעכן. ווייל — צערייסן זי וואָלט געמיינט פאר אים אונטערגיין אין אַ פרעמד־קייט, אין אַ וועלט פון כאַאָס. ער האט געמוזט טראָגן אויף זיך די געשיכטע — כדי צו שטיצן די וועלט, וואָס ער האט אליין געהאָלפן אויפבויען. און עס איז געווען אַן עכט יידישער געדאנק, ווען רודאָלף בארכהארדט, אין זיין וווּנדערבאר שיינעם ביכל: דאס בוך פון יורם — לאָזט זאָגן זיין יורמען, זאָגן אים צו גאָט: „אויב דו טוסט נישט, וואס איך וויל — מעק איך אויס דיין נאָמען פון מיין זכרון".

בארכהארדט האט — ווייסנדיק, צי נישט — אויף זיין אופן געזאָגט, וואס די חסידים, די רביים האבן געזאָגט אויף זייער שפּראַך און זייער פאָרמולע. דער ייד האט געמוזט זיך באַצווינגען, כדי די וועלט זאָל האָבן אַ קיום. ער האט אפילו מורא געהאט פאר אַ צו־

טיפן אריינקוקן אין זיינע אייגענע טיפענישן. טאָמער — טאָמער פאַרלירט ער דעם אַנקער.

איך האָב נישט לאַנג צוריק געלייענט אין אַ ביאָגראַפיע פון זיגמונד פרויד אַ מערקווירדיק וואָרט פון פרויד איבער יידן: „מיר יידן", האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פסיכאָ-אַנאַליטיקער, „מיר זענען די באַפרוכטער פון דער קולטור — און באַפרוכטער ווערן געטראָטן מיט די פיס". געטראָטן — ווייסנדיק, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַז דאָס איז דער זין פון זייער לעבן.

אָבער מען קאָן נישט תמיד וועלן זיין אַ מיטל צו אַ צוועק. עס קומט אַ צייט, ווען מען וויל אַליין אויך זיין אַ צוועק — פאַר זיך. דער דראַנג איז תמיד פאַראַן. ער ווערט אָבער פאַרשפּאַרט, צוריקגעשטויסן, אונטערדריקט, און עס ווערט דער פּראָצעס פון „אינהיביציע" אומפרייהייט, אָפּהענגיקייט פון עבעס, וואָס איז אונטער אונדז.

מיר קאָנען דערפאַר נישט צוגיין נאָרמאַל, פּשוט צו וואָס פאַר נישט איז דערשיינונג. דערפאַר זענען אַלע אונדזערע וועלט-באַציונגען אַזוי האַלב — און די באַציונג צו זיך אַליין אַזוי סודותדיק, שושקענדיק, מיט אַ האַלבן מויל. מיר קאָנען זיך נישט דערלויבן אויסצודענקען זיך אַליין ביז צום סוף. אונדזער היינט — אונדזער מאָרגן.

און דערפאַר האָבן מיר שוין כמעט אויפגעהערט צו זיין דער וועלט-פאַקטאָר, וואָס מיר זענען געווען — און וואָס מיר דאַרפן זיין: דער רעליגיעזער פאַקטאָר. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילן מיר היינט אין דעם גייסטיקן לעבן? מיר האָבן געלערנטע, מיר האָבן פאָרשער, קינסטלער, — אַלצדינג, אָבער פאַרוואָס אַזוי ווייניק שאַפונג? ווייל גראָד דאָרט, וווּ מיר זענען די באַרופענע, באַהאַלטן מיר זיך. ווי וואַרט די וועלט אויף אַ וואָרט? זי בענקט, זי מאַטערט זיך, זי זוכט, זי פאַרלירט זיך. און ווי דאַנקבאַר איז זי, ווען זי הערט אים. איז דען נישט שפּינאָזאַ געוואָרן אַ גרויסער קולטור-שאַפער בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט גערעדט צו דער וועלט — ווי אַ ייד? נישט ווי דער רמב"ם — וואָס האָט גערעדט ווי אריסטאָטעל, וואָס האָט געוואָלט פאַרטייטשן, אויסטייטשן און פאַרהיטן — נאָר ווי אַ ייד מיט אַ שעפערישער, פרייער באַציונג צו דער וועלט, צו גאָט און צו זיך?

און וואָס פאַר אַ רושם האָט געמאַכט בערגסאָן אין דער וועלט? לאָז זיין, אַז זיינע טעאָריעס זענען פאַלשע, לאָז זיין, אַז זיין פילאָזאָפיע איז מער פּאָעזיע, ווי חקירה — אָבער עס איז נאָכאַמאָל

א נייע ר ע ל י ג י ע ז ע שיטה פון לעבן. און דאס איז וויכטיקער ווי אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיקע טעאָריע פון לאָגיק.

געוויס, שפּינאָזאַ און בערגסאָן און אַלע גרעסערע און קלענערע דענקער און זוכער האָבן אָפּט געקעמפט אַקעגן דעם יידנטום, אָפּן אָדער פאַרשטעלט. אָבער זיי האָבן געקעמפט אַקעגן אַ יידנטום, וואָס איז געוואָרן אַ טראַדיציע, געשיכטע און אויפגעהערט צו זיין אַ קוואַל. אַ קוואַל שטעלט זיך נישט אָפּ. דאס וואסער פון היינט איז נישט דאס פון נעכטן. און דער קוואַל לעבט. איין אָנהייב געוויס — ערגעץ אין די טיפענישן. דאָרט איז די לעצטע באַגרענעצונג — אָבער ארויסגעטראָטן פון דארט, איז דאס וואַסער פריי און שפּייזט טייכן און יבשות.

און צו אַזאַ פּונקט זענען מיר געקומען. דער ייד און דער מאָדערנער מענטש וויל צעפּלאָנטערן די גייסטיקע פעדעם, וואָס האָבן זיך אַזוי פאַרקניפּט אין אים. ער וויל אָנהייבן אויפסניי. ער וויל ווערן נאָכאַמאָל — רעליגיעז, איצט, ווען ער איז שוין נישט געבונדן, ווי פריער, פון דער „רעליגיע". ער וויל אויסאַרבעטן אַ יידישע באַציונג צום לעבן. זי איז נישטאָ מער צווישן אונדז. זי איז אַמאָל געווען. אַ באַציונג, וואָס איז נישט געבונדן צו אַ שפּראַך, וואָס הענגט נישט אָפּ אפילו פון אַ בוך, פון דעם „טאָמער וועט דאס יידנטום אונטערגיין".

פאַרקערט, פריי די כוחות און אַריינגעוואָרפן זיך אין קאַמף. דאָס יידנטום האָט זיך פאַר די לעצטע פאָר הונדערט יאָר צוריקגעצויגן פון דעם קאַמף־פעלד, איינגעוויקלט זיך אין טלית, אַריבערגעצויגן אים איבער דעם קאָפּ — און געשטאַנען אין אַ ווינקל. לאָז זיין, וואָס עס וויל — אבי זיין, אַבי זיך קאָנסערווירן. איז די פראַגע געקומען: צוליב וואָס? אַ מוזיי־רעליקוויע? אַ מומיע?

לאָזן די אַלבאַניער מורא האָבן פאַר אונטערגאַנג — יידן דאַרפן פאַר גאָרנישט קיין מורא האָבן. אַ גייסטיקער וועלט־עלעמענט מעג זיך לאָזן אונטערוואַרפן אַן אַנאַליז, און ווען אַפילו ער צעפאַלט — שאַפט ער נישט קיין אַנדערע ביים צעפאַלן ווערן?

און ווען מיין לעזער, מיין פרעגער וויל וויסן, וואָס מיין איך מיט „אינערער פרייהייט" און וואָס וועט עס העלפן — זאָג איך אים: דער פרייסטער מענטש איז דער, וואָס מאַטערט זיך אַליין, דער, וואָס

ליגט אויף זיך אַרויף סגופים, דער, וואָס וויל נישט זיין צעפּרידן און געבונדן און — גליקלעך. דער וועג פון פרייהייט איז — פון זכות אבות ביז זכות עצמו. און ווען מען האָט דערגרייכט די דאָזיקע מדרגה — ווערט מען שוין אַליין אַן „אב", ווערט מען שוין אַליין אַן אָנהייב.

מיר, יידן, האָבן געלעבט צו לאַנג מיט זכות אבות — מיר מוזן אַליין ווערן אַן אָנהייב. אָדער אַ סוף.

# ווי מיר זעען עס.

פעטער אַלטענבערג, דער ווינער עסטעט און קליינשרייבער — האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ ביכל — דאָס איינציקע ביכל זיינס, וואָס האָט סך־הכּל אַ ווערט מיט אַ זייער פּרעטענציעזן נאָמען: „ווי איך זע עס". „עס" — דאָס הייסט אַלצדינג: וועלט, לעבן, מענטשן און זייערע וועגן.

פּרעטענציעז — ווייל אונטערגעשטראָכן. ווייל יעדער, וואָס האָט געלייענט דעם ביכל, האָט זיך געפרעגט: איז דאָס אַלץ? אַט דאָס האָט ער געזען — און נישט מער? און פון אינהאַלט צו דער פאָרם — „איך" — ווער איז דערדאָזיקער „איך", וואָס נעמט זיך אַזוי ערנסט?

און בפרט די, וואָס האָבן אים געקענט נטער, האָבן אים געזען יעדע נאַכט ביים טישל אין „קאַפע צענטראַל", אַרומגערינגלט מיט „באַוווּנדערער" און גלאַט לײדיקגייער — האָבן געפילט אַ מין ווידער־ווילן. עס איז אפשר גוט צו זיין אַ „איך", אָבער מען מוז אים שטאַרק באַהאַלטן — און קיינמאָל נישט רעדן פון אים.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס און ווי אַזוי עס איז מיר געקומען דידאָזיקע געדאַנקען־פאַרבינדונג. אָבער זי האָט זיך אויפגעצוווּנגען אויף מיר. ווען איך האָב דורכגעלייענט דעם ערשטן נומער פון דעם נייעם יידיש־פראַנצויזישן זשורנאַל „La Revue Juive" — „די יידי־שע רעוויו", אין פאַריז.

„יידיש איז אין מאָדע אין פאַריז" — האָב איך ערגעץ־ווו גע־לייענט. און עס ווייזט אויס, אַז עס איז אמת. עס איז נישט קיין ספק, אַז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וואָלטן די אייגענע שריפטשטעלער, וואָס באַטייליקן זיך אין דער „יידישער רעוויו", נישט געוואָלט געבן

זייערע נעמען צו אַ זשורנאַל, וואָס איז אויסשליסלעך און אָפן „זשוויף", אויסגעשפּראָכן און אומפאַרשטעלט יידיש. איך קען נישט אַקוראַט די ליטעראַרישע פיזיאָגנאָמיע פון דעם רעדאַקטאָר פון דער רעוויו. זיין נאָמען אַלבערט קאָהען זאָגט מיר ווייניק. אָבער די נעמען פון אַנדרע ספּיר, פון מאַקס זשאַקאָב, פון פּיער בענוא, פון פּיער האמפּ, א. אז. וו. זאָגן יאָ עפּעס. עס זענען אַלץ נעמען, וואָס האָבן באַקומען א קלאַנג אין דער נייער פראַנצויזישער ליטעראַטור. נישט אַלע פון זיי זענען יידן. אָט איז, למשל, פּיער בענוא, דער באַרימטער פאַרפאַסער פון דער „נייער אטלאַנטידע", גאָר נישט קיין ייד. נישט קיין ייד איז — אויב איך האָב נישט קיין טעות — פּיער האַמפּ; און זיכער נישט דער ראָמאַניסט זשאַק דע לאַקרעטעל, וואָס האָט אָנגעמאַכט נישט לאַנג צוריק אַ רושם מיט זיין יידישן ראָמאַן — „זילבערמאַן".

איך וויל דאָ נישט אַריינגיין אין אַ גענויען אַנאַליז פון די פאַרשידענע אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל. אינטערעסאַנט ווי זיי זאָלן נישט זיין — בפרט די, וואָס זענען געשריבן פון נישט־יידן, ווייל אָפּשפּיגלענדיק די באַציונג פון דער נאָך־מלחמה־פראַנקרייך צו יידן, אַ באַציונג פון דערנענטערונג און פון איבערבעטן זיך.

דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך — און א זייער ערנסטע.

אָבער עס איז דאָ נאָך אַ וויכטיקערע פראַגע — און זי האָט שוין גאָרנישט קיין שייכות צו דער באַציונג פון אַנדערע צו אונדז, נישט מער באַשרענקט אויף איין לאַנד און קולטור, נאָר איז נוגע אונדז אַליין. די פראַגע פון דער נייער יידישער באַציונג צום יידנטום.

און הגם, ווי איך האָב פריער געזאָגט, איך ווייס נישט ווער אַלבערט קאָהען איז אַלס שריפטשטעלער, קען נישט זיין ליטעראַרישע אָדער גייסטיקע פיזיאָגנאָמיע — און אפשר דערפאַר טאַקע — איז מיר זיין איינפירנדיקער אַרטיקל, אָדער „דערקלערונג" — דעקלאַראַציע, ווי ער רופט אים אָן, זייער אינטערעסאַנט.

„מיר זענען לאַנג געגאַנגען אויף אַלע וועגן, איביקע וואַנדערער און וואָגלער. מיר האָבן אָנגעזאַמלט וויסן. אונדזערע אויגן ווייסן, אונזערע אויגן האָבן געזען. מיר קענען דעם הבל־הבלים פון דער מאַכט, וואָס פאַרגייט, און מיר ווייסן אויך, אז דאָס קליגסטע אונטער דער זון איז לערנען דעם מענטשן האָבן געדולט מיט דעם

מענטשן, און מען וועט אונדז דערלויבן אַמאָל געבן דעם מענטשלעכן סיגנאַל, אויסצודריקן אונדזער אומרויִקייט און באַזאָרגטקייט, דערמאָנען אַלע מענטשן — זייער גלייכן גורל. אויפמערקזאַם צו די שמערצן פון אַן אַלטן, באַליידיקטן פאָלק, אָבער אַנטשלאָסן צו משפטן מיט יושר, גיריק ליב צו האָבן אַלע מענטשלעכע פּאַסירונגען, הייבן מיר אָן דעם ערשטן טאָג פון א נייער יוגנט אָס די בלעטער פון גלויבן, בלעטער פון לעבן, וואָס ברענגען די גוטע בשורה: ישראל קומט צוריק צו ישראל!"

איך האָב ציטירט די שלוסווערטער פון דער „דעקלאַראַציע" גישט דערפאַר, וואָס זיי זענען אַזוי גוט — נאָר ווייל זיי זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נייער יידישער פּאָזע, אויב נישט צו זאָגן, דער נייער יידישער פּראָזע. פּאָזע הייסט נישט בלויז אָן אָנשטעל: פּאָזע — און אַפילו פּראָזע — קאָן אויך זיין אומבאַוווסט, אומגעוואָלט, אַ נאַטירלעכע גייסטיקע אָנשטעלונג.

אונטער דער שיינער און פראַנצויזיש-קלאַסישער מליצה, — אונ־טער די געסאָקטע ווערטער, וואָס דערמאנען אָן דער פּראָזע פון באַ־רעס, פון פּעגי, פון די פראַנצויזישע פּאַטעטיקער, סקעפּטיקער, וואָס שפּילן זיך מיט גלויבן, מוח־מענטשן, וואָס ווילן געפינען דעם האַרץ־קוואַל, מדבר=נשמות, וואָס דאָרשטן נאָך וואַסער און זעען בלויז וואַ־טער — אין מיראַזש — אונטער דעמדאָזיקן גאַנצן ליטעראַרישן אַבאַ־ראַט פון פּאַריז — וואָס איז דאָרט באַהאַלטן.

וואָס מיינט עס: „אונדזערע אויגן ווייסן, אונדזערע אויגן האָבן געזען"? און וואָס גרייטן מיר זיך געבן די פעלקער פון דער וועלט?

דאָס איז אפשר די וויכטיקסטע פראַגע פון דעם היינטיקן טאָג. מיר מוזן זיך ווערן קלאָר איבער זיך אַליין. כל זמן מען זאָגט אונדז: „ישראל איז צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל" — רעדט מען אין פּשוטער, קאָנקרעטער שפּראַך. ציוניזם, פּאַלעסטינע, ישוב א. אז. וו. — דאָס זענען אַלץ פּאָליטישע פראַגן. אמאָל מער, אמאָל ווייניקער עקאָנאָמיש אויסגעטייטשט, אָבער תמיד פאַרשטענדלעך. יידן וועלן זיך באַזעצן אויף דער ערד — די וואָגלער וועלן געפינען אַ מקום מנוחה, אַ טייל יידן וועלן ניצול ווערן פון די שרעקענישן פון פוילן אָדער פון רוס=לאַנד. דאָס איז איינפאַך, קלאָר, דאָס נייטיקט זיך נישט אין קאָמענ־טאַרן. עס שטערט שוין קיינעם נישט.

אָבער ווען מ'זאָגט „ישראל וועט זיך אומקערן צו ישראל" — דאָ האָרך איך אויף, און דאָ פרעג איך: וואָס מיינט עס?

נישט מער פּאָליטיק. נישט מער אַראַבישע פּראָגע, נישט מער גלות־פּראָבלעם. העכער, ברייטער, טיפער — אָדער אפשר נאָך מער: עס איז די פּערטע, די מיסטישע דימענסיע — דער אומקער צו זיך אַליין. אָבער ווו זענען „מיר אַליין"? וואָס איז „ישראל"?

און ווען מען זאָגט אונדז, אַז מיר — נישט אין ארץ־ישראל, נישט אין אַ יידישער אָדער העברעישער מלוכה, נאָר טאַקע דאָ, ווו מיר זענען — אין איראָפּע, אין אמעריקע, אַז מיר וועלן „זען די וועלט מיט אונדזערע אייגענע אויגן" און זאָגן די פעלקער, ווי מיר זעען זיי — זאָגן דער וועלט ווי אַזוי מיר נעמען זי — פרעג איך: וואָס זעען מיר? און די פּראַגע איז ווייטער: ווער זענען די „מיר"?

איך האָב פריער דערמאָנט פּעטער אַלטענבערג אין זיין „ווי איך זע עס". און איך האָב זיך דערמאָנט — ווי איך האָב געזען פּעטער אַלטענבערגן. איך האָב געזען אַן אינטעלעקטועלן אַקראָבאַט, אַ מענטשן, וואָס שפּילט זיך מיט ווערטער, מיט אידעען, וואָס שטייט פאַר דעם שפּיגל און מעסט אויף זיך אַ נייע פּאָזע, יעדן טאָג אַן אַנדערע — און ווען עס סטייען אים נישט קיין נייע — ניצעוועט ער איבער די אַלטע.

און ווייל איך האָב געקענט אַלטענבערגן, האָב איך נישט געהאַט קיין רעספּעקט פאַר זיין „זען פון דער וועלט".

און מיר דוכט, איך קען אויך די יידן. אונדזערע יידן, די אַלטע און די נייע, די, וואָס זענען „אינעווייניק" און די, וואָס „שטייען אין דרויסן", און איך זע נישט, ווער, ווער פון זיי וועט עס זאָגן דאָס נייע — דאָס אַלטע וואָרט, און וואָס וועט ער זאָגן.

איך זע נישט פאַר מיר „ישראל".

געוויס — איינצלנע. געוויס: בערגסאָן, איינשטיין, הערמאַן קאָהען. איינער דאָ, אַ צווייטער דאָרט, אויף איין געביט, אויף אַן אַנדערן. מען קאָן חקרענען. איך טו עס אַליין אויך. מיר אַלע — די, וואָס ווילן דערגרונטעווען דעם יידישן יסוד, כדי צו האָבן אַ פונדאַמענט פאַר זיך אַליין — זענען געוואָרן מפרשים — טייטשן אויס יעדן ווונק פון די „מייסטער", זוכן צווישן זיי דעם פאָדעם. און מיר קוקן זיך אַרום און זעען, אַז מיר זוכן אייגנטלעך דעם „כשרן פאָדעם",

אז מיר ווילן צונויפפירן א וואנט מיט א וואנט — כדי צו געפינען א בארעכטיקונג פאר זיך אליין.

אָבער איז דאָס אַן אינהאַלט? שטייט באמת די גאַנצע „יידישע" קולטור אויף די איינצלנע לייסטונגען פון איין יידן אין פראַנקרייך, א צווייטן אין דייטשלאַנד און א דריטן ערגעץ אַנדערשוווּ, לייסטונגען, וואָס האָבן גאָרנישט קיין פאַרבינדונג צווישן זיך — אויסער אפשר דער מעטאַפיזישער.

וואָס טוט דערווייל „ישראל"? אָט די גרויסע מאַסע יידן אין אַלע לענדער, אָט די „פעלדס" און די „בערגס" און די „טשעס" — אָדער „יצעס" — וואָס זענען זיי מער, אַנדערש, ווי די מענטשן אַרום זיי?

אַלבערט קאָהען איז אַ פּאַריזער — איז טאַקע דאָס פּאַריזער יידנטום אַזוי גייסטרייך, אַזוי גרייט צו אַ נייער פירערשאַפט? האָט „לעווי" — דער „לעווי" פון אַנאַטאָל פראַנסעס דערציילונגען, פון ראָמען ראָלאַן, לעווי דער טיפּישער פראַנצויזישער ייד, געפונען אַ נייעם צוגאַנג צו „ישראל", צו דעם ישראל סבא, דעם אַלטן, גרייזגרויען, דעם אין סודות איינגעוויקלטן?

ווו ווייזט זיך דאָס? ווו זעען מיר עס?

און מיט דעם גאַנצן רעספּעקט, וואָס איך האָב פאַר דעם יידנטום אין צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע, וואָס איז זייער נייער אויסבליק אויף דער וועלט? דער דייטשער ייד פון היינט איז גענוי דער אייגענער, ווי פריער, נאָך איידער ער האָט אַנטדעקט „ישראל". און דער פּוילישער ייד איז אויף זיין אופן נישט בעסער. און דער רוסישער האָט אויך זייער ווייניק געלערנט.

אָדער אַמעריקע. וואַקסט דאָ אפשר אויף אַ ניי יידנטום? וואָס האָט אונדז דער „ישראל" פון דעם צווייטן דור — פון דעם ערשטן איז שוין בכלל אָפּגערעדט, אים מיינט ה' אַלבערט קאָהען זיכער נישט — צו זאָגן? וואָס האָט ער אויסגעטראַכט, וואָס האָט ער איבערגעלעבט?

איך קוק זיך אַרום — און זע אַ מדבר. ערגעץ ווו — פונדערווייטנס א קליינער אָאַזיס: אַ פּאָר פּאַלמען, א קוואַל וואַסער. און אפשר איז דאָס אויך בלויז אַ מדבר-מיראַזש.

דיווירקלעכקייט, וואָס מיר זעען פאַר זיך — אָן שום פּאַנטאַזיע-גלעזער, מיט דעם נאַקעטן אויג — איז אַ יידנטום, וואָס האָט פאַר-

לוירן יעדן אינהאַלט, יעדע גייסטיקע באַציונג. מיר זעען נישט קיין עליה, נאָר אַ ירידה.

האָט דער אַמאָליקער ייד געהאַט אַ וועלט פאַר זיך — אַן ענגע, אַן אַלטע, אָבער פאַרט אַן אייגענע — איז זי היינט אויך צערונען געוואָרן. ווארים וואָס איז דען דאָס „וועלט״? עס איז נישט קיין ממשותדיקע זאַך. דער הימל און די ערד און דער חומר זענען פאַר אַלע די אייגענע. עס הענגט בלויז אָפּ פון דעם, ווי אַזוי מען שטעלט זיך צו זיי, מיט אַ יאָ־שטעלונג אָדער מיט אַ ניין. דער פראַנצויז זאָגט „יאָ״ — דער רוס: ניין. און דערפאַר קאָן מען רעדן פון אַ פראַנצויזישער און פון אַ רוסישער וועלט. דערפאַר האָט דער פראַנצויז — און אין אַ נייעם העכערן גראַד דער ענגלענדער — אויסגעבויט דעם לעבן, באַשיינט אים, באַפּוצט און אויסגענוצט די וועלט, וואָס ער האָט געפונען — דער רוס נעמט זי אָן ווי אַ לאַסט און ווי אַ חברה — און לאָזט זי זיין, ווי זי וויל: מיאוס, ווילד, פּרימיטיוו. דער פראַנצויז לעבט — דער רוס שטופּט אָפּ דאָס לעבן.

נו — און מיר, און דער ייד? ווי אַזוי באַציען מיר זיך אייגנטלעך צו דער וועלט? בלויז מיט אַ קריוודע? זענען מיר טאַקע נאָר אַן „אַלט, באַליידיקט פאָלק״ און ווייטער גאָרנישט? און ווען מען זאָל אויפהערן אונדז באַליידיקן — וואָס וועט דעמאָלט זיין? ווען עס זאָל קומען צו אַ שלום צווישן „אונדז״ און „זיי״ — וואָס וועלן מיר דעמאָלט זאָגן? וועלן מיר אויך מאַכן שלום מיט אַלצדינג — אָדער אַלץ נאָך בלייבן ביים „ניין״?

דערווייל זעען מיר, אַז מיר זענען די גרעסטע יאָ-זאָגער, אין איין אַלעמען. צו מלחמה און צו שלום, צו אָרדענונג אַלע אידייען און פאַר מען. און אונדזער וואָרט — ווו איז עס?

און אַפילו, ווען עס איז ערגעץ-ווו פאַראַן — ווו אויסערט עס זיך? ווער זאָגט עס?

איך זע פאַר מיר אַ דור פון מיטלמעסיקייט, אָן אַן אייגענער פיזיאָנאָמיע, אָן אַ טיפקייט. איך זע דערהייל בלויז „פּאָזע״ — אלטנבערגישע אין בעסטן פאַל — און זייער זעלטן אמתע באַציונג, פאַרוואָרצלטע, טיף און — הויך.

און ווען אונדזערע פאַריזער, בערלינער אָדער פּראַגער פריינט מאָלן אונדז אויס אַזעלכע שיינע, פאַרלאָקנדיקע בילדער פון אַ וועלט געזען דורך אונדזער פריזמע, אין אַ נייער, וווּנדערבאַרער שטראַלן-ברעכונג, —

אַ וועלט, געזען מיט אונדזער אויג, ווילט זיך מיר זאָגן, ווי דער גרויסע פיזיקער העלמהאָלץ: „ווען אַן אָפּטיקער וואָלט מיר געבראַכט אַ קינסטלעך אויג, וואָס זאָל זיין פּונקט אַזוי ווי דאָס נאַטירלעכע, וואָלט איך אים געהייסן עס איבערמאַכן".

דאָס איז אפשר די גרעסטע און די שווערסטע אויפגאַבע פון אונזער דור: איבערמאַכן אונדזער אויג. אויסהיילן אים, אויב מעגלעך, צוריקגעבן אים זיין נאַטירלעכע איינשטעלונג. נאָר דעמאָלט וועט דאָס „זען פון דער וועלט" האָבן עפּעס אַ ווערט פאַר אונדז און וועט בלויז „פּאָזע" — אַלטענבערגישער פאַר דער וועלט. גישט פריער.

# א בינט שליסלען.

איך האָב אמאָל געהערט אַ מעשה וועגן דער אַלטער שטאָט קראָקע. איז דאָרט, אין דער לעגענדן=איינגעטונקטער יאַגעלאָנען-שטאָט, דאָ אַן אַלטע גאַס. זי האָט פריער געהייסן די „יאָזעף-גאַסע", נאָך דעם קייזער יאָזעף דעם ערשטן, דעם אויפקלערער. ווי זי הייסט היינט, ווייס איך נישט; אָבער היינט, ווי אַמאָל, איז זי די יידישסטע פון אַלע גאסן אין דער יידישער שטאָט קראָקע.

אַ מיטלאַלטערלעכע גאַס. שמאָל און ענג, און פאַרשטעלט מיט הויכע, אַלטע הייזער און פול מיט בתי־מדרשים און שולן. און עס איז געווען אַזאַ מנהג אין קראָקע: האָט עמעצער עפּעס פאַרלוירן, פלעגט ער עס מודיע זיין דעם שמש, און דער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאסן — און דער עיקר איבער דער יידישער צענטראַל=גאַס, דער יאָזעף=גאַס, — און אויסרופן די אבדה. און די עלטערע קראָקעווער געדענקען נאָך דעם אלטן שמש, אַזוי אַלט, אַז קיינער האָט נישט געוווסט זיינע יאָרן, ער אַליין אויך נישט, וואָס האָט אויסגערופן מיט זיין ציטערנדיקער, שוואַכער שטימע די „אבדות". זיי דערציילן פון אים נאָך, ווי ער איז אַמאל אַרומגעגאַנגען איבער דער יאָזעף־גאַס און האָט „אויסגעשריען": „א יידענע, אַראָפּגעפאַלן פון דעם פערטן שטאָק — אַ בינטל שליסלען". און מען האָט נישט געוווסט — ווער איז אַראָפּגעפאַלן: די יידענע אָדער דער בינט שליסלען, נאָר איינס האָט מען פאַרשטאַנען, אז עס איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ יידישער בינט שליסלען — און מען זוכט אים...

און מען זוכט אים. ווייל צווישן די פאַרשידענע שליסעלעך, וואס עפענען קאַמאָדעס און שופלאָדן, קאַסטנס מיט אַלטער צירונג און שאַפעס מיט מלבושים, איז אויך דאָ אַ שליסעלע, וואָס עפנט די טיר

אַליין. דער עלטסטער צווישן אַלע, דער וויכטיקסטער. אַזוי קונציק געמאַכט, אַזוי סודותדיק אויסגעקאָוועט, אַז מען קאָן אים גאָרנישט נאָכמאַכן. און גראָד ער איז פאַרלוירן געגאַנגען; גראָד אים זוכט מיט איר גאַנצן האַרצן די יידענע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם פערטן שטאָק — און אים מיינט עס דער אַלטער שמש אויף דער יאָזעף=גאַס.

מען זוכט אים.

* *

*

איך גיב צו — עס איז אַביסל אַן אָנגעצויגענער פאַרגלייך, אַ וואָרט=אַסאָציאַציע. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם בילד מיט דעם קראָקעווער שליסל=שמש, ווען איך האָב דורכגעלייענט א. מ. גערשענזאָנס „שליסל צום גלויבן“.

אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס נישט אויסשליסלעך א וואָרט=צוזאַמענקלאַנג, אָדער גאָר אַ וואָרטשפּיל. עס איז דאָך אַ בילד, א בילד פון דעם מערקווירדיקן זוכן און האָרכן, און אַרויסרופן, און אַרומבלאָנדזשען פון דעם יידישן געדאַנק.

ערגעץ=ווו, אַמאָל, איז פון דער הייך אַראָפּגעפאַלן אַ בינטל שליסלען, צווישן זיי אויך אַ שליסעלע צום אמת, צו דעם טויער, וואָס פירט אין די פאַרבאָרגנקייטן — צו דעם קדשי־קדשים. אָבער קיינער ווייסט נישט, וואָס פאַר א שליסל דאָס איז. און קיינער ווייסט נישט, ווער עס האָט אים פאַרלוירן.

און מען זוכט צוצופּאַסן די שליסעלעך — און מען פּרוּווט זיך. כמעט פון זינט דאָס יידנטום האָט אָנגעהייבן צו דענקען — און פון זינט עס האָט פאַרלוירן זיין אַמאָליקע שטאָלגעגאָסנקייט און האַרבע איינהייט.

און יעדער פון די זוכנדיקע גייט צו די בעסטע שלאָסערס פון זיין צייט. פילון איז געגאַנגען צו די גריכן. וווּנדערבאַרע קינסטלער אין יעדן פרט, - אַ חוץ איינעם: דעם געפינען פון אַ צענטער. „גיב מיר אַ צענטער — און איך וועל איבערקערן די וועלט“ — האָט געזאָגט ארכימעדעס. עס קאָן זיין, ער וואָלט עס געווען ביכולת צו טאָן. אָבער אין דעם „גיב מיר אַ צענטער“, איז געווען זיין שוואַכקייט און זיין גרענעץ. די גרענעץ פון דעם גריכישן גייסט.

פילון האָט געוואָלט עפענען דעם טויער פון דעם יידנטום —

מיט אַ גריכישן אינסטרומענט: מיט לאָגיק, מיט וויסנשאַפט, מיט קלאָרן און ריינעם דענקען. און ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט אויספּרובירט דעם בעסטן פון אלע אַלטע שליסלען: דעם פּלאַטאָנישן. געוואָלט דערקלערן גאָט, פאַרשטיין אים, און עס איז אַרויסגעקומען בלויז א טאָפּעלער דרש: ער האָט געדרשנט פּלאַטאָנס אידעען-פילאָ־זאָפיע מיט פסוקים און אגדות — און האָט אויסגעטייטשט די פסוקים מיט גריכישע שיינע פראַזן.

און פילון איז געווען די ערשטע אַנטוישונג.

עס איז געקומען דער רמב״ם. געפּרוווט דעם אַראַבישן שליסל. עס האָט געהייסן ביי אים אַריסטאָטעלעס, אַריסטו, אָבער עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט: דער מזרח, דער אַראַבישער געדאַנק. א בעסערער שליסל, ווי דער גריכישער, אָבער פּאַרט נישט דער שליסל. ווידעראַמאָל — סיסטעם. נאָכאמאָל — דערקלערונג און פאַרענטפּע־רונג. ער האָט געעפנט איין טויער נאָך דעם צווייטן: דעם מאָראַ־לישן, דעם נאַציאָנאַלן, דעם לאָגישן. אָבער מער ווי מסביר זיין האָט ער נישט געקענט. דער „טעם המצוות״ איז געווען זיין לעצטער גרענעץ. און דער שמש איז ווידער אַרומגעגאַנגען און אויסגערופן נאָך דעם שליסל.

שפּינאָזאַ האָט זיך אָפּגערופן. מיט שליסלען פון דער גאַנצער מערב־וועלט. סכאָלאַסטיש־מיטלאַלטערלעכע האַר־רינקייט פון דענקען און וואָרט־צעשפּאַלטן; די נייע אייראָפּעישע, דעקאַרטישע מעטאָדע פון דעם מאַטעמאַטישן באַווייז. זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט אין ווידער־שפּרוכן. געווען אין דעם „טעאָלאָגיש-פּאָליטישן טראַקטאַט״ אַ ראַ־ציאָנאַליסט, אַ היסטאָרישער קריטיקער, אַ מחיצה־צעשטערער. דערנאָך אַריבערגעשפּרונגען איבער דער מחיצה פון דעם קריטישן שכל און געוואָרן א מיסטיקער, דערהייבן זיך צו דער העכסטער מדרגה פון דעם מענטשלעכן דענקען און אבסטראַקציע. און צום סוף: „וואָס איז — איז״, „אהיה אשר אהיה״. נישט ווייטער, נישט מער.

דער יידישער גרונט־געדאַנק. בלויז אָן דעם אלטן יידישן לייטער, וואָס פירט צו אים, ווי דער „גאָלדענער לייטער״ אויף דעם באַרימטן בילד פון בוירן-דזשאָנס, וואָס הייבט זיך אָן אין דער לופטן.

און שפּעטער — און ווייטער — איינער נאָך דעם צווייטן, נחמן קראָכמאַל, לוצאַטאָ, בן המוזג, הערמאַן כהן — יעדער האָט זיך אונ־טערגענומען צו געפינען דעם שליסל, און יעדער האָט אים אויסגע־

באַרגט ביי אַנדערע, ביי די טויער־עפענער פון דער נישט־יידישער וועלט. קראַכמאַל ביי העגעלן, די איטאַליענער ביי די לאַטיינישע מיסטיקער, הערמאַן כהן ביי קאַנטן.

און דער טויער איז נאָך אַלץ פאַרשלאָסן.

א. מ. גערשענזאָן האָט זיך אויך געפּרוווט, און האָט זיך אויסגע־באָרגט דעם שליסל ביי די רוסן,ביים רוסישן שלאָסער, ביי די סלאַ־וויאַנאָפילן פון די זעכציקער יאָרן, ביי דאָסטאָיעווסקין.

פון אַלע שליסלען, וואָס מען האָט אויספּרובירט — דער מערק־ווירדיקסטער. איז אין דער מזרח־וועלט געווען דער לייט־מאָטיוו: דערגרייכן גאָט דורך מעשים, איז אין דער מערב־וועלט געווען דער גרונט־געדאַנק: געפינען גאָט דורך דעם שׂכל, האָט רוסלאַנד אַריינגע־טראָגן אַ נייעם ניואַנס: גאָט דורך ליידן. דער מענטש איז צעריסן, דער מענטש איז אָפּגעריסן פון דער גאַנצקייט, דאָס איז זיין „חטא הקדמוני", די ערשטע זינד, דערפון ליידט דער מענטש. און זיין באַ־שטימונג איז — ליידן, זיין צוועק איז — געפינען די גאַנצקייט, באַ־פרייען זיך אַליין — פון זיך, אָפּגעבן זיך אויף גאָטס גנאָד, אָפּזאָגן זיך פון זיין אייגענעם ווילן, און ווי אַ כוואַליע אין ים — פאַר־שלונגען ווערן פון דעם אָקעאַן.

און אָט דעם מאָטיוו האָט גערשענזאָן אַריינגעטראָגן אין זיין יידישן דענקען, אין זיין דענקען וועגן דעם יידנטום.

ער פרעגט: וואָס איז גלויבן, וואָס איז דער שליסל צו דער רעליגיע? און ענטפערט: „דער עצם פון אמונה, דער שליסל צום גלויבן איז דאָס פאַרבייטן דעם ווילן צו זיין פאַרשידן מיט דעם לעבן לויט דער ריכטיקער אידעע פון דעם מענטשנס בּירונג". דאָס איז פאַר אים דער תּוך, דער תּמצית פון דעם יידנטום. די וועלט איז פאַר אים אַ מין סיסטעם פון קאָנפליקטן. אויף דעם וועג פון דעם לעבן — דעם וועג צו גאָט — זענען פאַראַן גראַטעס און פאַרקאַנס. מען מוז זיי איבערשפּרינגען, מען מוז זיי איינגעמען מיט שטורעם. עס זע־נען פאַראַן שטענדיק, ווי ער דריקט זיך אויס, „עקספּלאָדירונגען". ווילן טרעפט זיך מיט ווילן — און עס עקספּלאָדירט. דער ווילן פון דעם מענטשן — און דער ווילן פון גאָט.

און דערפאַר איז די לעצטע, די העכסטע מדרגה, דער אידעאַ: „די פאַרשמעלצונג פון דעם וועלטווילן מיט דעם מענטשנווילן — דאָס איינסוערן פון מענטש און גאָט".

יידיש? ניין. שפינאָזא איז שוין געווען פיל, פיל יידישער, ווען ער האָט בכלל געלייקנט דעם מענטשלעכן ווילן, ווען ער האט בכלל אַרויסגעוואָרפן דעם ווילנמאָטיוו פון דער פילאָזאָפיע און פון דער העכסטער רעליגיעזיטעט. קאָנען זיין ציויי ווילנס? און ווי קומט דער מענטש, אָט די „רמה ותולעה”, די איינטאָגפליג, צו האָבן אַן אייגענעם ווילן, וואָס זאָל זיך קאָנען מעסטן מיט דעם וועלטווילן?

און וואָס הייסט דאָס בכלל וועלטווילן? און מענטשנווילן? איך וויל דען? עס ווילט זיך אין מיר? און אָט דאָס „עס” איז דאָך דער לעצטער סוד.

גערשענזאָן איז נישט געווען קיין צו טיפער דענקער, כדי אָפּ־צושטעלן זיך אויף דידאַקטישע פראַגן. און עס האָט קיינער אויך פון אים נישט דערוואַרט קיין שארפן אַנאַליז, ווי עס דערוואַרט קיי־נער נישט קיין נייע פילאָזאָפיע פון דעם רוסנטום. עס איז אַ דענקען מיט און פון לײַדן. און אמאָל אויך מיט היסטעריע.

מען האָט נישט געפונען דעם „שליסל” אין אלעקסאַנדריע, מען האָט אים נישט געפונען אין קאָרדאָווע אָדער אין אַמסטערדאַם, אָדער אין בערלין. און עס וואָלט געווען אַן אומזיסטע אַרבעט צו זוכן אים אין מאָסקווע.

און מעגלעך, אַז מען וועט אים קיינמאָל נישט געפינען — אפילו נישט אין ירושלים.

אָדער — ווער ווייסט? — אין שפעטערע טעג, ווען דער ייִדי־שער מענטש וועט ווידער קומען צו זיך, ווען ער וועט נאָכאַמאָל זיך איינלעבן מיט דעם סיני — וועט מען דאָרט געפינען אויפסניי דעם שליסל, און נאָכאַמאָל אין אַ ברענענדיקן דאָרן, אויב ער איז נאָר נישט צעשמאָלצן געוואָרן פון דעם פייער.

און דערווייל גייט אַרום דער אַלטער יידישער שמש איבער אַלע שטעט און אַלע גאַסן — די אַלטע, די ענגע, די מיט קדושה אָנגעפילטע, און רופט אויס מיט אַ שוואַכן זקן־קול: „פאַרלוירן גע־גאַנגען אַ שליסל”! אַ פאַטעטישע פיגור!

# אין וועמענס נאָמען?

פון די וואַלד-באַוואַקסענע בערג אין טראַנסילוואַניע, פון די פלאַכן פון אונגאַרן, פון דייטשלאַנד — פון אומעטום — דערטראָגט זיך חידער דער אלטער, צעבראָכענער יידישער קרעכץ. און פון אלע שפּעלטעלעך פון דער ערד, — ווי נאָך אַ ווולקאַן-אויסברוך אַ ברענענדיקע, זידנדיקע לאַווע, — שנאה, האס צו יידן.

קיין לאַנד איז נישט זיכער. היינט דאָ, מאָרגן דאָרט. אין אונגאַרן, אין רומעניע הרגעט מען היינט — אין דייטשלאַנד טראָגן פאָלקספאַר־טרעטער אריין פּראָיעקטן — און גאַנץ ערנסט — אַז מען זאָל אלע יידן פאַרשפּאַרן אין אַ געטאָ, אָנטאָן זיי שענדלעכע מלבושים, קאָנפיסקירן זייער אייגנטום. דער פּראָטעסטאַנטיזם האט איבערגענומען די ראָלע פון דעם אַמאָליקן קאַטוילישן פאַנאַטיזם. ער האט פאַרענדיקט דעם ציקל פון דער אַנטוויקלונג: דורך דער שנאה צו רוים — צו דער שנאה צו ירושלים. אזוי אין דייטשלאַנד, אזוי — באַלד, באַלד אויך אומעטום, ווו דאס קריסטנ־טום האלט ביים אונטערגיין.

ביים אָנהייב -- ביים סוף: דער אייגענער מאָטיוו. און מיט דעם אייגענעם אימפּעט. עס קאָן זיין, אַז דאס איז אַ מין גייסטיקע קראַנקהייט. די פּסיכיאַטאָרן וואָלטן עס אָנגערופן „ענדעמישער פּסיכאָז”. אַזוי איז עס געווען ערב די קרייצצוגן, אזוי אין שפּאַניע פאר דעם גירוש — אזוי אין רוסלאַנד אין דער פּאָגראָם-צייט. און קיינער קאָן נישט אָפּשטעלן די פּסיכישע עפּידעמיע. קיינער וויל נישט.

גוט — אַ פּסיכאָז פארגייט. שווערער און לאַנגזאַמער, ווי אַן אַנדער עפּידעמיע, אָבער דאָך. עס קומט אַ צייט פון מידקייט, פון באַרויקונג. און נאָך דעם שטורעם — שטילקייט.

אָבער דערווייל? אפשר וועלן אונדזערע קינדער, אונדזערע אייניק־

לעך זיין גליקלעכער פון אונדז — פונקט ווי אונדזערע טאַטעס, אַ טייל פון זיי ווייניקסטנס, די טאַטעס פון די היינטיקע מערב-אייראָפּעישע און אמעריקאַנישע יידן זענען געווען גליקלעכער און רויקער פון זייערע קינ־דער.

אָבער מיר? עס איז דאָך אונדזער וועלט און נישט קיינעמס. מיט אונדז פאַרגייט אַלצדינג. וואָס עס זאָל נישט זיין נאָך אונדז — אַן אידילישע גרינקייט אָדער אַ פאַרפלייצנדיקער מבול — אונדזער לעבן איז אונדזערס. און מיר, נאָר מיר אַליין דאַרפן געפינען פאַר אונדז אַ זין און אַ ציל און אַ וועג.

פון יאָרן און יאָרן מיען מיר זיך צו געפינען דעם זין פון אונדזער לעבן און אונדזער ליידן, און קאָנען אים נישט געפינען. יעדער פון אונדז — אויף זיין אופן — קלאַפּט אין אַלע טויערן, און קיין איינציקער עפנט זיך נישט פאַר אונדז. פאַרשלאָסענע טויערן, אָן אַ שליסל צו זיי. און אָן כוחות זיי אויפצוברעכן.

*   *

*

איך ווייס — עס איז נוצלאָז דערפון צו רעדן. אָבער פאַרוואָס נישט פאַרוואָס זאָל נישט יעדער ייד, ווו ער זאָל נישט זיין, פילן אין זיין האַרץ אַ ווייטיק און אַ טיפן טרויער? פאַרוואָס זאָל דער ייד פ אַ ר ג ע ס ן? און פאַרוואָס נישט אויסנוצן די צייט פון דעם אומגעהייערן קריזיס, וואָס מיר לעבן איצט דורך — פאַר אַ טיפן אַנאַליז פון אַלע אונדזערע ווערטן, אַ מין אויפנעמען פון דעם אינווענטאַר פון אונדזער גייסטיקן און מאָראַ־לישן פאַרמעגן?

איך וויל נישט דאָ אַריינגיין אין דעמדאָזיקן אַנאַליז. אַן אַנדערע אַטמאָספערע איז נייטיק, און אַן אַנדער סביבה, אַ סביבה פון דערהויבנקייט פון גייסט, אַ סביבה פון שטילקייט און ערנסטער, הייסער, רעליגיעזער באַציונג צום לעבן.

רעליגיעזער? דאָס וואָרט האָט זיך אַרויסגעגליטשט כמעט אָקעגן מיין ווילן. ווייל איך בין אַליין גאָרנישט פּאַרטיק מיט אים, ווייל עס האָט זיך נאָך נישט אויסגערייפט און אויסגעקריסטאַליזירט אין מיין אייגע־נעם דענקען. און דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן געבן — זענען בלויז ראשי-פּרקים, פראַגמענטן, כוונות און דענק-ווילן, נישט אָבער רעזולטאַטן.

פון יאָרן און יאָרן קעמפן מיר — די מאָדערנע יידישע אינטעלי־גענץ — מיט דעם פּראָבלעם, און קאָנען אים נישט בייקומען. די פריער־

דיקע, די, וואָס זענען געווען פאַר אונדז, די „משכּילים", די מענטשן פון דער השכלה, האָבן געהאַט א גרינגערע אַרבעט. זיי האָבן געגלויבט אין זייער אידעע, זיי זענען געווען זיכער מיט זיך און מיט דער אמאָליקער וועלט. זיי זענען דאָך, אייגנטלעך, געווען זייער רעליגיעזע יידן—אָט די אַלטע אַסימילאַנטן, אָט די „אַפּיקורסים". זיי האָבן געמיינט, אז זיי זענען „לייקענער" — אָבער עס איז געווען בלויז אַ לייקענען פון פאָרמען, פון היסטאָרישע טראַדיציעס — און דאָס אויך נישט אינגאַנצן, דאָס אויך מיט אַ מין באַדויערן — אָבער אין דעם „עיקר" האָבן זיי נישט געלייקנט. זיי האָבן בשלמות געגלויבט, אַז יידן האָבן צו דערפילן אַ מיסיע, אַז זיי דאַרפן פאַרשפּרייטן ליכט איף דער וועלט, ברענגען דעם אמת; אַז זייער לעבן, דאָס לעבן פון דעם פאָלק און זיין ליידן האָט אַ זין און אַ ציל.

„ווי ל מען געפינען אַן ערלעכן יידן — דאַרף מען אים זוכן צווישן די אַלטע אַפּיקורסים", — פלעגן אַמאָל זאָגן אונזערע יידן. אפשר האָבן זיי עס געמיינט איראָניש. אָבער אין דער איראָניע איז געווען א מין שטילער אָפּגעגעבן כבוד. ביידע צדדים האָבן געוווּסט, אַז דער וועג איז דער אייגענער. אַז אין דער געטאָ און אויסער דער געטאָ ווערט געטאָן איין אַרבעט: דינען אַ שליחות. און די, וואָס זענען געשטאַנען אויסער דער געטאָ, האָבן נאָך טרייער געדינט, ווי די פון אינעווייניק.

די אַלטע אַפּיקורסים! אַ שאָד, וואָס זיי זענען פאַרשוווּנדן און קיינעם נישט איבערגעלאָזט אויף זייער אָרט. געשטאָרבן אָן יורשים. מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס זענען שוין גאָר נישטאָ מער קיין אַפּיקורסים אין דער יידישער וועלט, — ווייל, ווייל עס זענען שוין נישטאָ קיין גלויביקע.

געוויס, — עס קלינגט ווי א משונהדיקער פּאַראַדאָקס. מען דאַרף אַרויסגיין אויף איסט=בראָדוויי אָדער אויף אַן אַנדער „יידישער" גאַס, ווו עס זאָל נישט זיין — אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע — און איר וועט דערזען בערד און אפילו פאות, שבת אַפילו אַ צילינדער אויפן קאָפּ פון אַ שמש, און אָפט אויך אַ שטריימל אויף אַ רבי צי א רבין. אַלצדינג איז נאָך דאָ — אָבער בלויז ווי אין אַ מוזיי, אין א גלעזערנעם קאַסטן, אַמאָל אויך אונטער ספּירט.

עס איז געבליבן א יידישע באָרד, א יידיש פּנים. אָפט אויך אַ קלאַנג פון א יידישער שפּראַך, אָבער נישט מער. נישט די באָרד פּאַסט מער צו דעם פּנים, און נישט די שפּראַך צום געדאַנק. עס

איז נישט מער טראַדיציע — עס איז שוין נישט מער ווי אינערציע. אַזוי אינערט — אז קיינער קעמפט שוין גאָרנישט — נישט פאַר און נישט אַקעגן. א מין שטילער אָפּמאַך, נישט צו שטערן דעם סדר און נישט אַרויסצוזאָגן איינער דעם אַנדערן דעם ביטערן אמת. אַזוי איז שוין אָנגענומען ביי דער וועלט. איז אַ חולה מסוכּן קראַנק, האָפענונגסלאָז — באַמיען זיך אַלע אַרום אים צו שמייכלען, טרייסטען אים, אויסמאָלן אים, ווי ווּנדערבאַר דאָס לעבן וועט זיין, ווען ער וועט ווידער געזונט ווערן. און דער חולה גלויבט נישט — ער פאַרטויבט בלויז אין זיך דעם ספק. ביז עס קומט די קאַטאַסטראָפע און דער סוף.

מיר הערן אין דער לעצטער צייט רעדן פון דער יידישער רע־ליגיע. „רעליגיעזע דערציונג", — שרייען די אַמעריקאַנישע אַדוואָקאַטן הייזעריק אין פאַרזאַמלונג. „די יידישע אמונה איז אין סכּנה" — איכהנען זיך פאַרשידענע שליחים פון יענער זייט. און מען מאָלט אונדז אויס שרעקלעכע בילדער: „אויס גאָט, אויס יידן, אויס מענטשן. אַ כאַאָס, אַ חורבן, אַן אונטערגאַנג. און מען שלאָגט פאָר מיטלען, און מען זאַמלט געלט פאַר דורכפירן דיראָזיקע מיט־לען. מען זאַמלט געלט — צו ראַטעווען גאָט.

און איך פרעג זיך תּמיד — ווען איך הער דיראָזיקע גאָט=אַד־וואָקאַטן: אין וועמענס נאָמען רעדן זיי? וואָס ווילן זיי? זענען די ביטערע יאָרן פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיי און נישט איבערגעלאָזט קיין שום שפּור? האָט זיך אין זייער מוח נישט איינגעגבערט דער בייסנ־דיקער ספק, פילן זיי דען נישט דעם גרויסן ווייטיק פון דעם יידן, וואָס האָט מיטאַמאָל דערזען די צעשטערונג פון אַלע זיינע אילוזיעס און האָפענונגען און דערוואַרטונגען?

מיר זענען פיל פאַרשטענדלעכער, פיל מענטשלעך, געדאַנקלעך עמאָציאָנעל נעענטער די יידן פון אוקראַינע און פון אומעטום, וואָס זענען נאָך די שרעקלעכע נסיונות, וואָס דאָס יידנטום האָט איבערגע=לעבט אין די לעצטע יאָרן, געקומען צו אַ פולשטענדיקן יאוש און געפרעגט זיך: אין וועמענס נאָמען ליידן מיר, פאַרוואָס און צוליב וואָס?

איינמאָל מוז דאָך יידן שטעלן אַזאַ פראַגע. און אַן ענטפער מוז געגעבן ווערן. די פראַגע אַליין איז שוין אַן ענטפער. ווייל זי

איז א צוגרייטונג, ווייל זי איז אַ באַנייונג און אַן אויפפרישונג פון דעם פארשטיינערטן יידישן געדאנק.

פאַר די יידן פון אמאָל — די יידן פון אלע גירושים, די יידן פון שפאַניע און פון ת״ח — איז דאָס אויך געווען א פראָבלעם. זיי האָבן אויך נישט געקאָנט שלום מאכן צווישן דער יידישער אידעע פון א וועלט=גערעכטיקייט און א וועלט־זין און דער ברוטאלער, זינלאָזער ווירקלעכקייט. אבער איינס האָט זיי געהאָלפן אין זייער גייסטיקער נויט — געהאָלפן זיי ארויסדרייען זיך פון אַ קלאָרן ענטפער: דער רעליגיעזער פאנאטיזם פון די שונאים.

אמת — דאָס איז אויך געווען אַ פיקציע. נישט טאָרקוועמאַדאָ איז דער איינציקער שולדיקער אין דעם גירוש־שפאַניע. ״אַנדערע — עקאָנאָמישע, סאָציאלע, פאָליטישע — מאָטיוון זענען געווען פיל שטאַרקער. די „קרוין״ האָט באַדארפט ברעכן דעם אדל, דער פעאָדאליזם, האָט זיך גענייטיקט דערצו אין געלט, און האָט זיך באַנוצט מיט דעם רעליגיעזן מאָטיוו, כדי צו קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס פון די רייכע יידן. סאָציאַלע מאָטיוון האָבן אויך געבראַכט די כמיעלניצקי־פאָגראָמען. אָבער דאָ און דאָרט איז געוועזן אַרומגעהאַנגען אַ רעליגיעזמענטעלע. איין אמונה אקעגן דער צווייטער — אַ מין „מלחמת ה׳״ — אַ קאַמף פאַר גאָט. און די יידן — ווי די קריסטן — האָבן זיך געלאָזט איינרעדן, אַז די פיקציע איז אַ פאקט. און סוף כל סוף — אַלצדינג איז פיקציע און אַלצדינג איז פאַקט - עס איז געווענדט בלויז אין דער ווירקונג. דאָס מענטעלע איז צעריסן געוואָרן. די פיקציע איז צעשטערט ביי יידן און ביי דער גאַנצער וועלט.

דאס איז דאָך אויך די טראגעדיע פון די מאָדערנע אַנטיסעמיטן. זיי ווייסן דאָך אויך נישט — פאַרוואָס זיי האָבן פיינט די יידן. עפּעס אין זיי האָט פיינט — אָבער זיי ווייסן אליין נישט ווי אַזוי עס צו באַגרינדן. מענטשן האָבן ליב זיכערקייט. זיי ווילן זיין איבערצייגט. און דער מאָדערנער אנטיסעמיט איז אַליין נישט מער איבערצייגט. נעמט, למשל, אַ היינטיקן דייטשן ראַסן=אנטיסעמיט. ער אַליין איז נישט מער קיין קריסט — דער פראָטעסטאַנטיזם האָט פון אים אויסגעוואָרצלט דאָס ביסעלע קריסטנטום, וואָס ער האָט פארמאָגט. ער האָט נישט קיין רעליגיעזע באַציונג צום לעבן, ער קעמפט נישט אַקעגן דעם יידן צוליב אַ וועלטאָנשויונג. און ווייל ער אַליין ווייסט

נישט וואָס ער באַקעמפּט און פּאַרוואָס — ווערט ער אַזוי ווילד, אַזוי ביטער. אַזוי באַרבאַריש. עס ווערט אַ פּסיכאָז פון ווערטער.

דער אַנטיסעמיט ווייסט נישט. און דערפאַר ווייסט אויך דער ייד נישט. דער ייד — דער היינטיקער, דער טראַדיציאָנעל-לעבנדיקער און טראַכטנדיקער, גלויבט אויך נישט מער, אַז ער פירט אַ קאַמף פאַר גאָט. איינער איז אַ רודף — פון געוויינהייט, דער צווייטער אַ נרדף פון געוויינהייט. און אַ פּראָגנעצייכן שטייט פאַר ביידן.

* *

*

צוגעגעבן — אַז מיר ווילן זיין אָפּטימיסטן. לאָמיר גלויבן, אַז די געשיכטע ווידערהאָלט זיך נישט, אַז עס וועט נישט גערויטן אַלע ווילדע און שוואַרצע מחנות אַריינצוטרייבן צוריק דעם יידן אין דער געטאָ. לאָמיר גלויבן, אַז דער שטורעם וועט באַלד איינגעשטילט ווערן און עס וועט ווידער זיך אומקערן אַ נאָרמאַלע צייט. הייסט עס, ווייטער דאָס אייגענע? די אייגענע ייִד, די אייגענע פּאָרמולעס און קיין איינציקער נייער, פרישער געדאַנק? הייסט עס — זינלאָזיקייט, צוועקלאָזיקייט?

עס ווייזט אויס אַזוי. מיר זעען נישט קיין סימנים פון אַ באַנייונג. נאָך ת"ח זענען זיי געווען, און נאָך שפּאַניע. אַ צייט פון מיסטיציזם, פון אַ טיפער רעליגיעזער אויפשטורעמונג, צעשטערונג פון אַלטע ווערטן און שאַפונג פון נייע. דאָס אַלטע, ראַציאָנאַליסטישע יידנטום איז באַזיגט געוואָרן פון דעם נייעם, מיסטישן, אין אַלטע, זיין פּרימיטיווע פאָרמען. אָבער אַן אָנהייב איז עס געווען, אַ צוזאָג.

וואָס קומט איצט? אַ וואַסערדיק־ענגליש־פּראָטעסטאַנטיש=געפאַרבט יידנטום, וואָס ווערט פּראָפּאַגאַנדירט אין אַמעריקע, אָדער אַן א"ב=יידנטום, ווי מען בענקט נאָך אים אין רוסלאַנד?

איך שטעל פראגן, נישט מער. פראַגן שרעקן, ענטפערס באַרויקן. און איך וויל נישט קיין באַרויקונג, קיין צופרידנקייט, קיין שלום מאכן מיט דעם פאַקט. ליידט דער יידישער גוף — זאָל אויך די יידישע נשמה ליידן. עס איז אַ שעפעריש ליידן.

עס איז אַ צייט צו פרעגן, צו שטעלן די ברענענדיקסטע פראַגע: „אין וועמענס נאָמען?" און אויב אַפילו די צייט פון ענטפערן איז נאָך ווייט — אינם פרעגן איז לעבן.

# דער שווערער וועג.

דאַרף מען חרטה האָבן? זאָלן מיר עס באַדויערן? מיט די אייגענע הענט גענומען און צעשטערט אַ זעלטענעם שאַנס, אָפּגעשטויסן אים מיט ביידע הענט. „ניין" — און וואָס פאַר אַ ניין! מיט אַ רוגז, מיט אַ כּעס, מיט אַ היסטעריע, גלייך ווי מען וואָלט אונדז צווינגען צו פאַרקויפן די נשמה.

און די, וואָס האָבן עס אונדז אָנגעבאָטן — האָבן אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. „איר ווילט נישט, דאַרפט נישט, איז נישט געפידלט. זייט נישט אַזוי אויפגערעגט — און בייזערט זיך נישט. מיר האָבן געמיינט אייער טובה. מיר האָבן גערעכנט — איר גייט אַרום און זוכט אַ היים, חלומט וועגן אַן אייגן לאַנד, ווילט זיך אַרויסרייסן פון דעם גלות, ווערן פריי, זיצן ביי זיך, צווישן זיך, מיט מענטשן גלייך. מיר האָבן געזען אייער טראַגעדיע. איר רייסט זיך צו אַ לאַנד, וואָס איר קאָנט נישט באַקומען. דער טערק האָט עס אין זיינע קלעפּעדיקע הענט. און זאָל דער טערק עס אַרויסלאָזן — שטייט רוסלאַנד ביי די טויערן פון די דאַרדאַנעלן, שטייט דער דייטשער קייזער און פאָכט מיט דעם שווערד — שטייט דער פּויבסט מיט דעם גלעקל און איז גרייט אויסצוקלינגען דעם סיגנאַל צו דער גאַנצער קאַטוילישער וועלט. מיר האָבן געזען — עס איז אַ חלום, און האָבן זיך געטראַכט: איר ווילט אַ לאַנד — מיר גיבן אייך אַ לאַנד. נישט דווקא פּאַלעסטינע, אָבער אַ לאַנד, וואָס איז אין עצם בעסער. אמת, עס איז ווייט — אין אַפריקע, אָבער וואָס איז די נפקא-מינה! וואָס ווייטער, איז דאָך בעסער! אמת, עס איז הייס — אָבער נישט פיל הייסער ווי אין פּאַלעסטינע — און אפשר געזינטער. אין בכלל — דער, וואָס זוכט אַ היים — און אַרבעט — און אַ נייע אַטמאָספערע — שרעקט זיך נישט פאַר ווייט-

קייט און איינזאַמקייט און אומבאַקוועמלעכקייט. קוקט אויף אווסטראַליע. האבן זיך אפשר די אווסטראַלישע קאָלאָניסטן אָפּגעשטעלט פאַר דער דרייוואָכעדיקער רייזע איבער דעם אָקעאַן — און פאַר דעם אווסטראַלישן קלימאַט? און האבן זיך די בורן געשראָקן — און די ענגלענדער — אין אלע ווייטסטע, פארוואָרפנסטע קאָלאָניעס? מיר האבן אייך געוואָלט געבן אַ גוט לאנד — מיר האבן געוואלט אייך געבן גאראנטיעס — וועט איר זיך דאָרטן באזעצן און פארמערן — וועלן מיר אייך געבן אויטאָנאָמיע, דערנאָך וועט איר אפשר ווערן א „דאָמיניע" ווי קאנאַדע, ווי אווסטראַליע, מיט אַן אייגענער אַדמיניסטראַציע, מיט אייגענע געזעצן — און גלויבט מיר, עס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט צו זיין אַ שותף צו דער ענגלישער אימפעריע. אבער איר האט אפילו נישט געזאָגט קיין דאַנק — פארקערט, איר האט געמאַכט אַ געוואַלד, גלייך ווי מיר וואלטן אייך געוואָלט אויסכאַפּן, ווי „פּאָימאַניקעס", און פארשיקן אייך קיין סיביר! אַ מערקווירדיק פאָלק זענט איר".

אזוי אומגעפער האט געקאָנט, האט געזאָלט רעדן דזשאָו טשיימבערליין צו די יידן, נאָכדעם, ווי ער האט זיי פאָרגעשלאָגן אוגאַנדע און האט באַקומען אַזאַ שארפן, אַזאַ היסטאָרישן אָפּזאָג.

און אויב אָסטען טשיימבערליין — דער זון — דערמאָנט זיך נאָך אין פאָטערס אָנבאָט, וואלט ער אויך געקאָנט אין אַ שמועס מיט די ציוניסטישע פירער זאָגן מיט אַ שמייכל: נאט. זעט, וואס איר האט פארזאַמט! לייענט די לעצטע אָפיציעלע — און אומאָפיציעלע — באַריכטן פון אוגאַנדע: אין עטלעכע יאָר איז פון דעם פריער כמעט וויסטן לאנד געוואָרן אַ ישוב. טשערעדעס שאָף פּאַשן זיך אויף די בערג פון אוגאַנדע — מער שאָף, ווי עס איז אַמאָל געווען אויף דעם גלעד - און די שאָף גיבן וואָל ביז זיבעציק מיליאָן פונט אַ יאָר. און דאס איז דערווייל, ערשט אַפּאָר יאָר נאָך דער מלחמה, נישט קוקנדיק דערויף, וואס די ווייסע באַפעלקערונג איז דאָרט נאָך קנאַפּ; עטלעכע ענגלישע מיסיאָנערן — אַ פּאָר הונדערט, אָדער אַ פּאָר טויזנט ענגלישע קאָלאָניסטן. אָבער וואַרט. דער קלאַנג פון דער שאָף און דער וואָל, און דעם גאָלד, וואס איז פארבאָרגן אין דער וואָל — וועט זיך פארשפּרייטן. עס וועלן זיך אָנהייבן ציען אַהין קאָלאָניסטן, דאס לאנד וועט אנטוויקלט ווערן - און ווער ווייסט, צי עס וועלן זיך נישט אַ לאָז טאָן אַהין אויך יידן — אבער דעמאָלט וועט דאס לאנד זיין

פארשלאָסן פאר זיי, ווייל וואָס אַן ענגלענדער פארכאפט — האלט ער פאר זיך.

און דאס אַלץ וואלט איר געקאָנט האבן! טוט אייך נישט באַנג - אייך, וואס איר האט דעמאָלט אויף דעם „אוגאַנדע=קאָנגרעס" געשטימט „ניין" מיט אַזא אימפעט און אַזא התלהבות?

און ווען אָסטען טשיימבערליין וואלט מיר געשטעלט אַזא פראַ= גע — וואס וואלט איך אים געענטפערט? „יאָ" — און „ניין".

יאָ — עס טוט מיר באַנג. יאָ, מיר האבן אָפּגעלאָזט אַ גע= לעגנהייט, וואס וועט זיך אפשר קיינמאָל נישט אומקערן. עס וואלט זיכער געווען בעסער פאר אונדז — ווען מיר וואָלטן דעמאָלט אָנגע- נומען דעם אָנבאָט פון ענגלאַנד. מיר וואלטן שוין היינט געהאט אַן אייגענעם יידישן ישוב פון אַ פאָר הונדערט טויזנט מענטשן — עס וואלט שוין נישט געווען קיין פראַגע פון זוכן אַן „עיר מקלט" — עס וואלט נישט געווען קיין מאַסן=עמיגראַציע קיין אמעריקע אין די יאָרן פון 1905 ביז 1914. יידן וואלטן געפאָרן „צו זיך" — מיר וואָלטן שוין היינט אפשר געהאט דעם דאָמיניע־סטאַטוס — און די מיליאָנען שאָף וואלטן געווען אונדזערע.

יאָ — און ניין. ניין! ווייל עס איז גוט צו פארלירן אַ שאַנס, ווייל עס איז גוט — נישט צו גיין אויף דעם גרינגן וועג, ווייל דער בעסטער וועג איז נישט דער קורצער, נישט דער גלאַטער, נישט דער קלאָרער, נאָר דער לענגסטער, דער שטויביקסטער, דער טונקלסטער, דער וועג — וווּהין דער שכל פירט ג י ש ט.

וואָרים ווייסט איר פארוואס מענטשן האבן דערגרייכט דאס, וואס זיי האבן דערגרייכט? ווייסט איר פאַרוואס מיר טראָגן שוין נישט מער קיין נאָז=רינגען און קיין ציגן=פעלן, פארוואס מיר ווינען נישט מער אין קיין היילן אָדער אויף דיביימער, ווי די אַמאָליקע שטיינ- צייט־מענטשן? אפשר דערפאר וואס מיר לעבן לויט דעם שכל? וואס פאר אַ פאַטאַלער טעות! וואס איז דען דער שכל? דער כוחות־עקאָ־ נאָם. דער שכל קאָנטראָלירט אונדזערע הוצאות. ער הייסט אונדז תמיד שפּאָרן — עקאָנאָמיזירן — קיינמאָל נישט ריזיקירן. זיי, ווי דו ביזט — בלייב, ווו דו שטייסט. זיץ אינדערהיים און לעב זיך רויק, יאָג זיך נישט נאָך קיין פייגעלעך אין הימל — אזוי זאָגט דער שכל און וואָרנט — און רעדט אזוי קלאָר און האט אזעלכע גאָלדענע ראיות — און באַווייזט מיט לאָגיק, מיט אותות ומופתים, אַז עס איז בעסער

ניִשט צוּ טאָן ווי צוּ טאָן, אז אויף ניִשט גייִן זאָל מען קיין חרטה ניִשט האבן — אַז מען דארף תּמיד אָנבויגן ידעם קאָפּ, צופּאַסן זיך, זייִן צעפרידן מיט דעם, וואס מען האט. ער פּרעדיקט — קאָנסערוואַטיזם, פּוילקייט, אינערציע.

קומט דער מענטש און טוט פּונקט קאַפּויער. וואָס דער שכל הייסט ניִשט — וויל ער דווקא יאָ. צוּ וואָס דער שכל גיט זייִן הסכּמה — גיט ער זייִן „וועטאָ". ער ווייסט, אַז אין עצם איז דער שכל גערעכט — אָבער ער קאָן אַזוי ניִשט לעבן. ווייל וויכטיקער ווי דאָס לעבן — איז דער זין פון דעם לעבן, דער צוועק, די אילוזיע. עס איז זיכערער צוּ זיצן אינדערהיים, אויף דער יבשה, ווי צוּ פאָרן אין אַ קליינעם, הילצערנעם מולטער, מיט אַ פּאָר ליוונטענע שמאַטעס באַדעקט, אויף אַ שרעקלעכן ים. ווער ווייסט דאָס ניִשט?

אָבער די פעניציער און די גריכן האָבן זיך ניִשט דערשראָקן. עס איז טאַקע זיכערער — אָבער אויך לאַנגווייליקער. און מען איז אַוועק פון דער וואַרעמער, זיכערער צדון אָדער צור און פון די איילבערטן און ווייִנטרויבן פון קאָרינט — אויף די ווייטע ימען — געקויפט־פאַרקויפט, געראַבעוועט, געפאָרשט. און איז מען דערטרונקען געוואָרן — מילא — פריער אָדער שפּעטער שטארבן, וואָס איז דער חילוק? און קאָלומבוס האָט זיך ניִשט געשראָקן — און גאַליליי האָט זיך ניִשט דערשראָקן — און קיינער ניִשט — קיינער ניִשט פון די, וואָס האָבן געוואַגט און ריזיקירט און דערגרייכט.

דערנאָך קומט דער שכל — אויפן פאַרטיקן — ווי די עקאָנאָמקע מיט די שליסלען, און וויל ווידער פאַרשפּארן, פאַרשליסן, איינזאַלצן און באַוואָרענען. און ווידעראַמאָל לאַכט זיך דאָס לעבן אויס פון אים — און גייט זיך זייִן וועג — צום אונטערגאַנג אָדער צום זיג — יעדנפאַלס אָבער צוּ דער גרויסער אַוואַנטורע.

און ווער זאָגט עס, אַז יידן זענען דאָס פאָלק פון שכל? ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אז יידן זענען ראַציאָנאַליסטן?

אויב עס איז פאַראַן אַ מענטשן־טיפּ, וואָס איז דער היפּוך פון דעם שכל־אונטערטאַן — איז דאָס דער ייד! אַלצדינג, וואָס ער טוט — איז אַקעגן שכל — אַקעגן דעם „געזונטן פאַרשטאַנד". ער איז די אומלאָגישסטע באַשעפעניש אויף דער ערד. דער שכל — דער געזונטער פאַרשטאַנד — הייסט גרינגער מאַכן דאָס לעבן. וואָס טוט דער ייד? — ער טראַכט אויס אַלע מיטלען און וועגן — זיך

און אַנדערע שווערער, זויערער מאַכן די עקזיסטענץ שוין אין דעם רעליגיעזן לעבן. זיין אייגענער שכל האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז פאַר אַלע מענטשן בכלל — פאַר די בני נח — זענען גענוג זיבן מצוות, פאַר אַנדערע — אָבער נישט פאַר זיך אַליין. זיך האָט ער אָנגעלאָדן מיט אַן איבערמענטשלעכער משא און האָט נאָך אַלץ געוואָלט, נאָכמער פאַרלאַנגט — מער־מער צו טראָגן, מער צו ליידן.

דער שכל האָט פאַרלאַנגט — שלום מאַכן מיט דער אַרומיקער וועלט, זיך אויסגלייכן מיט איר. יאַזאָן, אַריסטאָבול זענען געווען ראַציאָנאַליסטן. און פון דעם ריין־לאָגישן שטאַנדפונקט זענען אַלע העלעניסטן און אַלע אַסימילאַציע־דרענגער געווען גערעכט, מער ווי גערעכט. הערט זיך בלויז איין אין דעם אַלטן דיאַלאָג צווישן יידנטום און דער געשיכטע. די געשיכטע באַווייזט אים, אַז עס איז אוממעגלעך, אומדענקבאַר, אומפאַרנינפטיק, אַז אַ מינאָריטעט זאָל זיך אַוועקשטעלן אַקעגן אַ מאַיאָריטעט, אַז איינער זאָל תמיד וועלן זיין גערעכט קעגן אַלע. און וואָס ענטפערט דאָס יידנטום? „איך וויל אַזוי", אָדער „גאָט וויל אַזוי" — און אין ביידע ענטפערס דער אייגענער אומלאָגישער, אירראַציאָנאַלער, פאַרעקשנטער אויפשטאַנד אַקעגן דעם שכל, אַקעגן דעם, וואָס איז ניצלעך פאַר דעם לעבן.

און ווייל אַקעגן דעם שכל — האָט דאָס יידנטום זיך געהאַלטן. און אָפּגעלאָזט איין „שאַנס" נאָך דעם צווייטן — און איז גרייט אָפּצולאָזן נאָך שאַנסן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָס געווען אוגאַנדע מיט דער אויטאָנאָמיע און מיט די שאָף. איצט איז עס די „רוסישע קאָלאָניזאַציע" מיט אירע צוגעזאָגטע גליקן. מיט דער מעגלעכער אויסזיכט אויף אַ „יידישער סאָוועטרעפּובליק" אין „ס. ס. ר. ר.", מיט די געריכטן אויף יידיש און אַן אַדמיניסטראַציע פון לויטער קאָמסאָמאָלצעס, מיט לענינס ביכער אויפן אָרט פון דער אַלטער יידישער קולטור, און משה טייטשס לידער אויפן אָרט פון יהודה הלוי און איבן גבירול, און ליטוואַקאָווס אַרטיקלען — במקום דעם זוהר.

איך לייקן נישט — אַ וווּנדערבאַרע פּערספּעקטיוו. און איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, פאַרוואָס אונדזערע „קלוגע יידן", אָט די, וואָס פאַרשטייען אַלצדינג בעסער, וואָס ווייסן אַלצדינג קלאָרער, וואָס דענקען בלויז אין טערמינען פון דעם געזעצבוך אָדער דעם קאָנטאָבוך, פאַרוואָס זיי זענען אַזוי געוואַלדיק באַגייסטערט פאַר דעם פּראָיעקט פון דער רוסישער קאָלאָניזאַציע. דער „שכל" צווינגט זיי. דער שכל,

וואָס רופט צו זיצן דאָרט, ווו מען זיצט, צו טאָן דאָס גרינגסטע, צו באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס די האַנט קאָן דערגרייכן; דער שכל, וואָס איז אַקעגן יעדער גרויסער, פאַנטאַזיעפולער, קאָליר-רייכער, רי־זיקאַלישער, שעפערישער אַרבעט.

* * *

דער שכל זאָגט „יאָ" — ווי צו אוגאַנדע. קילער — אָן ענ-טוזיאַזם — ווייל אַפילו דער שכל איז אויך אַביסל סקעפּטישער גע־וואָרן צו זיך. ער האָט זיך אַזוי אָפּט באַנאַרישט!

אָבער דער אַלטער, דער צינדנדיקער פונק — דער „נר תמיד", פלאַקערט אויפסניי און פלאַקערט ווידער — און רופט אויף אַן אַנ-דער וועג. אַ שווערן, אַ געפערלעכן, אַ דאָרנדיקן. עס וועט קאָסטן גאָלד און כוחות און מענטשן. מען וועט האָבן צרות מיט די הייסע אַראַבער און מיט די קאַלטע ענגלענדער — מען וועט זיך רייסן מיט אַ גאַנצער וועלט, מען וועט גיין צו אַ דין-תורה מיט דער מאַנדאַט-מאַכט, פריער אָדער שפּעטער — עס וועט נאָך לאַנג-לאַנג געדויערן ביז עס וועט זיך עפעס אויסקריסטאַליזירן, אָפּזעצן, איינאָרדנען. אָבער ווען... — יאָ, אָבער ווען, דעמאָלט וועט עס שוין נישט זיין קיין שאָף-שערן אין אוגאַנדע און נישט קיין עטלעכע דערפער אין כער־סאָנער גובערניע: אַ גראַנדיעזער מאָנומענט פון דער וועלטגעשיכטע וועט עס זיין — אַ מאָנומענט און אַ מיילנשטיין, ווי דער מיילנ-שטיין, וואָס צעזאַר האָט אויפגעשטעלט אויף דעם פאָרום ראָמאַנום. אַן אָנהייב — און אַן ענדציל.

אויף איין זייט — אַן אויפשריפט: „פינים" — סוף — גע-ענדיקט אַ וועג פון דעם יידנטום צו זיך, אַ שווערער, אַ ביטערער, אַ לאַנגער.

אויף דער צווייטער זייט: „בראשית" — אָנהייב — עס הייבט זיך אָן אַ נייער וועג. — פון דעם יידנטום צו דער וועלט. אויך אַ לאַנגער, אַ ביטערער, אַ שווערער? מהיכי תיתי — וואָס שווע-רער, אַלץ בעסער. מער משא — מער!

# דער נייער גאָט.

„גאָט און משיח זענען געשטאָרבן, עס לעבט דער אַרבעטער=בונד!" אַזוי, דאַכט זיך, איז געגאַנגען דאָס נאַרישע, קינדישע ליד, וואָס יידישע יונגעלייט פלעגן אמאָל זינגען אין זייער רעליגיעזער התלהבות אויף פארקערט. מען האָט געלאכט דערפון. געלאַכט נישט דערפאַר, וואָס מען איז געווען אַזוי זיכער, אַז „גאָט און משיח" זענען נישט געשטאָרבן, נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט זיי גע-געבן אַזא „ערזאַץ", אַזא יורש. פון איין זייט — גאָט און משיח, פון דער צווייטער — דער יידישער אַרבעטער=בונד פון רוסלאַנד, פוילן און ליטע. דער בייט איז געווען צו הומאָריסטיש.

אָבער מען קאָן עס מאַכן ווייניקער הומאָריסטיש, מער ערנסט, אפילו טראַגיש. און אָט דעם טראַגיש=ערנסטן טאָן הייבן אָן אַריינ-צוטראָגן די „אומות העולם", די קריסטן, און דער עיקר, די פראָטעס-טאַנטן, אין אַמעריקע און אין דייטשלאַנד.

זיי זענען נישט אומגערעכט, די „פונדאַמענטאַליסטן", ווען זיי קעמפן אַזוי ביטער קעגן די „מאָדערניסטן". עס איז נישט בלויז — ווי אין קאַטאָליציזם, אָדער ווי אין יידנטום — אַ קאַמף צווישן צוויי ריכטונגען, צווישן צוויי גרופן. עס איז א קאַמף אויף דער גאַנצער ליניע, אַ מלחמה קעגן גאָט — קעגן דעם „אַלטן", און פאַר אַ „נייעם".

אַלטער, נייער — עס קלינגט אייגנטלעך, ווי אַ שפּאַס. עס איז פונקט, ווי מען וואָלט גערעדט פון אַן „אלטער" נאַטור און א „נייער", פון אַן אַלטער לאָגיק און אַ „נייער". אָבער דאָס איז דאך דער צייכן, און דאָס איז דער חותם. הערט מען אויף צו פאַרשטיין

וואָס מען רעדט, ווערט א באַגריף טויט, הייבט זיך אָן א צעשפּאַלטונג אין אַלט און ניי.

די דייטשן האָבן עס אָנגעהייבן. נישט אַזוי פון רעליגיעזע מאָטיוון, ווי פון נאַציאָנאַלע. זיי האָבן זיך אָנגעהערט, אַז די קול־טור פון אַ פאלק מוז זיין אַ קיילעכדיקע, אַ פּאַרענדיקטע, מיט אן אייגענעם צענטער. נישט גענוג אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, מען דאַרף אויך האָבן אַ נאַציאָנאַלע „פּסיכאָלאָגיע", אַ נאַציאָנאַלע פילאָזאָפיע און אויך אַ נאַציאָנאלע רעליגיע. דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט זיך גע־שטעלט לכתחילה אַזאַ אויפגאַבע. אַקעגן דער רוימישער, „אוניווער־סאַלער" קירך, וואָס האָט איר צענטער אין רוים און אירע ראַדיען אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט איין פאָרם און איין שפּראַך פון פּאַראַגוואַי ביז קאַמטשאַטקע — האָבן די פּראָטעסטאַנטן אַוועקגעשטעלט דעם אידעאַל פון אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע, וואָס זאָל זיך צופּאַסן צו יעדן לאַנד, צו יעדן פאָלק, צו יעדער שפּראַך — און אויך צו יעדן בייטן זיך פון דער צייט.

די דייטשן האָבן אַנטוויקלט דעם געדאַנק ווייטער. אויב זייער קריסטנטום איז „נאַציאָנאַל", וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי בכלל צו אים? פאַרוואָס זאָלן זיי זיין צוגעשמידט צו אַ ליטעראַטור, וואָס איז געבוירן געוואָרן ערגעץ ווייט, אין ארץ־ישראל, אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון א פאָלק, וואָס זיי האָבן פיינט?

פאַרוואָס זאָלן אברהם, משה, דוד זיין „זייערע" רעליגיעזע העלדן, און ישו, פון בית־לחם, זייער משיח? און פאַרוואָס זאָל זייער גאָט זיין דער „יידישער" גאָט?

עס איז אַ לאָגישע פראַגע. און זיי האָבן געפונען א לאָגישן תירוץ. מען האָט אָנגעהייבן אין דייטשלאַנד צו רעדן פון אַ „דייטשן גאָט". אָבער עס האָט זיך געטראָפן, אַז די דייטשע פליגלען זענען געוואָרן אונטערגעהאַקט. דער דייטשער גאָט האָט נישט דערפילט די האָפענונגען און די דערוואַרטונגען, וואָס מען האָט אויף אים געלייגט— דער גאָט פון דער אנטאַנט האָט אים באַזיגט. און ווי די פעטישיסטן פון די פידזשי־אינדזלען, זענען די דייטשן ברוגז געוואָרן אויף זייער היימישן פּרייסישן גאָט. עס איז אַ גליק, וואָס זיי האָבן נישט קיין איקאָנעס און קיין „גאָטס־סטאַטוען" — זיי וואָלטן זיכער, ווי די פּי־דזשי־אינדזל־מענטשן, זיי אָפּגעשמיסן מיט אייזערנע ריטער. און די

דייטשן זענען געבליבן בכלל אָן אַ גאָט. מיט דעם „יידישן", דעם „אַלטן", זענען זיי פון לאנג שוין צעקריגט, מיט דעם „דייטשן", דעם נייעם, זענען זיי ברוגז? — בלייבט דערחייל אַ ליידיק אָרט.

אָבער די דייטשע אידעע לעבט. זי האָט אינאיינעם מיטן גאַנצן גערמאַניש=אריש-פרייסישן אידעען-באַגאַזש עמיגרירט קיין אמעריקע, און רופט זיך דאָ אָן — מאָדערניזם. אַן אַנדער נאָמען, דער אייגע-נער אינהאַלט, אַ ביסל א פארשידענע פאָרם, אָבער דער אייגענער גייסט: די מרידה אַקעגן דעם אַלטן, דעם „יידישן" גאָט.

דער מאָדערניזטן-פירער, פאַסטאָר משאַרלס פרענסיס פאָטער, א גלח פון די „יוניטעריאַן טשוירטש", האָט זיך צוביסלעכווייז צוגע-קייקלט צו דעם „אַמעריקאַנער" גאָט. ער וויל אַ נייע ביבל, נייע הייליקע, נייע רעליגיעזע סימבאָלן, אַ נייעם גאָט. פאַרוואָס, פרעגט ער, זאָלן די אַלטע יידן פון פּאַלעסטינע נאָך אַלץ זיין די סימבאָלן, פון דער גרויסער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע? קאָן מען זיך נישט באַגיין אָן זיי? קאָן מען נישט געפינען נייע אַ מ ע ר י ק א נ ע ר רעליגיעזע סימבאָלן אין פיגורן? קאָן מען נישט פאַרבייטן די יידי-שע ביבל מיט די נביאים, מיט דער גאַנצער אַלטער פראַכט — פאַר-בייטן זי מיט אַן אַמעריקאנער ביבל, א נאַציאָנאלער? און ער שלאָגט פאָר אַ נייע ביבל, וווּ עס זאָל דערציילט ווערן פון וואַשינגטאָן און האַמילטאָן, פון לינקאָלן און ווודראָו ווילסאָן. „איז נישט דזשיין אַדאַמס אונדזער מאָדערנע דבורה?" און קאָן נישט ווודראָו ווילסאָן פאַרבייטן יעזוס קריסטוס? און בפרט לינקאָלן, „ער איז דער אַמע-ריקאנער סאָציאלער קריסטוס", זאָגט רעוורענד פאָטער.

און עס גייט נאָך ווייטער, נאָך שארפער. די גאַנצע יידישע אידעע פון גאָט פאַסט נישט דעם נאַציאָנאַליסטישן אַמעריקאַנישן מאָ-דערניסט. „מלך מלכי המלכים", אַ קעניג איבער קעניגן — ווי אומ-דעמאָקראַטיש! אַן אַמעריקאַנער זאָל רעדן פון גאָט, ווי פון אַ קע-ניג! ער זאָל כאָטש הייסן דער פּרעזידענט פון אַלע פרעזידענטן! אָבער אפילו אַזוי וואָלט עס געווען אומאַמעריקאַניש. דאָס וואָלט געווען אבסאָלוט אַקעגן דער מאָנראָו-דאָקטרין, וואס זאָגט בפירוש, אַז קיינער טאָר זיך נישט אַריינמישן אין אַמעריקאַנער אַנגעלעגנהייטן. דער מאָדערניסטישער גלח וויל האָבן אַ נייעם גאָט — אַ דעמאָקראַ-טישן, אַן אַמעריקאַנישן, און דאָס מיינט — „גאָט אַלס העלפער, פּי-

רער און פריינט". און דער סך הכל: גאָט און משיח זענען געשטאָרבן — עס זאָל לעבן דזשין אַדאמס!

* *
*

מילא, לאָזן זיך די פּראָטעסטאַנטן אויסקעמפן צווישן זיך. סוף כל סוף איז דאָס זייער עסק. וואָס מיך — און יעדן רעליגיעז־פילאָזאָפיש־פאַראינטערעסירטן — לאָקט אין דערדאָזיקער גאַנצער פראַגע, איז די מערקווירדיקע דרייונג, וואָס דער באגריף „גאָט" האָט באקומען אין דער לעצטער צייט; ווי פלאך, ווי סענטימענטאל די גייסטיקע קולטור פון אונדזער צייט איז געוואָרן. סענטימענטאַל און צעשיוומען. דער געדאַנק איז צערונען. די זיסלעכע, די פריקרע פראזע איז געבליבן. די זיסע פראַזע פון דעם קריסטנטום.

וואָס איז דען אייגנטלעך דער קערן פון דער לאנגער מחלוקת צווישן יידנטום און קריסטנטום? נישט בלויז די קריסטלעכע מיטאָלאָגיע, נישט בלויז די געשיכטלעכע סימבאָלן און די מנהגים, נאָר אַ טיפערער, אַ ראַדיקאַלערער אונטערשיד. עס איז אַ „דין" אַקעגן „חסד" — געזעץ אַקעגן „גנאָד". צוויי וועלטן, וואָס שטייען איינע אקעגן דער צווייטער. פון איין זייט אַ וועלט פון שטרענגער אָרדענונג, פון סיבה און פאָלגע, פון „ווייל" און „דערפאר", אַ וועלט פון רעאַליטעט; פון דער צווייטער — אַ ראָמאַן, אַן אידיליע: אַ פאָטער, וואָס האָט אַרום זיך אַ פאַמיליע פון קינדער און האָט זיי ליב, און די קינדער שטיפן און דער פאָטער פאַרצייט, איז מוחל.

געוויס, יידן האָבן אויך נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. עס איז דאָך אזוי שווער זיך אָפזאָגן פון דער קינדישער וועלט־פאָרשטעלונג. יידן רעדן אויך פון „מוחל זיין", האָבן אויך אַזאַ בילד און אַזאַ פאָרשטעלונג, אַז מען קען אָפּווענדן דעם גזר־דין, פאַרענדערן דעם גאַנג פון דער וועלט, אומוואַרפן די אָרדענונג — צוליב דעם, וואָס דער אָדער אַנדער מענטש פאַסט אָדער קלאַפּט זיך אין האַרצן און פייניקט זיך און ליידט. אָבער ביי יידן איז דאָס נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון דעם רעליגיעזן דענקען. דאָס אַלץ איז בלויז יידישע היסטאָריע, נישט יידישע רעליגיע; יידישער מאַסן־דענקען, נישט יידישע מעטאַפיזיק. עס איז נישט קיין פונדאַמענט. אין קריסטנטום איז דאָס אָבער אַ יסוד. נעמט אַוועק די אידעע פון גאָט

דעם „פריינט", דעם „העלפער", און דער גאַנצער בנין ווערט צו-שטערט.

דערפון איך דער טיפער קריזיס פון דעם קריסטנטום און דער קריסטלעך-רעליגיעזער קולטור. עס איז געקומען צוביסלעכווייז. דאָס ערשטע קריסטנטום האָט זיך נאָך נישט אַרויסגעשיילט פון דעם יידנ-טום. די אַלטע קריסטלעכע רעליגיע איז יידנטום — פּלוס די קריסט-לעכע לעגענדע. אָבער די פעלקער האָבן קיינמאָל נישט אָנגענומען די לערע פון דעם יידנטום. זי איז געווען צו האַרב, צו שטרענג, צו „אומבּרחמנותדיק" פאַר זיי. זיי האָבן פון דעם יידנטום אָנגענו-מען בלויז דעם ראָמאַן, נישט די אידעע.

ביז די אידעע איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן און עס איז געבליבן בלויז דער ראָמאַן, בלויז די סענטימענטאַלע אויסטייטשונג. רענאַן איז געווען דער טיפּישער סענטימענטאַליסט פון דעם ניי-קריסטנטום. ער האָט גאָרנישט מחדש געווען — ער האָט בלויז געזאָגט דאָס, וואָס אַלע קריסטן האָבן געוואָלט הערן. און זיין סענטימענטאַליזם איז פאַרבליבן.

די פּרוכט הייבט אָן רייף צו ווערן, צוערשט — די רענאַן-פאַר-שטעלונג פון קריסטוס דעם „פאַסטוך", דעם זיסלעכן געפיל-מענטשן, דעם ווייכן, גוטינקן „קינד". דערנאָך איז דידאַזיקע ראָמאַן-פאַרשטע-לונג אריבערגעטראָגן געוואָרן אויף גאָט אַליין. און אויך גאָט האָט אויפגע-הערט צו זיין דאָס „געזעץ", די „אָרדענונג", דער וועלט-יסוד, דער אָנ-הייב פון אַלע קוואַלן און דער לעצטער קוואַל; גאָט אליין איז גע-וואָרן — אַ „פריינט", אַ „העלפער", אַ „פירער". אין אייראָפּע שעמט מען זיך עס צו זאָגן אַזוי פשוט. דאָרט לעבט נאָך אַלץ די טראַ-דיציע פון אַ שטאַרקער, מענלעכער, אייזערנער, לאָגיש-דיסציפּלינירטער קולטור. ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, די מיטלאַלטערלעכע פי-לאָזאָפיע און שפּינאָזאַ און קאַנט האָבן נישט געלעבט אומזיסט. זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע שפּורן. זיי האָבן מאָדעלירט דעם דענקען פון אייראָפּע.

אָבער אַמעריקע איז „פריי". די מענער-קולטור האָט אָנגענומען אַ ווייבלעכן שטריך, אַ סענטימענטאַלן. דער געדאַנק האָט נישט קיין שליטה — דאָס געפיל הערשט. און געפיל איז אַזוי פאַרפירנדיק, אַזוי פון שעה-צו-שעהדיק. היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי. געפיל איז ברוּ-טאַל. געפיל איז עגאָאיסטיש. ווייל אָן שייכות צו דעם כלל, ווייל אָן

פערספעקטיוון. און פון אַלע געפילן איז דער סענטימענטאַלסטער, דער באַשרענקטסטער, דער פערספעקטיוון־אָרעמסטער — דער נאַציאָנאַלער געפיל, דער נאַציאָנאַליזם. ער פאַרענגט אַלצדינג, שנירט אַלצדינג אַריין אין דעם קליינעם טרערן־זעקעלע; אַלצדינג, אַפילו די גראַנדיעזע, אומדערפאָרשלעכע, אָפּגרונט־טיפע, איבערמענטשלעכע אידעע פון גאָט.

* *
*

נאַציאָנאַליזם? נו, און מיין פאַרטיידיקונג פון דער אַלטער ביבל — איז דאָס נישט נאַציאָנאַליזם? און דאָס, וואָס איך נעם זיך אָן פאַר דבורה הנביאה און פאַר ישעיהו בן אמוץ — רעדט דאָ נישט סוף כל סוף דער יידישער שטאָלץ, דאָס נישט וועלן, אַז די וועלט זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אַלטער יידישער פירערשאַפט?

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז טאָקע די טראַגעדיע פון מאָדערנעם יידן, וואָס ער איז אין זיינע יידישע פונדאַמענטן תמיד צוגעשמידט צו דעם געשיכטלעכן, עמאָציאָנעלן עלעמענט פון דעם יידנטום.

אָבער פאָרט — די אַלטקייט, די וויטקייט, די פרעמדקייט האָט פון דער געשיכטע צוגענומען איר באַגרענעצטקייט. פילון פון אַלקסאנדריע האָט עס געטאָן, די גרויסע אויסטייטשער פון דעם יידנטום אין אַלע צייטן האבן עס ווייטער געפירט — אַרויסנעמען פון דעם יידנטום די געשיכטלעכקייט, די צייט־געבונדנקייט. איוב, דער מאַן פון עוץ; איוב, דער באַלעבאָס מיט שאָף און רינדער, מיט קנעכט און קעמלען — אָט דער איוב אינטערעסירט מיך נישט. דער איוב האָט מיר נישט וואָס צו זאָגן; אבער איוב, וואָס איז גאָר געווען נאָר אַ „משל" — אָט דער איוב, וואָס איז אַ ריינע אידעע, דער איז פאַר מיר אַ סימבאָל, פונקט ווי ער איז געווען פאַר דער לאַנגער קייט פון דורות פאר מיר.

אַוועקנעמען פון דעם מענטשן דאָס מענטשלעכע, אַריינשטעלן אים אין דער אייביקייט־אָרדענונג, דאָס הייסט, אים צופירן ביז צו די פיס פון דער שכינה — דאָס איז דער פראָצעס פון דעם יידנטום און אויך פון דעם קריסטנטום, אַזוי ווייט ווי עס איז געווען פאַרוואָרצלט אין דעם יידנטום.

געוויס, אַלצדינג אין דער וועלט איז אַ משל. דאָס לעבעדיקע און דאָס, וואָס האָט אַמאָל געלעבט. נאַפּאָלעאָן איז אַ משל און

לינקאָלן און יוליוס צעזאַר און אפילו ניקאָלאַי דער צווייטער. אָבער ווייל זיי זענען אזוי געשיכטלעך, ווייל נאַציאָנאַל פּאַרפּעסטיקט, ווייל רע־אַליסטיש, זענען זיי נישט קיין סימבאלן און קענען נישט ווערן קיין מענטשהייט־לעגענדעס. מען האָט זיך געפּרוווט. די אַלטע גריכן מיט אַלכּסנדר מוקדון, וויקטאָר הוגאָ מיט נאַפּאָלעאָן, די באָלשעוויקעס מיט לענין. אָבער אַזוי איז דער גורל פון לעגענדעס: זיי וואַקסן נישט, ווען מען פּאַרזייט זיי. זיי וואַקסן פון זיך אליין. און אויך סימבאָלן.

דאָס יידנטום האָט פאַרזאָרגט די וועלט מיט סימבאָלן, און — גוט אָדער שלעכט — מען קאָן זיי נישט אויסוואָרצלען, סיידן מען רייסט אויס דעם וואָרצל אַליין – דעם גאָט־באַגריף. און דערנאָך? וואָס בלייבט? „נאַטור". אָבער דאָס איז וואָרט פאַר וואָרט. אָדער „מענטש"?

ווי דערציילט לאָרד דאַנסאָני אין איינער פון זיינע מעשיות? און די געטער האָבן אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָלצער שטאָט, ווו מענטשן האָבן פאַרריסן די נעז — און די געטער האָבן געלאַכט.

# דער הימל־גייער.

עס איז זיכער קוים פאַראַן אַ פראַגע, וואָס זאָל זיין לאַנגווייליקער, איבעריקער, אומפאַרשטענדלעכער, ווי אַ טעאָלאָגישע. און עס איז דאָ זעלטן אַ פראַגע, וואָס זאָל זיין דראַמאַטישער, שפּאַנענדיקער, פאַרלאָפנדיקער, ווי טאַקע די אייגענעטע טעאָלאָגיע. דראַמאַטיש — ווייל אַזוי שאָטנדיק, ווייל אַזוי אומרעאַל; שפּאַנענדיק — ווייל, ווייל דאָס שפּאַנענדיקסטע אין אַ צירק איז – די קונץ פון אַן אַקראָבאַט.

איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז אַבסאָלוט נוצלאָז, לעכערלעך. איר ווייסט, אַז גיין אויף אַ שטריק איז נישט דער נאַטירלעכער גאַנג פון אַ מענטש. און איר וועט זיכער נישט וועלן נאָכטאָן דעם אַקראָבאַט. אָבער גיין קאָנען, מער אָדער ווייניקער, אַלע. אויף אַ שטריק — דאָס קאָן בלויז דער קונצנמאַכער אין צירק.

און יעדער טעאָלאָג איז אייגנטלעך — אין עצם — אַ שטריקלויפער. ער דראַפּעט זיך אַרום הויך, הויך, און דערהייבט זיך איבער אונדז אויף אַ ווייל. און הענגט איבער אונדזערע קעפּ. מיר ווערן פאַרגאַפט. אויף אַ מינוט ווערן מיר אָפּגעריסן פון דער ערד, ווערן מיר — אין גייסט – באַפרייט פון דעם אומדערבאַרעמדיקן געזעץ פון שווערקייט, און באַלאַנסירן אינאיינעם מיט דעם אַקראָבאַט אין דער לופט. עס ווערט אונדז דערנאָך גרינגער, אַנגענעמער צו טרעטן אויף דער האַרטער, פעסטער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער ערד.

און האָט איר איינס באַמערקט? אַן אַקראָבאַט מוז גיין אין טריקאָ. אַזוי איז עס געוועז פון זינט מענטשן דראַפּען זיך אויף גלאַטע ווענט און גייען אויף שטריק. עס איז אַ מין מונדיר, אַ פאַראָרדנער מלבוש. לאָז אַן אַקראָבאַט אין צירק זיך פרובירן אַרויפקלעטערן אויף דעם שטריק אין אַ געוויינלעכן לבוש, פונקט אַזוי ווי ער איז

געקליידעט אויף דער גאַס — אויב עס איז בלויז מעגלעך — און ער וועט תיכף ווערן לעכערלעך, פונקט ווי עס איז לעכערלעך, ווען איינער וואָלט ארויסגיין אויף דער גאַס אין ווייסע טריקאָ און ווייסע, זיידענע פאַנטאָפּעלעך אָן קנאָפּל. קלעטערן צום הימל קאָן מען נאָר אין דעם באשטימטן, טראַדיציאָנעלן מונדיר.

* *

*

עס קאָן זיין, עס איז אַ פאַרבאָרגענער צוג פון קאָנסערוואַטיזם אין מיר, אָדער אפשר איז דאס אַ פולשטענדיקער מאַנגל פון רעליגיעזן געפיל — אַ געפיל, וואס איז אַזוי טיף, אַז די אויסערע פאָרם פאַרלירט יעדע באַדייטונג — אָבער איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קיין טעאָלאָגן פון קיין שום רעליגיע אָן אַ שווארצן טאַלאַר, אַ לאַנגן ראָק, אַ פאַרקערטן קאָלנער, אַ ספּעציפישער האַלטונג. ער קאָן נישט זיין, ווי איר און איך, גלאַט אזוי אַ מענטש, אָן אַ שטאַמפּ. ער איז — ווי די ענגלענדער רופן עס אָן אזוי כאראקטעריסטיש — „אַ סקאַי־פּאַילאַט", אַ הימל־פּירער, אַ הימל־גייער. ער באַשעפטיקט זיך מיט זאַכן, וואס זענען גאָרנישט קיין זאַכן, נאָר אויסשליסלעך ז י ן, בלויז סוד, נישט וויסנשאפט, נישט פילאָזאָפיע. דער געלערנטער. דער דענקער האט אויך צו טאָן מיט דעם, וואס איז פארבאָרגן, מיט דעם אומבאקאנטן. ער זוכט אויך דעם זין פון דעם לעבן, פון דער וועלט.

אָבער ער זוכט — דער טעאָלאָג ווייסט. דער דענקער פאָרשט — דער טעאָלאָג פון יעדן מין, פון יעדן גלויבן האט שוין אַלצדינג געפונען. עס איז אים אלצדינג קלאָר. ער האט אַ פארטיקן ענטפער. זיין שטריק איז פאר אים שוין אויסגעצויגן. ער דארף נאר גיין אויף אים. אמאָל איז דאס אַ שטריק פון זונשטראַלן — און דעמאָלט איז דער טעאָלאָג אַ גרויסע גייסטיקע פערזענלעכקייט. אבער געוויינטלעך איז דאס בלויז א קלאָטשענער שטריק — און דעמאָלט איז ער נישט מער ווי אַ קונצנמאַכער. עס איז אַן אונטערשיד אין דער מדרגה, דער תוך איז דער אייגענער.

דער וויסנשאפטסמאַן, דער דענקער איז אַ מענטש, ווי אלע מענטשן. ער פּרעטענדירט נישט אויף דעם רעכט צו זיין דער פירער און דער עצה־געבער, ער נעמט זיך נישט דאס רעכט צו קומען צו אונדז און מוסרן און דרשענען, און „ברענגען דעם אמת" און רעדן אין דעם „נאָמען". און דערפאר דארף ער גאָרנישט זיין אנדערש פון אונדז.

אָבער דער טעאָלאָג זונדערט זיך אָפּ. ער שטעלט זיך איבער אונדז. יעדן שבת, יעדן זונטיק (ווי אין דער פרי־סינאַגאָגע), אָדער יעדן פרייטיק, ווי מן־הסתּם אין אַ טערקישער פרי־סינאַגאָגע, שטעלט ער זיך אַרויף, דער טעאָלאָג, און רעדט איבער אַלצדינג, וואָס די צייט ברענגט און שטראָפט. ער איז אַ מוכיח. און אַ מוכיח מוז טראָגן אַ האַרענעם מאַנטל מיט אַ גאַרטל. ער מוז האָבן לאַנגע האָר און אַ באָרד. אָדער ער פּאַרלירט זיין גאַנצע מאַגישע קראַפט. און וואָס איז טעאָלאָגיע — אויב נישט די אַלטע מאַגיע אין אַ נייער פאָרם? נישט דאָס. וואָס ער זאָגט איז דער עיקר, נאָר ווו און ווי אַזוי. ער מוז רעדן מיט אַ זינגענדיקן טאָן. ער מוז איינשלעפערן. ער מוז היפּנאָטיזירן.

איך האָב זיך אָפּט געוווּנדערט, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז עס זאָל נאָך אַלץ זיין — אַ רעפאָרם־יידנטום. איך רעד דאָ גראָד פון דעם יידישן „פּראָטעסטאַנטיזם”, ווייל איך רעד צו יידן. איך וואָלט געקאָנט דאָס אייגענע פרעגן ביי אַנדערע פעלקער און בנוגע צו אַנדערע אמונות. עס איז בלויז פאַראַן איין אונטערשיד. ביי אַנדערע שפּילט דאָס רעליגיעזע לעבן גאָר אַ קליינע ראָלע. די פּראָטעסטאַנטן וואָלטן זיך זיכער שוין פון לאַנג אָפּגעזאָגט פון דער גאַנצער רעליגיע, יעדנ־פאַלס פון דעם קריסטנטום, ווען נישט — די מורא פאַר דעם שטאַט און זיין זיכערקייט. ביי זיי איז די רעליגיע אָפּט נישט מער ווי אַ פאַרזיכערונג אַ קעגן דער סאָציאַלער אומצופרידנקייט. „טראָן און אַל־טאַר”, אָבער אַלטאַר און אַקציעס זענען געוויינלעך זייער נאָענטע מחותּנים. און אפילו ביי זיי הייבט זיך אויך אָן אַ מין מרידה אַקעגן דער פראַזע און דער וואָכעדיקייט פון זייער קולט. אין ענגלאַנד זיגט די „האַי טשורטש”, ד. ה. דער פּראָטעסטאַנט. דער, וואָס איז כּמעט קאַטוילישע אין זיין פאָרם אין זיין פּאַראַד — און אין אַמעריקע לעבט דער פּראָטעסטאַנטיזם איבער אַ שווערן קריזיס.

דער גרעסטער חידוש איז אָבער די יידישע „רעפאָרמירטע סינאַגאָגע”. פון צייט צו צייט באַגעגן איך רעפאָרמירטע „ראַביים”. און איך וווּנדער זיך תּמיד: איז דאָס מעגלעך, אַז אַט דער דאָזיקער גלאַט־ראַזירטער, באַנאַלער פּנים זאָל באַלאַנגען צו אַ טעאָלאָג? איז דאָס מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל האָבן באמת רעספּעקט פאַר אַזאַ מין „ראַבאַי”, אַז אַט דער יונגערמאַן, וואָס איז אָנגעטאָן און זעט אויס ווי אַן אַקציאָנער אָדער

אין בעסטן פאל ווי אַ באַנק־דירעקטאָר, זאָל זיך ארויפשטעלן שבת, צי זונטיק, צי פרייטיק אויף דער טריבונע און דרשענען — און מוסרן און זאָגן דעות — און דער עולם זאָל זיך נישט צעלויפן אַהיים?

אַמאָל — האָבן מיר געוווּסט: אַ רב, אַ ייד אַ למדן, טאָג און נאַכט ביי דער עבודה, לערנט תמיד, דאַוונט מער פון אַלע, לעבט צוריקגעצויגן, איז אַן אַסקעט, האָט אַן אויסגעווייקטן פנים, טראָגט אַ שטריימל. אַפילו אין די צייטן, ווען אַלע יידן האָבן אויסגעזען גלייך — קאַפּאָטעס און יאַרמולקעס און בערד — אַפילו דעמאָלט האָט דער רב זיך אָפּגעזונדערט פון אַלע — אויסערלעך. איך ווייס — אַ קאַפּאָטע מיט סטריקעס, אַ זיידענע ראַזעוואָלקע, ווייסע זאָקן און לאַ־קירטע שיכלעך — עפּעס איז געווען אַנדערש ווי ביי אַלע. און וואָס האָט דער רב אייגנטלעך געטאָן? ער האָט נישט געדרשנט, נישט געמוסרט, ער האָט נישט געטאַנצט קיין הימלטאַנץ אויף אַ שטריק. ער האָט בלויז אויסגעטייטשט דעם דין. פאַרקערט — יידן האָבן גאָרנישט געהאַלטן פון דידאַקטיקע מוסר־דינער און זאָגערס. דערויף האָט מען געהאַט אַ מגיד, און צו אַ מגיד האָט מען זיך באַצויגן מיט אַ געוויסער איראָניע און מיט אַן אונטערטאָן פון חוזק. דער אמתער רב, דער אמתער מדריך איז גאָרנישט געווען קיין רעדנער. קיין פּרעדיקער, קיין שמועסער. ער האָט אַמאָל געזאָגט „תורה", אָבער דאָס איז געווען זאָגן — נישט רעדן. עס איז געווען — לערנען הויך און טראַכטן אין קנאַפּע ווערטער, און דערפאַר טאַקע האָבן די גרויסע לומדים, די רבנים, געהאַט אָפּט אַזאַ נעגאַטיווע באַציונג צו די חסידישע „רביים". זיי האָבן גערעדט צופיל. זיי האָבן מער געזאָגט, ווי געטראַכט, מער געדרשנט, ווי געלערנט.

דאָס אַלץ איז אַוועק. אפשר איז דאָס נאָך ערגעץ פאַראַן — אין די באַהעלטערלעך: אין פּוילן, אין ליטע, אין אונגאַרן, אין אַ פּאָר אָרעמע גאַסן אין ניו־יאָרק. אָבער דאָס לעבן האָט זיי דער־ווייטערט, פאַרשטופּט אין אַ ווינקעלע.

דער רב איז פאַרשוווּנדן — געבליבן אין דער טעאָלאָג.

אַ טעאָלאָג, איינער פון די גרעסטע אין אַמעריקע — פּראָפ. קאָהלער, איך האָב געלייענט זיין „יידישע טעאָלאָגיע". און דאָס אויך נישט דערפאַר, וואָס אידהאָב געוואָלט ביי אים עפּעס לערנען, נאָר ווייל עס האָט מיך אינ־טערעסירט צו זען, ווי אַזוי עס קאָן באַשאַפן ווערן פון דעם גראַנד־יעזן כאַאָס, וואָס איז יידנטום — אַ סיסטעמאַטישער טעאָלאָגיע. און

איך האָב געזען — וואָס איך האָב דערוואַרט: אַ טרוקענע סכעמע, אַן איבערדערציילונג פון אַ ליד.

ווארים — וואָס איז דאָס יידנטום אויב נישט אַ ליד? מיט אַלע זיינע עיקרים, מיט אַלע זיינע דינים, מיט דעם שולחן ערוך און מיט אַלע סייגים און מצוות און עבירות — עס איז נישט מער ווי אַ ליד פון בענקעניש. אַ פּאָעמע פון אַ פאָלק, וואָס וואַנדערט אין גייסט — וואָס ווערט געפירט אויף געהיימע וועגן — און קוקט תמיד צוריק, גייט תמיד אין דער צוקונפט אריין.

דער דין איז דער מעטער פון דעמדאָזיקן ליד. וואָס האַרבער דער דין, אַלץ שטאַרקער און פעסטער דער מעטער.

און יעצט קומט אַן אומפּאָעטישער און צעוואַרפט דעם מעטער, און דערציילט איבער דאָס ליד אויף זיין אייגענעם אופן, מיט זיין אייגענער שפּראַך. און דער רעזולטאַט איז — אַן אוממעגלעכע פּראָזע. אזוי האָבן עס געטאָן גייגער און האלדהיים און אַלע רעפאָר־מער. זיי האָבן אַרויסגענומען די פּאָעזיע פון דעם יידנטום — און האָבן פון איר געמאַכט טעאָלאָגיע.

עס איז אַזוי גרינג. שווער איז צו זיין אַ זינגער, — אַ באַרד, וואָס זאָל נאָכזינגען אַן אַלטן עפּאָס מיט דעם אייגענעם טאָן, מיט דעם איינענעם געפיל, ווי טויזנטער יאָרן צוריק. געוויינלעך איז אַזאַ באַרד — בלינד. און דאָס גיט אים צו פּאַטאָס און מאַכט, אָבער דערציילן, אָדער איבערדערציילן אַן אינהאַלט פון אַ ליד — דערצו דאַרף מען גאָרנישט האָבן, אַ חוץ אַ טויבן אויער און — פּרעטענ־זיעס. דער רעליגיעזער קינסטלער ווערט אַ רעליגיע־אַקראָבאַט. דער היטער פון דעם יידישן גייסט און יידישן פייער — ווערט אַ יידישער טעאָלאָג, אַ „ראַבאַי״, אַ סקאַי=פּאַילאָט״.

און שטייט מען שוין אויף אַ שטריק — זענען אַלע קונצן דער־לויבט. דעמאָלט קאָן מען זשאָנגלירן, ווי מען וויל. — קיינער נעמט עס סיי ווי סיי נישט ערנסט. און וואָס העכער דער אַקראָבאַט קלע־טערט אַרויף, אַלץ פעסטער ווערט דער ווילן — צו דער ערד, צו די ממשותדיקייטן, צו דער פּשוטער ווירקלעכקייט. און פריער אָדער שפּעטער וועט דער שטריק מוזן רייסן. די יידישע „טעאָלאָגיע״ האַלט פאַר אַ שווערן קריזיס — און זי ווייסט עס נישט. זי פאַרטראַכט זיך ווייניק. ווייל דער עלעמענט פון טיפער רעליגיעזיטעט איז פאַר־

שווגדן פון איר. זי איז געוואָרן א באַרוף — און נישט מער אַ באַרופנקייט.

וואָס פאַר אַ ווונדער, וואָס עס הייבט זיך אָן אַ דערווייטערונג פון אָט דערדאָזיקער באַלעבאַטישער, צעפרידענער, וואָרט=טעאָלאָגיע און „סוירמאַן"-רעליגיע? אויף ביידע פראָנטן — אויף ביידע עקסטרעמען: די אינטעליגענץ, די יוגנט גייט אינגאַנצן אוועק, פאַרלירט יעדן אינטערעס — די אַנדערע, די טיפער פאַר־אינטערעסירטע, די יידן מיט א ברען — גייען צו. די נייע פאַנאַטיקער, צו די קנאים, צו די יידישע קלעריקאַלן. לינקס פריי/הייט, רעכטס: אייזערנע געבונדנקייט, פאַטאָס פון גלויבן פלאַם פון קנאים — און דער מיטן אָבער: אַש, גרויע, „לאָז זיי, ווי איר ווילט" — וואָכעדיקייט. פון ביידע זייטן טיפער ערנסט — בלויז אין דערמיט: טאַנץ אויף אַ שטריק אין הימל־קלעטער־שפּיל. און ערנסט איז תמיד גובר.

# אַרום דעם בּרענענדיקן דאָרן

אַ מערקווירדיקע צייט, אַן איינציקער דור! די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז, וועלן אונדז מקנא זיין. עס קאָן זיין, זיי וועלן אונדז האַלטן פאַר באַרבאַרן, אָבער פאַר באַרבאַרן, וואָס האָבן געוואַלטיקע אַמביציעס.

אַ צווייטער דור הפלגה. איינער פאַרשטייט נישט דעם צווייטן — און אַלע אינאיינעם צעשטערן דעם גרויסן טורעם. וואָס איז געשטאַנען אַזוי פעסט. אָבער איז ער שוין באמת געשטאַנען פעסט? האָט נישט דער דור פאר אונדז, וואָס האָט אים אויפגעבויט — אַ טעות געהאַט? עס איז געווען אַזוי גרינג אים צוצושטערן. וואָס האָט אונדזער צייט נישט אויפגעטאָן? אַלע ווערטן בייטן זיך — סאָציאַלע, פּאָליטישע, וויסנשאַפטלעכע און אַפילו מאָראַלע. אָט דער גאַנצער טומל פון די פאַרשידענע „פאַרווערער", אָט דער גאַנצער קאַמף אין אַלע לענדער פון דער וועלט פאַר און אַנטקעגן דעם „נייעם" — איז דאָס נישט אַ מאָראַלע רעוואָלוציע?

וואָס האָט זיך אייגנטלעך געביטן? בלויז אידעען? אָבער מען קאָן געפינען שפּורן, אָנהייבן, פאָראַרבעטן — שוין פריער, לאַנג־לאַנג איידער די רעוואָלוציע אין אונדזער צייט האָט זיך באַוויזן. און זענען אידעען אַליין אזוי וויכטיק? זיי זענען דאָך נאָר פאַר אייַנצל־נע. צו דער מאסע קומען זיי סיי ווי סיי נישט. און קאָנען זיך אידעען בייטן? מיר קומען דאָך — אויף זייטיקע וועגן — אַרום און אַרום צו דעם אייגענעם פונקט. דורך אַלע מדבריות און פון אַלע בערג — צו דעם „בּרענענדיקן דאָרן", צו דעם „סנה", וואָס האַלט דעם סוד און וויל אים נישט אַרויסגעבן.

אָבער פאָרט — וואָס האָט זיך געביטן? וואָס איז דאָס, וואָס

שטורעמט דורך דער וועלט און לאָזט זי נישט קומען צו רו? וואָס
איז עס, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט אויף
אַלע געביטן — אין פּאָליטיק און וויסנשאַפט, און דער עיקר — אין
רעליגיע? ווייל דאָס איז סוף כל סוף דער עיקר. נישט וואָס מענטשן
דענקען, באַשטימט דעם גאַנג פון דעם לעבן, נאָר וואָס זיי ג ל ו י ב ן.
גלויבן איז נישט בלויז אַ פאַרביינערט דענקען, גלויבן איז אַ באַציונג.
מען קאָן זיין אַ גרויסער דענקער — און נישט קומען צו אַ ממשות.
מעפיסטאָפעל איז זיכער געווען אַ גרעסערער און טיפערער דענקער,
ווי פאַוסט. אָבער ער איז געווען „דער גייסט, וואָס פאַרניינט תמיד".
פאַרניינען איז אַ שווערערער פּראָצעס, ווי יאָ=זאָגן. יעדע גרויסע שפּאַ=
פונג איז אין אָנהייב געווען אַ פאַרניינונג. אָבער די גרענעץ פון
מעפיסטאָפעל איז געווען דער „תמיד". ער האָט תמיד געלייקנט,
קיינמאָל זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן ביי אַ פּאָזיטיוון געדאַנק. ער
האָט נישט געקאָנט בויען.

בויען וואָס? נישט קיין געדאַנקען-סיסטעם. דערצו דאַרף
מען האָבן דעם געזעצטן יאָ, אָבער אַ לעבנספירונג. די כינעזער
האָבן דערפאַר אַ וווּנדערבאַר וואָרט, קאָנפוציוסעס וואָרט, דער פונדאַ־
מענט פון זיין גאַנצער רעליגיע — און דאָס וואָרט הייסט: „לי".
מען קאָן עס כמעט נישט איבערזעצן, מען קאָן עס בלויז פילן, דורכ=
לעבן. „לי" איז אַ לעבנס־סיסטעם, אויפפירונג, הנהגה, אַ קאָדעקס
פון באַציונגען פון מענטשן צווישן זיך. „לי" האָט נישט צו טאָן
דירעקט מיט גאָט און דעם געטלעכן. ווי קאָנען מיר וויסן, וואָס איז
געטלעך, ווען מיר ווייסן אפילו נישט, וואָס איז מענטשלעך? — האָט
קאָנפוציוס געפרעגט. עס איז געווען נישט קיין זוכן גאָט, — נאָר
זוכן דעם מענטשן. צו גאָט קומט מען ממילא.

די כינעזער האָבן געקאָנט זיך באַפרייען פון דער גרויסער
אומרו. אַנדערע האָבן עס נישט געקאָנט. עס איז מן הסתם אַ טעמ-
פּעראַמענט=פראַגע. מען האָט תמיד און אומעטום געפּרעדיקט דעם
„לי" — די נביאים האָבן עס געטאָן, אַלע רעליגיעזע פּרעדיקער אין
דער נייערער צייט האָבן נישט געוואָלט מער — זיי האָבן עס צערייני-
געפלאָכטן אין אַ גרויסן גאָט=געוועב, האָבן עס אַרומגערינגלט מיט
אַ פייער פון ליידנשאַפט, און ווי אין דעם ברענענדיקן דאָרנבוש —
האָט מען דעם תוך נישט געקאָנט דערקענען.

דאָס קריסטנטום האָט דאָך אויך לכתחילה מער נישט געוואָלט

ווי אַ נייע לעבנספירונג. נישט דער קריסטלעכער מיטוס, נישט די שפּעטער געבוירענע, משיחיש געפאַרבטע לעגענדע איז געווען דער צוועק פון דער „נייער בשורה“. לעגענדעס האָט די אַלטע וועלט געהאַט אָן און פאַר דעם קריסטנטום. נישט די גריכן, און נישט די רוימער, און זיכער נישט די אָריענטאַלן, האָבן באַדאַרפט וואַרטן אויף שאול פון תרשיש אָדער שמעון-כיפא, כדי צו באַקומען אַ נייעם גלויבן. דאָס, וואָס די ערשטע אַפּאָסטאָלן האָבן אַריינגעבראַכט אין דער גריכיש-רוימישער וועלט, איז געווען נישט מער ווי אַ נייע „הנהגה“, אַ נייע באַציונג צווישן מענטש און געזעלשאַפט. און אויך אַ נייע באַציונג צו זיך אליין. זיי האָבן אריינגעבראַכט דעם באַגריף פון „זינד“.

אָט דאָס איז געווען דער פונדאַמענט פון קריסטנטום. אָט דער אַלטיידישער געדאַנק פון פערזענלעכער התחייבות, פון פּאַראַנטוואָרט-לעכקייט, פון מאָראַלישער מאָס, אָט די גאַנצע גאמע פון באגריפן און באַציונגען, וואָס ווערט ארומגענומען פון דעם איינציקן וואָרט „זינד“ — דאָס איז געווען די קראפט פון דער קריסטלעכער קירך און איר באַרעכטיקונג. די טראַגעדיע פונם קריסטנטום איז אָבער געווען, וואָס דער עיקר איז פארדרענגט געוואָרן פון דעם טפל, דער אינהאַלט פארדעקט און פאַרשלונגען פון דער פאָרם.

עס איז געווען אַ לאַנגער און שווערער קאַמף. סעקטע נאָך סעקטע, קירך נאָך קירך, מען האָט זיך אַרומגעשלאָגן אין אפריקע, אין סיריע, אין רוים און אין ביזאַנץ — די אַריאַנער, די מאַרציניאַנער, די פּעלאַגיאנער, — מען האָט זיך געקוילעט איינער דעם צווייטן — ביז דאָס אָפיציעלע גריכיש-רוימישע קריסטנטום, דאָס קריסטנטום פון דער פאָרם האָט גובר געווען. אָבער גובר געווען אויף דעם חשבון פון דעם גרונטגעדאַנק.

און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ווייטער. לוטער האָט מורד געווען אַקעגן רוים — אין אנהייב, אָבער שפּעטער איז זיין מרידה געוואָרן טיפער, אַ מרידה פון דעם יחיד אַקעגן דער „קירך“, פון דעם רעליגיעזן באַוווּסטזיין אַקעגן דער רעליגיעזער פאָרם. און אין צענטער פון דעם קאַמף איז ווידעראַמאָל געשטאַנען דער „לוי“-באַגריף און די „זינד“.

עס איז דער אומרויקסטער געפיל, און ער לאָזט נישט צורו, שוין דערפאַר וואָס ער קאָן זיך נישט אריינפּאסן אין דער געזעל-

שאפט. ער בינדט דעם יחיד, אָבער ער באפרייט אים אויך. און וואָס די געזעלשאפט ווערט שטארקער, ווערט אויך דער קאמף שארפער.

פארוואָס איז דען דער רעליגיעזער אינטערעס געוואָרן אזוי שטארק אין אונדזער צייט? טאקע בלויז דערפאר, וואָס די וויסנשאפט האָט צעשטערט דעם אלטן גלויבן אין דער געשריבענער טראדיציע, דערפאר, וואָס עס איז געווען א דארווין, דערפאר, וואָס עס איז דאָ א נייע פיזיק? איז עס דען ווירקלעך א קאמף פאר גאָט? די טעאָלאָגן מיינען אזוי — גאָט איז זייער פראָפעסיע. זיי מיינען, אז דער עיקר איז — גלויבן אין אזא אָדער אן אנדער באשרייבונג פון „פאקטן". זיי זענען פארשקלאפט צום וואָרט. און דערפאר איז זייער קאמף אזוי אומפרוכטבאר און אזוי אויסזיכטלאָז. גלייך ווי זיי וואָלטן געהאט די פאָרמולע פאר „גאָט", גלייך ווי זיי וואָלטן געוווסט וואָס דער „סנה" האָט באהאלטן אין זיין פלאם? און נישט נאָר זיי אליין, נאָר אלע, וואָס רירן זיך צו אפילו פונדערווייטנס צו טעאָלאָגיע, ווערן פארטומלט פון אלטע ווערטער און זעען נישט דעם לעבעדיקן תוך. „די קנעכטשאפט צו דעם בוכשטאב פארשווינדט זייער גיך", אָבער דער נייער גייסטיקער גלויבן פארשפרייט זיך נישט אזוי גיך — באקלאָגט זיך דער פילאָזאָפיע־פראָפעסאָר דזש. ב. פראט — אין דער „יעיל רעוויו". אָבער וואָס איז דאָס דערדאָזיקער „נייער גייסטיקער גלויבן"? ווייסט ער עס? ווייסן מיר עס? האָט ער זיך אליין אריינגעטראכט אין דעם זין פון דעם, וואָס קומט איצט פאָר אין אונדזער גייסטיקער דערפארונג — אומעטום, אין דער גאנצער וועלט, ביי אלע פעלקער — אין אמעריקע, ווי אין אייראָפע, צווישן פראָטעסטאנטן, קאטויליקן, פראוואָסלאווע, און אפילו יידן?

אָט גייט איצט פאָר אין רוסלאנד א זייער מערקווירדיקער פראָצעס. די רוסישע קירך האָט זיך געשפאָלטן. די פאָפן רייסן זיך ארום, מען פאראורטיילט איינער דעם צווייטן. א רויטע קירך, א גרינע קירך, א שווארצע קירך. מיטראָפאָליטן אקעגן דעם פאטריארך, אנטאָנין אקעגן טיכאָנען. איין טייל פון דער קירך בענטשט לענינען און ראדעקן, דער צווייטער טייל לייגט זיי אריין אין חרם. ס'איז זיכער, אז דאָ איז פארמישט זייער פיל קאָמוניסטישע פאָליטיק און דיפלאָמאטיע — און אויב אזוי, האָבן די קאָמוניסטן ארויסגעוויזן א גרויסן סטראטעגישן טאלאנט. אבער א חוץ פאָליטיק איז דאָ נאָך א

טיפערער מאָטיוו: עס איז אויך דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין, וואָס קעמפט פאַר אַ לעבעדיקן אינהאַלט. עס איז דאָך אויך — אין רוסלאַנד — נישט קיין נייער קאַמף. רוסלאַנד האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אייגנטלעכע רעפאָרמאַציע. עס האָט איר געפעלט אַ לוטער און א קאַלווין. דאָס, וואָס איז אין מערב־אייראָפּע פארענדיקט געוואָרן מיט דריי-פיר הונדערט יאָר צוריק, הייבט זיך אין רוסלאַנד אָן ערשט היינט.

דער רוס איז לאַנגזאַם. פון ווילן ביז צום אַנטשלוס איז ביי אים א לאַנגער מהלך. ער קאָן אויך נישט פאָרמולירן זיינע געדאַנקען, אָבער דער דראַנג האָט געלעבט. רוסלאַנד איז געווען דער קלאַסישער אָרט פון סעקטעס. שטונדיסטן, מאָלאָקאַנער, „כליסטן”, סטאַראָוויערן פון אַלערליי ניואַנסן – צענדליקער מיליאָנען רוסן זענען געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער הערשנדיקער קירך און האָבן געזוכט זייער „אמת”. און ווידעראַמאָל — נישט דעם טעאָלאָגישן „אמת”, נאָר דעם לעבנס-אמת, דעם גרויסן „לי”. זיי האָבן געקעמפט מיט דער „זינד”. זיי האָבן געפילט, אז דאָס, וואָס דער שטאַט און די אָפיציעלע קירך רופט אָן קריסטנטום, האָט נישט קיין שייכות מיט דעם, וואָס האָט געמאַכט דאָס קריסטנטום פאַר א וועלטמאַכט. און זיי האָבן פראָטעסטירט — טאָלסטאָי אויף זיין אופן, דאָסטאָיעווסקי אויף אן אַנדערן, — וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו און די גאַנצע גרופּע „נעאָ-פראַוואָסלאַוון” האָבן געוואָלט אַריינפלאַנצן א נייעם מיסטיציזם אין דער קירך — דעם מיסטיציזם פון „וועלט-פאַרענטפערונג”. אָבער דער הויפּטפּונקט אין אַלע דיסקוסיעס און חקירות איז געווען די מאָראַלע באַציונג, דער „לי”.

דערפאַר איז די רוסישע אינטעליגענץ געווען אַזוי נאָענט צו דער רעליגיעזיטעט, פריי און אַטעיסטיש, ווי זי איז געווען אין איר פאָרם. זי האָט אויך געזוכט דעם זין פון דער געזעלשאַפט, דעם וועג פאַר די מענטשן. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט בלויז וולגאַריזירט דעם קאַמף. זי האָט אויך אונטערגעבראָכן די לאַנגזאַמע אַנטוויקלונג, אָפּגעריסן די פרי, ווען זי איז נאָך נישט רייף. אָבער אַזוי איז עס שוין פון אייביקע יאָרן אין דער געשיכטע פון רעליגיעזער אַנטוויקלונג. די געזעלשאַפט, דער שטאַט מישט זיך תמיד אַריין אין דעם נישט-פּאַסיקסטן מאָמענט און מאַכט קאַליע די גאַנצע גייסטיקע אַרבעט.

אָבער אזוי, אָדער אַנדערש — עס איז אַן אינטערעסאַנטע מערק-
ווירדיקע דערשיינונג. אינטערעסאַנטער אפשר ווי אַ סך סאָציאַלע
עקספערימענטן, וואָס ווערן געמאכט. ווייל דער רעליגיעזער עקספע-
רימענט איז דער איינציקער, וואָס לאָזט איבער טיפע שפורן און ווערט
נישט פאַרגעסן. און נאָכמער — די רעליגיעזע ליידנשאַפט איז די
איינציקע, וואָס וואַקסט. דער אַלטער דאָרן-פייער ברענט. אַמאָל שטי-
לער, אַמאָל פלאַקערדיקער, אָבער אויסגעלאָשן ווערן קאָן ער קיינמאָל
נישט. און ער האָט אויפגעפלאַקערט אויפסניי. עס איז בעסער אַזוי—
עס ווערט וואַרעמער אויף דער וועלט.

# פרץ און דזשעז.

אַ קליינינקער, שטילינקער יונגערמאַן איז געקומען צו מיר מיט אַ פּאָר טעג צוריק, און פאַרשעמט, כמעט מיט אַ ציטערנדיקער שטים, האָט ער מיך געבעטן האַלטן אין זיין „קלוב" אַ „לעקטשור" איבער פּרצן. וויסנדיק פון דערפאַרונג וואָס דאָס מיינט, האָב איך זיך לכתחילה אָפּגעזאָגט. „וואָס האָט איר אויסגעקליבן גראָד מיך — און נאָך דער־צו איבער ליטעראַטור?" — האָב איך געפרעגט דעם שעמעוודיקן יונגנמאַן. דער ענטפער איז געווען אַ גאַנץ אומגעריכטער. עס איז גע־ווען אַ מין „זכות אבות". עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז איך בין אַמאָל געווען אַ תלמיד פון דעם יינגלס זיידן, איינער פון די „געהייבענע מלמדים", וואָס האָט שוין מיט אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן צוריק „גע־לערנט תנ"ך מיטן ביאור" און געגאָלטן אין דער שטאָט פאַר אַ משכּיל, וואָס קאָן דקדוק און לייענט „לשון־קודש".

דער אַלטער רבי מיינער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן און זיין אייניקל איז דאָס געשטאַנען פאַר מיר – אַ פּרעזידענט פון אַ קלוב — און דווקא פון י. ל. פּרץ־קלוב, ערגעץ ווו ווייט אין ברוקלין, ביים סאַמע ברעג פון דעם ים.

און עס האָט זיך מיר אויף אַ מינוט אויסגעוויזן, אַז איך הער נאָכאַמאָל דעם רבּיס קול — פּונקט אַזוי שטיל, אַזוי טאָנלאָז, הער איך, ווי ער פּאַרטייטשט „נחמו נחמו עמי" מיט דעם ביאור און נעמט אַרויס פון אים די גאַנצע מעלאָדישקייט, די וווּנדערבאַרע פּאָעזיע פון דעם ליד.

דער „רבי" האָט געבעטן — און איך האָב געפאָלגט. געשלעפּט זיך אַ שעה אָנדערהאַלבן — ביז איך בין אָנגעקומען אין דעם הויז ווו דער י. ל. פּרץ־קלוב האָט אַראַנזשירט אַ פּרץ־יום־טוב. און פּאָרנ־

דיק· האָב איך זיך אין קאָפּ אויסגעמאָלט אַ שיין בילד. יידישע יונ־געלייט, יונגע שפּראָצן פון דעם אַלטן בוים — ציטערן נאָך ליכט, בענקען נאָך דערהייבונג, ברענען מיט אַ נייעם עקסטאַז — איך בין געוואָרן סענטימענטאַל. אַ רירנדיק בילד. אָפּגעריסענע, פאַרפּרעמדטע, צעריסענע נשמות, וואָס זוכן אַ תּיקון, נישט האָבנדיק נאָך גע־זונדיקט. און איך האָב זיך געפרעגט: וואָס ציט זיי, אָט די ברוק־לינער יונגעלייט, צו פּרצן? וואָס פאַר אַ מאַגישע קראַפט שטעקט דאָך אין דעם יידישן וואָרט? אַרויסגעוואַקסן פון אַן אַלטער סביבה, אַ ירושה פון אַמאָליקע צייטן — איינגעקליידט אין אַ מייסטערהאַפ־טער שפּראַך, אַזוי איידל, אַזוי צאַרט, פול מיט רמזים, יעדעס וואָרט אַ מצבה פון לעבנס, איבער יעדן בלאַט אַ הויך פון פאַרגאַנגענהייטן — און איצט ווידער אויפגעלעבט אין אמעריקע, אין דער רעשריקער, פּראָזאַישער, ניכטערער ניו־יאָרק!

און אַ רעדע האָב איך זיך צוגעגרייט, צוגעטראַכט, אַ רעדע, וואָס זאָל אַריינטראָגן שטימונג און שטילע טרויער־פרייד אין די יונגע גאַרנדיקע נשמות. איך האָב זיי געוואָלט דערציילן פון י. ל. פּרץ, דעם ערשטן גענויסער פון דעם יידנטום, דעם ערשטן יידישן פּאָעט, וואָס האָט פון דער ייד שער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט געשאַפן אַן אומוואַרשיינלעכקייט, פון דעם פאַקט אַ לעגענדע, פון דער פּשוטער טאָגטעגלעכקייט אַ מיטוס און אַ פּאָעמע. פון „ווענוס און שולמית" האָב איך דאָ געוואָלט דערציילן, ווי דער מאָדערנער ייד קעמפט אַקעגן זיין דראַנג צו „ווענוס" און ווי ער זוכט די מיסטעריעזע, רייצנ־דיקע, לאָקנדיקע און זיך באַהאַלטנדיקע שולמית. ער ווייסט, ער פילט, אַז ערגעץ ווו איז זי דאָ — די יידישע שיינקייט, פרעגט אָרום ביי די וועכטער אין דער נאַכט, צי זיי האָבן זי נישט געזען — און קען זי נישט געפינען.

איך האָב מיט זיי געוואָלט רעדן פון די „צוויי בערג" — דעם אַלטן באַרג פון דעם יידישן גייסט און דעם ווולקאַן פון דער יידי־שער ליידנשאַפט, פון דעם הייסן האַרץ, פון דער באַהעפטונג מיט דער וועלט, פון דער גרויסער ליבע, וואָס טליעט אונטער דעם אַש.

עס האָט זיך געטראַכט אַזוי גוט, אַזוי אינטים. בילד נאָך בילד, געדאַנק נאָך געדאַנק — און דאָס אַלץ האָב איך געוואָלט איבערגעבן מיינע יונגע אומבאַקאַנטע פריינט, דער יידישער יוגנט פון אַמעריקע.

אמת, איך האָב זיך דערמאָנט, ווי עס האָט מיר שוין אַ פּאָר

מאָל פאַסירט מיט מײַנע אוידיטאָריען. קומסט ארויף אויף דער טרי-בונע מיט אַ גאַנצן פּלאַן, אָנגעלאָדן מיט געדאנקען — און פּלוצים דערזעסטו פאַר זיך פנימער, אויגן — פּוסטע, גלעזערנע, פאַרשלאָפענע, אָן שום שייכות צום גאַנצן ענין — און עס ווערט דיר נמאס אי דער עולם, אין די טעמע, אי דו אליין — און דו ביזט צעפרידן, ווען דו זאָגסט אויף גיך ז׳י רעדע און פאָרסט אַוועק.

אָבער — פּאָרט יוגנט! און דערצו י. ל. פּרץ-יונגעלייט!

אויף דעם פּארקאָן, פאַר דעם הויז, ווו דער פּרץ-יום־טוב האָט געדאַרפט פאָרקומען, אַ גרויסע — געשריבענע — אַפישע אויף ענג-ליש. איך לייען איבער: „דענסעס", „דזשעז-באַנד" א. אז. וו. — פון פּרצן קיין וואָרט נישט.

מילא — אַ צופאַל! אומגעשיקט אראַנזשירט. פּאָרט יינגלעך!

איך קום אַריין אין דעם זאַל. יונגעלייט — אַ טייל אין „איווינינג דרעס", אַ טייל פּשוט געקליידט. מיידלעך — אַלע כמעט אָנגעפאַרבט, מיט רויטע ליפּן, ווי קאַרשן — מען רעדט ענגליש. בראָנזווילער ענגליש. אָבער פאָרט ענגליש. קיין איין יידישער קלאַנג דערגרייכט נישט מײַנע אויערן.

איך וואַרט. מען גרייט זיך צום „באָל". „וואָס ווילט איר דאָ אייגנטלעך טאָן?" — פרעג איך דעם „פּרעזידענט". „עס איז אַ „באָל" מיט דענסעס. און מען וועט שפּילן אויך אַ בילד פון שלום-עליכם, און דערנאָך אַן ענגלישן סקעטש". „און דערנאָך?" — „דער-נאָך וועלן זײַן דענסעס".

„שיין — אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט פּרצן?" „א, שור — עס וועט זײַן אייער לעקטשור. אָבער פּליעז, דאָנ׳ט מייק איט טו לאָנג". — „וואָס מיינט איר: נאָט טו לאָנג?" — „יו סי, רעדט העכסטנס אַ פערטל שעה."

איך האָב זיך אנגעהייבן אײַנצוקוקן אין די מיטגלידער פון דעם „פּרץ-קלוב". עס איז מיר געווען שווער זיי צו זען — זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען. קוים אַריבערגעטראָטן די שוועל — האָבן זיי שוין — אָן מוזיק — אָנגעהייבן צו טאַנצן. די פּיס האָבן נישט געקענט אײַנשטיין קיין איין מינוט. די מיידלעך האָבן שוין געדושאזט — גרופּן פון בחורימלעך זענען געשטאַנען אײַנע אַקעגן דער צווייטער און האָבן מיט טויט-ערנסטע מינעס געכאַפּט אַ „דזשיג".

אין דעם זאַל האָט עס געררוישט און געקאָכט. מען האָט צוגע-

גרייט די „סצענע", געטראָגן לייטערס, אָנגעצונדן לאָמפּן. נעגערס מיט מוזיק-אינסטרומענטן האבן יעדעס מאָל אַרויסגעקוקט פון הינטער דער בינע, מיידלעך האָבן זיך געפּאַרבט, בחורים האָבן זיך געדרייט — עס איז געווען אַ בהלה.

מיך האָט מען דערווייל אוועקגעזעצט אין אַ ווייטן חדר — וואַרטן. עס איז געווען פינסטער און אומעטיק און איך האָב אָנגע-הייבן בלאָנדזשען איבער די פינסטערע חדרים. פון הינטער אַ טיר האָב איך דערהערט קינדערשע שטימען. איך עפען די טיר — און אַ בילד: ארום א טיש זיצן אַ פּופּצן יינגלעך, דער עלטסטער נישט עלטער פון צוועלף יאָר. „יו קען קאָם אין ענד סיט דאַון" — זאָגט מיר אַ קליין יינגל אין אַ ווייסן לייבל, וואָס איז געזעסן אויבנאָן. „זי העוו איי מיטינג היער" — איז ער מיר מודיע מיט אַ שטאָלץ. די יינגלעך באַטראַכטן מיך מיט נייגער — אָבער נישט זייער לאַנג. דער מיטינג גייט אָן, פאַרשטייט זיך — אויף ענגליש.

איך פאַרמאַך די אויגן — און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך זיץ ביי אַ ווירקלעכן יידיש-אַמעריקאַנישן מיטינג. „מר. טשער-מאַן" — „פּאָינט אָוו אָרדער" „אַי מייק איי מאָושאָן" — „אַי סע-קאָנד איט" — א. אז. וו. די אייגענע פּראַקטישקייט, קאַלטקייט, טרוקנ-קייט, האַרט-ביי-דער-ערדיקייט, די אייגענע פּוסטקייט און גלייכגילטי-קייט — ווי ביי די גרויסע. קיין איינציק מאָל א קינדישער אויס-געשריי, אַפילו נישט קיין שטיפעריי, קיין נאַרישקייט. איך הער — „עווערי פעלאו קען טייק סאָ מעני פּעניס" — ביים טרעזשורער — א. אז. וו. נאָר איינמאָל האָט זיך דאָס קינד געוואָלט אַרויסווייזן — „דזשימי" האָט נישט פאַרשטאַנען אקוראט די „מאָשאָן" און געוואָלט שטעלן אַ פּשוטע, קינדישע פראגע — האָט אים דער „טשערמאַן" א געשריי געטאָן: „סיט דאַון, יו סילי" — און דזשימי האָט זיך אַוועק-געזעצט.

עס איז געוואָרן לאַנגווייליק, נישט אויסצוהאלטן. ווען עס איז שוין אַזוי לאַנגווייליק מיט קינדער — וואָס זשע וועט שוין זיין מיט די גרויסע?

פון דעם זאַל האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ הילכיקער בראַוואָ. עס האָט זיך אָנגעהייבן. איך גיי ארויס אין דעם גלעזערנעם קאָרי-דאָר — קוק דורך דער אפענער טיר אריין אין דעם זאַל: דער „דזשאַז באַנד" איז שוין דאָ, און עס איז געוואָרן אַ שמחה פּיס האָבן

זיך געהייבן, אויגן האָבן אויפֿגעשטראַלט. „דזשעק — מאָו — דזשאָז" — האָט געררודערט דער זאַל. און איך שטיי ווידער אַליין.

אַ קעגן מיר דער ים — פֿינסטער, אומעטיק. פֿון דעם אַנדערן ברעג רויטע, גרינע ליכטער, לאַמטערנעס. ערגעץ ווו אַ שיף — ווייט, ווייט. מילד און פֿרעמד קוקן די שטערן. פֿרעמד און ווייט. קיין הויך פֿון פֿרילינג.

און עס האָט זיך דערמאָנט — דער פֿרילינג אַמאָל, אָט הינטער יענע וואַסערן — ווי שיין דער הימל, ווי שמעקעדיק, יונג, פֿאַרכישופֿנדיק די ערד. יעדער בוים איז יונג געוואָרן. אַלצדינג איינגעוויקלט אין חלום. הימל און ערד — און מענטש. פֿון אומעטום האָט עס געזונגען. זיסע ראָמאַנסן, יונגע מיידלשע שטימען פֿול מיט אַזויפֿיל פֿאַרלאַנגען און צניעותדיקן גלוסטן און בענקשאַפֿט.

און וויפֿל צער האָבן זיי געהאַט! וויפֿל חלומות, וויפֿל האָפֿענונגען!

אַ האַנט ציט מיך ביים אַרבל. דער „פּרעזידענט" רייסט מיך אַרויס פֿון מיין גאַנצער שטימונג און פֿאַרטראַכטקייט אין פֿאַרבענקטקייט. איך האָב שוין געהאַט אינגאַנצן פֿאַרגעסן צוליב וואָס איך איך בין אַהערגעקומען — און וואָס איך האָב דאָ צו טאָן. „יור נעקסט" — זאָגט מיר דער שמילער אייניקל פֿון מיין רבין מיט דעם „ביאור".

פֿאַר מיר איז געווען — איך האָב אים שיער נישט אינגאַנצן פֿאַרהערט — אַ מוזיקאַלישער „נומער": פֿיר נעגער האָבן געשפּילט זייער שרעקלעכן, אומריטמישן „דזשאַז". איך גיי דורך דעם זאַל. גלייכגילטיקע, פֿרעמדע, כמעט פֿיינטלעכע אויגן באַגלייטן מיך. איך פֿיל אין יעדן קוק די פֿראַגע: „וואָס וויל דער נודניק"? שוין ווידער איינער פֿון די „דזשוס,' 'וואָס, ,וועט נודיען מיט עפּעס אַ „פּוירען" און רעדן אַזוי פֿאָני אייף יידיש! נישט נאָר איך פֿיל עס — איך הער עס. גאַנץ יונגע מענטשן, בחורימלעך — פּופּצן, זעכצן-יעריקע, זיצן אין גרופּן און לאַכן שוין אין פֿאָרויס. און די מיידלעך קוקן נייגעריק און פֿיינטלעך אין דער אייגענער צייט. עפּעס זאָגט זיי דאָס האַרץ, אַז דאָכ וועט זיי אָפּהאַלטן אויף ווײַלע פֿון זייער „פֿ ן".

מען פֿירט מיך אַרויף אויף דער בינע. גראָד האַלט דאָרט אַ מיידל אין פֿאַרבן זיך די ליפּן און דריגען מיט די פֿיס. זי דערזעט מיך — ווענדט זיך אָפּ מיט פֿאַרדרוס און פֿאַרשווינדט ערגעץ. דער

פאַרהאַנג הייבט זיך אויף. דער „פּרעזידענט" זאָגט ממש בזה הלשון: „און איצט וועט רעדן דער באַוווּסטער אַרויסגעבער אַזוי און אַזוי איבער פּרצן". 80 קאַלטע, שטופּיקע אויגן שטעלן זיך אויס אויף מיר. די יינגערע לאַכן שוין — די עלטערע שאָקלען שוין מיט די קעפּ. בלויז איין אַלטע יידענע קוקט אויף מיר מיט אַ רחמנות־געפיל. זי איז אפשר די איינציקע, וואָס פילט זיך דאָ אַזוי פרעמד, ווי איך. און אינסטינקטיוו פאַרשטייט זי אויף מיין קוק.

איך האָב גערעדט. פאַרגעסן אַלע שיינע ווערטער, וואָס איך האָב צוגעטראַכט. פאַרגאַנגען ווי אַ רויך די בילדער, וואָס האָבן מיר געשוועבט פאַר די אויגן. בלויז ביטערקייט איז געווען אין מיין האַרצן — און טיפער רחמנות. רחמנות מיט פּרצן — מיט אונדז אַלע, וואָס פירן אָן — יעדער אויף זיין אופן — זיין אַרבעט.

אָט זיצן מיר אַלע און שרייבן און רעדן און קריגן זיך צווישן זיך — דער וויל אַזאַ יידנטום, דער צווייטער אַן אַנדערן, איינער פאָדערט דאָס העכסטע, דער צווייטער באַנוגנט זיך מיט אַ באָקסער אויף שבת — איינער רופט דאָס יידישע פאָלק צו נייע התלהבותן, דער צווייטער — אויף תחינה־לשון — צו אָפּגעשלאָגענע ס״ס־הושענות; איינער מיינט, אַז אַלע יידן מוזן ווערן דענקער און זוכער און פאַרטיפער, דער צווייטער איז צופרידן, איז גליקלעך, ווען עס קומט ערגעץ ווו אַרויס אַ לידערזאַמלונג, וואָס ער באַמיט זיך דערנאָך אַזוי ווייניק צו פאַרשטיין, ווי מעגלעך, און „מסביר" זיין און לערנען פשט אויף איר — יעדער ציט ערגעץ ווו — און דאָ זיצן אָט די גערופענע. געצויגענע, אָט די, אין וועמעס נאָמען כלומרשט מיר רעדן — און לאַכן פון אונדז אַלע און וואַרטן מיט אומגעדולט, ביז מיר וועלן אַוועקגיין און זיי לאָזן צורו — לאָזן זיי אַליין מיט דעם „דזשאַז".

און דאָס אַלץ האָב איך זיי געפּרוּווט זאָגן, מיינע יונגע צוהערער ביים ברעג פון דעם ים — אין אַ קאַלטער, שטימונגסלאָזער ניו־יאָרקער פרילינגסנאַכט.

איך האָב זיי געפּרוּווט דערציילן אויפסניי דעם „גלגול פון אַ ניגון". ווי ער איז פון דעם רבינס הויף אַריבער — און אַריבער און מגולגל געוואָרן — ביז ער איז אַריבער דעם ים — און געוואָרן דזשאַז. און פאַרלוירן אינגאַנצן די מתיקות, דעם ברען, די בענקשאַפט, דאָס ביסעלע נשמה, וואָס ער האָט נאָך געהאַט, איידער ער האָט זיך געזעצט אויף דער שיף.

די יונגעלייט האָבן געלאַכט. די מיידלעך האָבן געדריגעט אומגעדולדיק מיט די פיס. די נעגער האָבן געגלאַנצט מיט די אויגן און נעוואָרט ביז דער „ראַביי” וועט ענדיקן — בלויז די אַלטע יידענע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט געאָרנישט פאַרשטאַנען — אָבער זי האָט געפילט אַ הויך פון אַמאָליקער יוגנט. זי האָט אפשר נאָכאַמאָל דערהערט די לאַנגע פאַ־געסענע קלאַנגען פון דעם יוגנט־ניגון, וואָס האָט זיך געהערט דאָרט, דאָרט, ווייט אין די וועלדער, צווישן די גרינע גראָזן פון דער פאַרלאָזענער היים.

און ווען איך בין אַראָפּ פון דער בינע — האָט די יוגנט אויפגעשטראַלט. די נעגער האָבן זין' גענומען געשמאַק צו דער אַרבעט. און דער י. ל. פּרץ־קלוב האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום דזשאַז.

# די טראגעדיע פון חסידיזם.

„אסור להיות זקן".
(ר' נחמן בראַסלאַווער).

פון זינט חסידיזם איז געוואָרן ביי יידן „מאָדערן", אַ מאָדע-זאַך, אַ טעמע פאר לאַנגווייליקע, האַלב- אָדער גאַנץ-פאַרשוינדעוועטע ציי- טונגס-מעשהלעך, איז ער מיר געוואָרן נמאס און אנטיפּאַטיש. עס פארדריסט מיך ממש צו לייענען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אָט די „היי- ליקן-לעגענדן", אָט די שבחים פון דעם בעל-שם און פון די אַנדערע „גוטע-יידן", זייערע מופתים און אפילו זייערע חכמות. עפּעס ווערט דאָ געטאָן אַ פאַרשוועכונגס-אַרבעט. עפּעס נעמט מען אוצרות און מען צע- טרעטן זיי, צעבייט זיי אויף קליינגעלט. מען האָט אויפגעעפנט דאָס בשמים- פלעשל און מען צעגיסט דעם פיינעם פּאַרפום אין קליינע „מוסטער- פלעשלעך" צו שפּאָט-ביליקע פּרייזן: ביז דער פּאַרפום ווערט אָן זיין אַראָמאַט — און ווערט אַליין שוין, אין זיין עצם — שפּאָט- ביליק.

און מען הייבט אָן צו צווייפלען, אויב דאָס איז דער חסידיזם, אויב דאָס, וואָס די צייטונגס-שרייבער דערציילן איז אמת, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער גאַנצער חסידיזם? וואָס דאַרף מען אים אויפגראָבן אויפסניי? וואָס דאַרף מען אַריינטראָגן זיין „גייסט" אין דער יידי- שער נשמה? וואָס, מיר זענען קינדער, וואָס וואַרטן אויף מעשהלעך? אָדער אפשר אַזוי אַלץ, אַז מיר לעבן בלויז אין דער פאַרגאַנגענהייט — אַפילו ווען די פאַרגאַנגענהייט איז נאַריש און זינלאָז.

דאָס איז די טראַגעדיע פון דער יידישער נשמה. זי רירט זיך נישט פון אָרט, זי דרייט זיך אין אַ קרייז און קומט אַלץ צוריק, אַלץ צוריק. און וווהין: מיר ווייסן עס שוין אַליין נישט — מיר

פילן בלויז, עפּעס איז קאַליע געוואָרן. מיר זעען נאָר, די רעדער זענען פאַרראָסט. און פאַרט — קוקט מען זיך נענטער, טיפער איין אין דעם חסידיזם, גייט מען צו אוממיטלבאַר צום קוואַל — עפענען זיך גאָר אַנדערע, גאָר אומגעריכטע פּערספּעקטיוון, ווייזט זיך די פיזיאָגנאָמיע פון דעם חסידיזם אין גאָר אַן אַנדער געשטאַלט.

אָט ליגט פאַר מיר אַ נײַ בוך — דער „ספר החסידות" פון דעם באַקאַנטן ביבל-פאָרשער אברהם כהנא. עס איז באמת א בוך פון הסידות און נישט איבער הסידות. נישט קיין האַלב-בעלעטריסטישע, פאַרביליקטע, סענטימענטאַלע אויסטייטשונג און אויסגלעטונג פון דעם מערקווירדיקן פענאָמען, וואָס הייסט חסידיזם. נאָר — פשוט טעקסט אָן פאַרצירונגען, דער אָריגינאַל אַליין. עס איז אַן אַנטאָלאָגיע פון דער חסידישער ליטעראַטור — פון דעם בעש"ט ביז צו ר' נחמן בראַסלאַווער. אויסצוגן פון ספרים, בריוו, לעגענדעס, אַפאָריזמען. אַלצדינג — אָן פירושים, אין דער אַלטער, ריינער פאָרם. און אַזוי דאַרף עס זיין. דער הסידיזם איז נישט קיין פאָלקלאָר, נישט קיין לעגענדעשטאָף און נישט קיין פאַרצייטיקע בעלעטריסטיק. דער בעל־שם און זיינע תלמידים האָבן נישט געלעבט און געקעמפט צוליב דעם, אַז האַלב-באַגאַבטע מענטשן זאָלן דערנאָך איבערדערציילן זייער לעבן און מאַכן דערפון באָבע-מעשיות פאַר גרויסע און קליינע קינדער. זיי האָבן דאָך עפּעס געמיינט, זיי האָבן דאָך צו עפּעס געשטרעבט. אָבער וואָס? ווו איז דער צענטער און דער שורש פון זייער נשמה?

איך מוז זיך מודה זיין, אַז כהנאס בוך האָט ביי מיר געביטן אַ סך אָפּשאַצונגען. איך האָב תמיד געהאַט אַ מין פאַרליבע פאַר דעם באַרדיטשעווער רב, „לוי יצחק מבאַרדיטשעוו". ווי ער פלעגט זיך רופן. ער איז דאָך די פּאָפּולערסטע פיגור פון דער נייער הייליקן־גאַלעריע, וואָס איז אויסגעוואקסן ביי יידן אין די לעצטע יאָרן. מען זינגט זיינע לידער, מען קאָמבינירט זיינע תפילות, און עס איז אין זיי פאַראַן אַזויפיל האַרציקייט, אַזויפיל מתיקות און פרישקייט. און עס האָט מיך תמיד געררייצט פאָרצושטעלן זיך קאָנקרעט די געשטאַלט פון דעם מערקווירדיקן רב, וואָס האָט תמיד אָנגעהייבן אַזוי רעוואָלוציאָנער און געענדיקט מיט אַזויפיל יידישלעכער בית-המדרשלעכער הכנעה.

הייבט אָן אַ ייד אַ תפילה: „גוטמאָרגן דיר, רבונו של עולם! איך, לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, בין געקומען צו דיר מיט אַ דין-תורה: וואָס ווילסטו פון די יידן? וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט

צו די ייִדן״? — שטאַרק, מעכטיק, היט־רייסנדיק -- איאָ? — און מיט וואָס ענדיקט ער: „יתגדל ויתקדש שמיה רבה״. דער אָנהייב פּאַסט נישט צום סוף, האָט נישט קיין שום שייכות צו אים; די האַרבע קשיה איז נישט פאַרענטפערט געוואָרן. און אויב נישט ענטפערן — צו וואָס פרעגן? אויב מען האָט נישט קיין מוט צו קומען ביז צום לעצטן שלוס — וואָס דאַרף מען דעם גאַנצן אימפּעט? הייסט דאָס נישט — זיך אָנגאַרטלען מיט אַלע כוחות אָנשפּאַנען אַלע מוסקולן, און דערנאָך אויפהייבן אַ שטרוי?

און אַזוי אומעטום — אַזוי אין יעדער פאָרם פון זיין רעליגיעזן עקסטאַז. גאָט, גאָט, — דינען גאָט — די ווערטער גייען נישט אַרויס פון זיין מויל. אָבער וואָס איז דערדאָזיקער גאָט — וועמען ער זוכט, וועמען ער דינט, נאָך וועמען ער בענקט? און וואָס איז דערדאָזיקער עקסטאַז? וואָס מער מען לייענט זיך אַריין, אַלץ אומפּאַשטענדלעכער, אַלץ — פּאַטאָלאָגישער, היסטערישער ווייזט עס זיך אַרויס. דער באַרדיטשעווער רב האָט נישט געקאָנט אָנרופן גאָטס נאָמען און נישט אַריינפאַלן אין התפעלות: שפּרינגען, דרייען זיך, פאַלן אויף דער ערד. עס איז געווען אַ מין דערווישיזם — אין דער העכסטער פאָרם. אפילו די רביים האָבן עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, נישט געקאָנט פאַרשטיין. זיי האָבן נישט געקאָנט ליידן דעם צופיל, דעם מאָסלאָזן, און אויך דעם דו־אויף־דו מיט גאָט. ייִדנטום איז — דיסטאַנץ צו גאָט. דאָס איז זיין איינציקער גרויסער אינהאַלט, און דאָס איז זיין כוח. דער באַרדיטשעווער האָט די דיסטאַנץ צעשטערט. קאָן מען זיך אויסמאָלן עפּעס אומייִדישערס, ווי די מעשה מיט דעם מעקלער, וואָס ווערט נאָכדערציילט דעם „קדושת לוי״, ד. ה. ר׳ לוי יצחקן? עס איז געווען מוצאי יום־כפור, דער רב לאָזט נישט גיין דעם עולם אַהיים, לייגט זיך אַנידער אויף אַ באַנק און לאָזט רופן לייבושן, דעם גרעסטן שטאָטמעקלער. „ביזט אַ גרויסער מעקלער״? — פרעגט ער אים. „יאָ״. „קאָנסטו זיך אונטערנעמען אַ מעקלעריי?״ „געוויס״. „נו, האָב איך אַזאַ געשעפט. איך וויל מאַכן אַ בייט מיט דעם רבונו של עולם — איך גיב אים אַוועק די זינד און בייט ביי אים אויס אויף סליחה — וואָס קומט מיר דערפאַר מעקלעריי?״ לייבוש דער מעקלער ווערט צעמישט און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. פּסקנט דער רב אַליין: „עס קומט מיר דער-

פאַר „בנים, חיים ומזונות״ — קינדער, לעבן און פּרנסה — און דאָס שענק איך אַוועק דעם פאָלק ישראל״.

שיין? אפשר. אָבער איז דאָס רעליגיע? איז דאָס יידיש? אָדער איז דאָס — טעאַטער? אָדער איז דאָס פּשוט היסטעריע? ווער האָט אים געגעבן אַ רעכט צוצושטערן דעם יידישן גאָטס-באַגריף? ווער האָט אים געגעבן די פולמאַכט אַראָפּצוציִען די יידישע נשמה אויף דעם מאַרק, דער וואַכעדיקייט, דער מעקלערדיקייט? דער, וואָס ציט אַרויף דעם מאַרק צום הימל, ציט אַראָפּ דעם הימל צום מאַרק. און דאָס האָט דער חסידיזם אויך געטאָן. ער האָט אַריינגעטראָגן, אונטער דער פאָרם פון מיסטיק, אין דער איינקליידונג פון ווערטער און פסוקים, אַ פאַרפלאַכונג און דערנידערונג אין דער יידישער נשמה. ער האָט פאַרפלאַכט. נישט דערהייבן און פאַרגרעסערט.

אַזוי איז דער באַרדיטשעווער רב, אַזוי איז דער „שפּאָלער זיידע״ ר׳ לייב שרה׳ס, אַזוי זענען אַ סך, אַ סך פון די „הייליקע״, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון דעם אוקראַיִנער יידנטום. ד. ה. אויף אַ יידישן זייט-וועג, אַ וועג, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט בוריקעס און דערנער.

זיי האָבן נישט באַרייכערט דעם יידישן געדאַנק, זיי האָבן פאַרהאַלטן, — ווייל פאַרפלאַכט — די יידישע אַנטוויקלונג. מקווה, נאַסע פּיאות, טאַנצן מיט די זאָקן אויפן טיש, נאָכזאָגן ווילדע, זינלאָזע מאמרים, דערציילן מעשיות אין דער וועלט אַריין — דאָס איז געווען זייער קולטור-אַנטוויקלונג. און וואָס איז געבליבן? — אַ פּאָר לידער, אַ פאָר מעשיות, אַן אומפאַרשטאַנענע לעגענדע און אַ ביסל אַש פון אַן אויסגעברענטן שטרוי-פייער.

עס וואָלט געווען העכסט אינטערעסאַנט, העכסט באַלערנט צו אַנאַליזירן — קריטיש און פּסיכאָלאָגיש — טריט נאָך טריט, מאמר נאָך מאמר, צוג נאָך צוג יעדן איינציקן פון די חסידישע גדולים, אַלע די פאַרשידענע פיגורן פון דער חסידישער טראַדיציע. אַנדערש איז דער אוקראַיִנישער רבי און אַנדערש דער פּוילישער און ווידער אַנדערש דער ליטווישער. דער אוקראַיִנער איז ריינע עמאָציע, מער פאָלקס-מענטש, מער נאַטור-קינד. דער פּוילישער — געפּוצטער און געצירטער, בעסערע מאַנירן, מער לומדות. אָבער דער אינטערעסאַנט-סטער טיפּ איז זיכער — דער ליטווישער, ווי למשל, ר׳ שניאור זלמן פון לאַדי, דער מחבר פון „תניא״. ביי אים האָט זיך דער מיסטיציזם

דערהייבן צום געדאנק, דאס אומבאַשטימטע געפיל איז געוואָרן אַ סיסטעם.

„איך דאַרף נישט האבן דיין גן-עדן, איך דאַרף נישט האבן דיין עולם-הבא, איך וויל דיך, דיך אליין" — אזוי האט דער תּניא געזאָגט ביי אַ תּפילה. און דאָס איז אפשר דער העכסטער, דער רייפּסטער אויסדרוק פון דעם חסידישן געדאנק, די איינציקע מעגלעכקייט זיינע, דער וועג, וואס ער האט געוואָלט — אָבער נישט געקאָנט — דורכשלאָגן.

גן עדן, עולם-הבא — די גאַנצע יידישע מיטאָלאָגיע — האָט פּלוצלונג פאַרלוירן איר ווערט, איז בטל געוואָרן. „איך וויל דיך אליין" — דאָס דענקען, דאָס זוכן, דאָס דערגרונטצווען דעם סוד — אַט דאָס איז געוואָרן דער הויפּט-צוועק, דער צענטער. אָבער בלויז אַן אָנהייב. אויב די מיטאָלאָגיע ווערט ווערטלאָז — פאַרוואָס נישט גיין ווייטער? אויב דאָס איינציקע, וואָס האָט אַ ווערט, איז נאָר „ער אליין" — צו וואָס דער גאַנצער באַלאַסט פון טראַדיציע, אַט די גאַנ-צע לאַסט, וואָס דאָס יידנטום האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם יידן? „אים" קאָן מען נישט געפינען נישט דורך פּיוטים און נישט דורך לערנען גמרא, און פאַרוואָס צובינדן די וועלט און דעם וועלט-סוד צום „יידן"?

דער „תּניא" האָט געשטעלט די פראַגע — נישט זעענדיק אַליין, וווהין זי מוז פירן. ער האָט זיך אויך צופרידנגעשטעלט מיט האַל-בע, מיט פּאַרטיקע תשובות, און איז געבליבן אינמיטן וועג. איינער בלויז איז געווען צווישן זיי, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן, וואָס האָט געליטן פון דער באַגרענעצטקייט, וואָס האָט געפילט די גרויסע נשמה-טראַגעדיע פון דעם יידישן מיסטיקער: די אומפרייהייט. און דאָס איז געווען ר' נחמן בראַסלאַווער.

מען האָט אים גערודפט. און מען איז — פון דעם טראַדיציאָ-נעל-יידישן שטאַנדפּונקט — אפשר געווען גערעכט. מען דערציילט פון ר' דודל טאַלנער: אמאָל איז צו אים געקומען אַ חסיד פרעגן ביי אים, צי זאָל ער זיך משדך זיין מיט א בראַסלאַווער. האָט אים דער טאַלנער געזאָגט: „עס איז פּשוט אַן אומגליק. ווען איך האָב געוווינט אין וואַסילקאָוו, פלעג איך תּמיד זען ווי באַהאָמאָלצעס גייען קיין קיעוו אין דער לאַווראַ — הייסט, ווען איך וווין אין טאַלנע, זע איך תּמיד, ווי באַהאָמאָלצעס גייען קיין אומאַן" — ד. ה. צום בראַס-

לאַווער. די „באַהאָמאָלצעס" און די בראַסלאַווער חסידים זענען ביים טאַלנער געשטאַנען אויף איין מדרגה.

שאַרפע ווערטער — אָבער עס איז אין זיי געווען א שטיק אמת.

פון זינט דאָס יידנטום האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין אַנטוויקלונג, איז נאָך נישט געווען אַזאַ גייסטיקער רעוואָלוציאָנער אויף דעם רעליגיעזן געביט, ווי דער בראַסלאַווער. „מען טאָר נישט זיין אַלט — נישט קיין אַלטער צדיק, נישט קיין אַלטער חסיד; אַלט זיין איז נישט גוט — מען מוז תמיד אָנהייבן אויפסניי". אַזאַ תורה האָט דאָס יידנטום, וואָס שטייט אויף דעם באַגריף פון אַלטקייט, וואָס יחסנט זיך מיט זיין גרויקייט, „ישראל סבא" — ישראל דער גרויער, „עתיק יומין" — גאָט דער אַלטער — אזא פּראָטעסט אקעגן אַלטקייט, אַזאַ פאָדערונג אָנצוהייבן תמיד אויפסניי, צעשטערן, אָפּזאָגן זיך, בויען און דערגיין יעדעס מאָל צו אַ נייעם פונדאַמענט — דאָס איז געווען דאָס געוואַגטסטע, דאָס צעשטערנדיקסטע, דאָס רעוואָלוציאָנערסטע אין דעם יידנטום. רעוואָלוציאָנערער פון שבתי צבי, פון אַלע וויטערע יידנטום־באַנייער. זיי האָבן געאַרבעט מיט אַלטע מאָטיוון — און נישט דערגאַנגען צו דעם יסוד; ער, דער בראַסלאַווער, האָט אָנגעהייבן אַ נייעם מאָטיוו, און האָט געוווסט, אַז ער איז ניי, און האָט עס געזאָגט. ער האָט בלויז נישט געוווסט, ווי אַזוי צוזאַמענצושמעלצן דאָס נייע מיט דעם אַלטן יידנטום. „ווי איז מען זוכה צו זיין אַ ייד?" — האָט ער זיך תמיד געקלאָגט — ווי מאכט מען עס? און אונטער דעם קלאָגן זיך איז געווען אַ פאַרניינונג — די פאַרניינונג פון דעם „זיין אַ ייד". ער האָט געהאָפט — ארץ ישראל וועט אים אויסהיילן. דאָרט וועט ער געפינען דעם שליסל צו פארשטיין דעם סוד פון „יידנטום" און זיין שייכות צו דער וועלט, צו גאָט. און איז צוריקגעקומען אַ נישט־פאַרענטפערטער, פיל מיט שאלות, מיט בענקעניש, מיט ספקות. ער איז געגאַנגען קיין ארץ־ישראל ווערן שלום מיט דער אַלטקייט, און איז צוריקגעקומען — דערציילן די וווּנדערבארע מעשה מיט די זיבן בעטלער, וואָס איז ווידער צוגעשפּיצט אויף דעם גרונטמאָטיוו: דער עלטסטער איז דער יינגסטער. ווייסט אַמווייניקסטן: דאָס קינד, דער אָנהייבער, איז דער, וואָס איז נענטער צום סוד.

אָבער דער בראַסלאַווער איז געקומען צו שפּעט, און נישט אין

דער סביבה, ווו ער האָט געקאָנט ווירקן פּרוכטבאַר און אַנטוויקלענדיק. מיט עטלעכע הונדערט יאָר פריער, ווען דער יידישער געדאַנק איז געווען נאָך ייִנגער און פרישער און מוטיקער — און אין אַ סביבה פון קולטור-מענטשן, ווי אין שפּאַניע אָדער פראַנקרייך — וואָלט דער בראַסלאַווער געקאָנט אַרויספירן דאָס יידנטום אויף אַ נייעם וועג, באַפרייען אים פון דער ווערטער־ירושה, אויפבינדן זיינע פליגלען. אָבער ער האָט געלעבט אין אוקראַינע, אין אַ סביבה פון מורא און אומעט— און זיינע ווערטער זענען פאַרפלויגן ווי זאָמען־קערנדלעך אויף אַ שטיינערנעם באָדן. און פון דער גראַנדיעזער נשמה פון דעם בראַסלאַווער זענען געבליבן אַ פּאָר פראַגמענטן, אַ פּאָר ווערטער, עטלעכע וואונדערשיינע, טיף-פילאָזאָפישע, און טאַקע דערפאַר אַזוי ווייניק פאַרשטאַנענע מעשיות — און א קבר אויף דעם אומאַנער בית־עלמין.

עס האָט געבראַוזט אַ שטורעם — און האָט איבערגעלאָזט א זיפץ. און דאָס איז די טראַגעדיע פון דעם חסידיזם בכלל. דער עלטער האָט גובר געווען.

# די יידישע פאָרם.

עס איז פאראן א תּלמודישע לעגענדע: איינמאָל זענען ר׳ אבהו און ר׳ חייא בר אבא זיך צוזאַמענגעקומען אין אַן אָרט. יעדער פון זיי האָט געדרשנט אין א שול. ר׳ אבהו האָט געזאָגט אגדה און ר׳ חייא האט געלערנט הלכה. האט זיך דער עולם אַוועקגעלאָזט פון ר׳ חייאס דרשה און איז געגאַנגען צו ר׳ אבהו. האט ר׳ חייא שטארק יסורים געהאט דערפון. אָבער ר׳ אבהו האט אים געטרייסט מיט א משל: אָט שטייען צוויי מענטשן און האנדלען, איינער מיט ברילֿיאַנטן, דער צווייטער — מיט הויז-זאַכן, ווי וועבשטולן, נאָדלען, א. אז וו. צו וועמען לויפט מען מער — נישט צום צווייטן?

ר׳ אבהו איז געווען אַן עניו. אָבער אין זיין עניוות, אין זיין פארקלענערן זיך אין דעם, וואס ער האט געטאָן, האט ער ארויסגע־זאָגט א גרויסארטיקן אמת. דאס באשטימט די ווירקלעכע באַציונג פון דעם ייד צו דער אגדה, צו דער לעגענדע, צו דער פּאָעזיע, צו דער פאָרם.

ער האט אין זיין נאיוויטעט בלויז פארביטן די טערמינען. ער האט געמאַכט דאס הויז-געצייג פאר ברילֿיאַנטן.

דאס יידישע פאָלק איז דאך א מערקווירדיקער סאָרט מענטשן. תּמיד אנטקעגן דער נאַטור, תּמיד אין קאַמף אנטקעגן דעם, וואס איז גרינג, וואס רעדט צום הארצן, צו דער פאנטאַזיע, וואס איז גרינג און שיין. די יידישע געשיכטע איז א שטענדיקע מלחמה אַנטקעגן דעם פרימיטיוו-מענטשלעכן אין אונדז. וואס ווייטער פון דעם לעבן, אלץ בעסער, וואס הארטער אלץ געווינטשטער. איז דען פאראן אין דער וועלט א הארטערע זאַך, ווי די יידישע „הלכה״? א שטיינערנער באַרג, וו מען מוז אויסהאקן אלץ נייע וועגן; שטיינער, וואס דארפן אויס־

געפאָרמט ווערן. מען דארף שארפן דעם מוח, מען מוז אָנשטרענגען די דענקפעיקייטן צו דער העכסטער מדרגה, כדי צו געפינען אַ צוזאמענהאנג און אַ לאָגישע פארבינדונג. מיט די געוויינלעכע מעטאָדן קאָן מען נישט אויסקומען. אונדזער טעגלעכע, לאָמיר זאָגן, אייראָפעיש-אַריסטאָטעלישע לאָגיק, די לאָגיק, וואס שטייט אויף דעם זאַץ, אַז „א" איז „א" און קאָן נישט זיין „א", דעם אזויגערופענעם זאַץ „פון דעם אויסגעשלאָסענעם דריטן", אָט די לאָגיק, וואס איז דער יסוד פון דער מערב-אייראָפעישער פילאָזאָפיע און וויסנשאפט, איז נישט גענוג פאר דעם תלמוד. אנדערע כללים, אנדערע, ברייטערע פונדאמענטן זענען נייטיק. און די פאָרשער פון היינט, ווי, למשל, פראָפעסאָר שוואַרץ פון ווין, האבן מיט גרויסן שארפזין זיך באַמיט ארויסצושיילן פון דער תלמודישער פאָרמלאָזיקייט די לאָגישע פאָרם און באַווייזן איר פרוכטבאַרקייט, איר טעכניק. עס איז זייער מעגלעך, אַז די קומענדיקע דענקער וועלן זיך מוזן נאָכמער פארטיפן אין די מעטאָדן פון דער הלכה. די וויסנשאפט פילט זיך ענג און אומבאַקוועם אין דעם פאַנצער פון דער גריכישער לאָגיק. זי זוכט נייע וועגן. פון פרענסיס בעקאָן ביז בערטראַן ראָסעל אָדער דעם יידיש-דייטשן לאָגיקער הוסערל, ציט זיך אַ לאַנגע ליניע פון פארזוכן. מיר פילן, אַז די וועלט שטייט נישט אויף די פּאָר פשוטע און קלאָרע געזעצן פון אַריסטאָטעל. זי וויל זיך נישט אונטערגעבן. זי רייסט זיך אַרויס. און די תלמודישע לאָגיק, שווער ווי זי איז, פאָרמלאָז ווי זי ווייזט אויס, איז אפשר פראָדוקטיווער, ווי די שיין-איינגעאָרדנטע, פארענדיקטע, איינגעקעסטלטע לאָגיק פון די גריכן.

און ווייל זי איז אַזוי שווער, האָבן די יידן זי אזוי ליב געהאַט. יידן ווילן נישט קיין גלאַטקייט. יידן האבן פיינט פארענדיקונג. זיי ווילן נישט דעם גלייכן, אָפגעמאָסטענעם וועג: דאָ הייבט ער זיך אָן און אָט דאָרט הערט ער אויף. זייער וועג איז אין זיגזאַגן, אַ שרייפל-וועג, פלאַך און הויך — און ווידער פלאַך, אָבער שוין אויף אַ נייער דערהייבנקייט. און אָט פארלירט זיך דער וועג אינגאַנצן, מען זעט שוין גאָרנישט קיין ציל. פלוצלונג אָבער עפנט ער זיך ווידער אויפסניי — אַ נייע וויזיע, און אַן אומגעריכטע.

און אפשר איז דאס טאַקע די לעצטע סיבה, פארוואס יידן האבן נישט געשאַפן קיין קונסט און פארוואס די יידישע קונסט פון היינט אפילו איז אזוי אומרויק, קאָן זיך נישט איינגרענעצן אין די אויסגע-

ארבעטע פאָרמען, איז תּמיד אומצופרידן, זוכנדיק, צעריסן, מער צע=
שטערנדיק, ווי בויענדיק. דער ייד טרייבט צו גיך — פילט צו אינטענסיוו·
פון צושטאנד צו צושטאנד איז נישטאָ קיין איבערגאנג. אָבער קונסט
שטייט אויף פאלט מיט איבערגאנגען, מיט דעם „צווישן". מען קאָן זיך
גאָרנישט אויסמאָלן קיין יידישע איליאַדע אָדער אַ יידישע ענעידע.
וואָלטן די יידן געהאט אַ טראָיאַנישע מלחמה אָדער אַן עדיפּוס-לעגענ־
דע, וואלטן זיי זי דערציילט אין אַ פּאָר ווערטער, פּונקט ווי זיי האבן
דערציילט דעם גילגאמעש=עפּאָס. די געשיכטע פון דער וועלטשאַפונג
און דעם מבול אין עטלעכע קאַפּיטלען פון בראשית. ער וויל דעם
צענטראַל-געדאַנק און נישט די פּעריפערישע באשרײַבונג; ער וויל
דעם תּוך און נישט דעם טפל. ווי אזוי נח האט אויסגעזען, וואס
פאר אַ האָר ער האט געהאט, וואס פאר אַ קליידער ער האט גע־
טראָגן — דאָס אינטערעסירט נישט דעם ייד. ער באַנוגנט זיך מיט
דעם „ונח צדיק היה בדורותיו", ווייטער גאָרנישט. אָדער ווי וואלטן
די גריכן אויסגעצאצקעט די געשיכטע פון אברהם און שרה, אָדער
אַזאַ דראַמאַטישע דערציילונג ווי די „עקדה". דער ייד האט זיך באַ־
נוגנט מיט דעם אלגעמיינעם; די דעטאַלן זענען פאר אים געווען נישט
וויכטיק.

און ווען אפילו עס האט זיך אים פארבענקט נאָך קונסט, נאָך
דעטאַלן, נאָך ריין פּלאַסטישער באַשרייבונג, נאָך דעם „צווישן", האט
ער נישט געקאָנט אויסארבעטן קיין פארענדיקייט. ער האט נישט גע=
קאָנט גיסן קיין סטאַטועז פון בראָנז. ער האט זיך צופרידנגעשטעלט
מיט עסקיזן, מיט אָנווארף.

עס זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך פּרוּוון אויסצופירן און אויס·
צובילדן די יידישע לעגענדעס. די מדרשים זענען געווען די גרעסטע
אָנשטרענגונג פון דעם יידישן פאָלק. אָבער אויך דאָרט איז מען שטיין
געבליבן אין אָנהייב פון דער קונסט, דאס הייסט ביי דער אידעע און
ביי דעם מאַטעריאַל. ברילִיאַנטן — אָבער נישט אָפּגעשליפענע, נישט
איינגעפאסטע; מאַרמאָרבלאָקן — אָבער נאָך נישט קיין סטאַטועז.

דער איינציקער פאַרזון — אין אונדזער צייט — וואס גייט
נענטער צו דעם פאָרם-פּראָבלעם, איז געווען ביאַליק. זיין אגדות=זאַמ־
לונג, אין העברעיש, איז אפשר דער ערשטער פארזוך אָפּצושלייפן די
אלטע מארמאָר־שטיינער, צו געבן זיי אַ פאָרם און אַ קינסטלערישע
געשטאלט. זיין קינסטלער-אינסטינקט האט אים געוויזן דעם וועג דער·

צו, דעם וועג פון קונסט, דאס הייסט: הויך און טיף, קאָנטראַסטן, אויספילונג און אויספאַלונג.

אָבער די אייגענע לעגענדעס — אָן אַ קינסטלערישער באַאַרבע-טונג? אָבער ווען די „בריליאַנטן" ווערן באמת פארביטן, ווי ר' אבהו האט געטאָן -- מיט הויז-געצייג? עס קומט אפשם ארויס „פאָלקסטימ-לעך", אָבער צו יידיש-פאָלקסטימלעך, צו פאָרמלאָז און אָן אַ סטיל.

אָט ליגט פאר מיר אַזאַ זאַמלונג פון די תּלמודישע לעגענדעס: „אלע אגדות פון תּלמוד", אין 3 טייל, איבערזעצט און געאָרדנט פון תּשר"ק (ניו-יאָרק, 1922). תּשר"ק האט זיך געגעבן די גרעסטע מי צו זאַמלען די „פּערל פון דעם תּלמוד" — סיי פון דעם בבלי, סיי פון דעם ירושלמי; שאפן אַ מין נייעם עין-יעקב פאר דעם פאָלק. עס איז אַ נוצלעכע און נייטיקע ארבעט. מען קאָן דאס נישט לייקענען. אויב עס קאָן נאָך זיין אַ גרויסער ספק, צי מען דארף האבן און צי מען קאָן האבן אַ יידישע איבערזעצונג פון דעם תּלמוד, דאָס הייסט פון דער הלכה-ליטעראטור, איז דאס קיין שום ספק נישט, אַז עס איז אַ דרינ-גענדיקע נויטווענדיקייט אריינצוברענגען דעם מדרש אין יידישן לעבן, באַרייכערן די יידישע נשמה, וואָס ווערט פאַראָרעמט, פאַרוויאַנעט, מיט די אלטע אוצרות; ווייזן דעם פאָלק, וואָס האט אַ טונקעלן, אינסטינק-טיוון דראַנג נאָך שיינקייט, נאָך יידישער שיינקייט, דאָס ביסל, אָדער דעם „פיל", וואס מ'ר פארמאָגן.

אָבער — ליידער, איז דאָ אויך אַן „אָבער". תּשר"ק האט ארויסגעוויזן מער גוטע כוונה און ליבע צו דער זאַך, ווי די קראַפט אויסצופירן. ער האט נישט געקאָנט אריינגיסן די אלטע לעגענדעס אין אַ נייער פאָרם, אָדער צום ווייניקסטנס אויפהאַלטן דעם אלטן, אָריגינעלן רייץ פון דעם מזרח. עס וואָלט מיך, פארשטייט זיך, גע-פירט צו ווייט, ווען איך וואָלט געוואָלט אונטערזוכן יעדע לעגענדע פאר זיך, פארגלייכן די איבערזעצונג מיט דעם טעקסט. איך וויל בלויז אָנווייזן אַ פאָר ביישפּילן. אָט איז די וואונדערשיינע דערציילונג איבער „דודס פידל".

אין דער גמרא הייסט עס אַזוי: „אמר ר' שמעון חסידא, כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד וכיון שהגיע חצות הלילה ונושבת בו ומנגן מאליו. אז היה עומד ועוסק בתורה עד שעלה עמוד השחר. כיון שעלה עמוד השחר נכנסו חכמי ישראל אצלו אמרו אדוננו המלך עמך ישראל צריכים פרנסה. אמר להם לכו והתפרנסו זה מזה. אמרו

לו אין הקומץ משביע את הארי ואין הבור מתמלא מחוליתו. אמר להם לכו ופשטו ידיכם בגדוד, מיד יועצים באחיתופל ונמלכים בסנהדרין ושואלים באורים ותומים". תשר"ק גיט איבער די לעגענדע, אָבער אין דער איבערזעצונג ווערט פארלוירן די מערקווירדיקע שטארקייט פון דער דערציילונג. „דוד זעצט זיך לערנען תורה", איבערזעצט תשר"ק — „עוסק בתורה" הייסט עס אין אָריגינאַל. עס איז, דאכט זיך, דאס איי־גענע, אָבער עס איז דא אַ גאַנצער אָפּגרונט פון ניואַנסן. „לערנען תורה" — קלינגט בית־המדרשדיק. עוסק זיין אין תורה, באשעפטיקן זיך מיט תורה — דאס איז דער מזרח־טאָן. ווייטער, דער מדרש זאָגט, אַז די „חכמי ישראל" זענען אריינגעקומען צו דודן. תשר"ק גיט צו — „חכמי ישראל, די פאָרשטייער פון פאָלק" — אָט די פראַזע פון „פאָרשטייער" גיט אריין אַ דיסאָנאַנס. די גמרא זאָגט: „זיי האבן גע־פרעגט ביי די אורים ותומים" — תשר"ק דערקלערט עס: „אויב מען קאָן די מלחמה געווינען" — איך רעד שוין נישט דערפון, אַז דאס איז נישט קיין גוט יידיש. אָט דאס אוועקשטעלן פון דעם ווערבום צום סוף איז אַלטמאָדיש און דייטש — נישט יידיש. אויף יידיש דאַרף מען זאָגן: „צי מען קאָן געווינען די מלחמה". אָבער, אויסערדעם, וואס האט ער באדארפט בכלל אַזאַ צוגאָב? אין דעם טעקסט שטייט זי נישט, זי שוואכט אָפּ די שטימונג, זי ברענגט אריין אַן אַנדער אַט־מאָספער.

איך נעם אַן אַנדער ביישפּיל — עס איז אַ קליינע לעגענדע פון „יבמות" איבער גרים. קומט איינער און וויל ווערן א ייד, זאָגט דער תלמוד — פרעגט מען אים, צוליב וואס דארף ער עס, זעט ער דען נישט, ווי שלעכט עס איז צו זיין א ייד. ענטפערט ער אָבער, אז ער וויל פאָרט ווערן א ייד — נעמט מען אים אָן. דער תלמוד זאָגט: „אם אומר יודע אני ואיני כדאי, מקבלים אותו". דאס מיינט: „איך ווייס עס אַן פיל, אז איך בין עס נישט ווערט" — נישט ווערט צו זיין אַ שותף צו אזויפיל צרות און צו אזויפיל גרויסקייט. דאס איז אַ שטאָלץ און שיין און דערהייבנדיק וואָרט. אבער תשר"ק מאכט עס צו קליינגעלט. ער איבערזעצט עס: „איך ווייס דאס, נאָר פונדעסט־וועגן רעכן איך עס פאר א כבוד צו זיין אַ ייד". און דער גאנצער ענטפער פארלירט זיין שיינקייט.

איך וואלט געקאָנט נאָך ווייטער פירן די קריטיק. אָבער איך וויל נישט אריינגיין אין פילאָלאָגישע און טעקסט־קריטישע דיסקוסיעס.

עס טוט מיר בלויז באַנג, וואס אזא אַרבעט, ווי די איבערזעצונג פון אגדות, איז נישט געמאכט געוואָרן פון אַ מער קינסטלערישער האנט און אין א מאָדערנער, איך וואלט געזאָגט, מער ליטעראַרישער שפּראַך. עס טוט מיר לייד, וואס מיר האבן נישט אין יידיש אזא אויסגאַבע און איבּעראַרבעטונג פון די מדרשים, ווי די העברעישע פון ביאַליק. זי איז נייטיק. די אומבאַארבעטע בריליאַנטן פון דער אלטער יידישער פאַנטאזיע, פון דער אוי׳שפּרינגלעכער קונסט ווארטן אויף דער פאָרם. ווארטן אויף דעם נייעם קינסטלעריש=געוואָר־ענעם יידן.

# נייע הימלען און אַלטע קליידער.

זיי זענען געוואָרן חברים, שכנים, אויסגעוואַקסן אינאיינעם, אינאיינעם אין חדר געגאַנגען, תורה געלערנט ביי איין רבין. איינער איז געווען דער זון פון אמוץ און האָט געהייסן ישעיהו, דער צווייטער האָט געהייסן לוי און איז געווען דער זון פון שמעון. דער אַלטער אמוץ איז געווען אַ ייד אַ יחסן, פון די גרעסטע משפחות פון ירושלים. ער האָט זיך אָנגעקערט צו דעם קעניגלעכן הויף. עס אין געווען נאָר אַ קלאַנג, אַז ער איז אמציהס, דעם מלך פון יהודהס, אַ ברודער; אָבער עס איז געווען נישט מער ווי אַ קלאַנג. דעם אמתן סוד האָט קיינער נישט געוווסט, אַ חוץ אמוץ אַליין. און ער האָט געשוויגן.

שמעון איז געווען אַ פשוטער ייד, א גאַנץ געוויינלעכער בעל-באָס, אַ סוחר, וואָס האָט געהאט קאַראַוואַנען, געפאָרן מיט זיי קיין דמשק און קיין צידון, קיין מצרים און נאָך ווייטער. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען אַהיים פון זיינע נסיעות, מיט די קעמלען, אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, מיט גאָלד-געוועבן, מיט זילבער־כלים, מיט אַראַבישע פאַרפומען, מיט וויסן, פיינעם לייוונט פון מצרים — האָט ער דערציילט וווּנדערלעכע מעשיות איבער די לענדער, וואָס ער האָט געזען, איבער פרעמדע מנהגים, איבער חיות און פייגלען, איבער ווילדע מדבריות, און דער עיקר איבער די יידן, וואָס וואַנדערן אַרום איבער אַלע לענדער און האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן.

צווישן די צוהערער אויפן מאַרק אָדער פאַר דער שטוב פון שמעון דעם סוחר, זענען די נייגעריקסטע און פאַרגאַפטסטע געווען די צוויי יינגלעך — ישעיהו, דער זון פון אמוץ, און לוי, דער זון פון שמעון. און ווען זיי פלעגן ביידע גיין אַהיים פון דעם מאַרק,

אָדער זיצן אין אַ ווינקל פון דעם בית־המדרש, ווי זיי האָבן געלערנט, האָבן זיי ווײַטער געשפּונען דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט, צוגעמאָלט מיט זייער הייסער, יונגער פאַנטאַזיע די אומבאַשטימטע פאַרבן־אָרעמע ביל=דער, וואָס דער אַלטער שמעון האָט זיי געוויזן. און ביידע האָבן זיי זיך געגעבן אַ נדר צו גיין אין דער גרויסער וועלט אַריין, צו וואַנ=דערן איבער דער ערד.

זיי זענען געוואַקסן און באַלד זענען זיך זייערע וועגן צעגאַנ־גען. ישעיהו איז אַרויס פון דעם רשות פון דעם רבין און האָט זיך צוגעשאַרט צום קרייז פון די אומצופרידענע, פון די שטורמישע, פון די, וואָס דער ברייטער עולם האָט גערופּן — האַלב מיט שפּאָט — די „בני נביאים״. דער אַלטער אמוץ איז געשטאָרבן, און ישעיהו איז געוואָרן אַ היימלאָזער. ער האָט געוואַנדערט איבער די גאַסן פון ירושלים. ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דעם לעבן, פאַרבאָרגן זיך אין די בערג פון יהודה, און דאָרט געזוכט צו שטילן זיין בענקעניש צווישן די וויינגערטנער און דעם תמימותדיקן לעבן פון די פויערים.

איין שיינעם טאָג — ווען ישעיהו איז אַרומגעגאַנגען, ווי אין אַ חלום אין זיין קליין שטיבל אין אַן אָרעמער גאַס פון ירושלים, ווו ער האָט געלערנט מיט קינדער — האָט ער דערהערט אַ קול: „וועמען זאָל איך שיקן — און ווער זאָל גיין פאַר אונדז?״ ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז דער רוף, דער לאַנג=דערוואַרטער. עס האָט אים ביז אַהער געצויגן און ער האָט נישט געוווסט וווהין — אין די מדבריות פון אַראַביע, צי צו די ברעגן פון דעם טייך ניל? קיין בבל, אָדער אין סודותדיקע לענ=דער פון יענער זייט ים? עס האָט אים געצויגן נאָך נייע הימלען, דער הימל פון ירושלים איז געווען אַזוי וואָכעדיק. דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי איינטאָניק, קליינשטעטלדיק, אָפּגעזונדערט, באַגרענעצט. אַלצדינג אין אַ קליינער מאָס — אפילו די ווינד. אַלצדינג נאָכגעמאַכט — אפילו די קליידער פון די פרויען. אַלצדינג אַרײַנגעבראַכט פון דער פרעמד — אפילו דער געדאַנק.

די פּאָר געציילטע, וואָס האָבן אים פאַרשטאַנען, די עטלעכע אײַנגעדענקעדיקע, טיף=פאַרוואָרצלטע יידישע יונגעלייט, די פּאָעטן, האָבן זיך מתיאש געווען. זיי האָבן געהאַט אויך פאַרוואָס. דאָס פאָלק איז געווען טויב און האָט נישט געוואָלט הערן. איז געקומען צו אים מיכה, דער נביא, האָט דאָס פאָלק אים געפּאַטשט אין די

גאַסן, איז געקומען עמוס, דער טיפער, פיינער דיכטער, האָט מען געלאַכט פון אים, געשפּאָט פון זיין לשון, אָנגערופן אים: „דער שטאַמלער, דער כבד־פה" — און דאָס לעבן איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. דעם אייגענעם, אַלטן, אויסגעטראָטענעם וועג.

און זיי האָבן ווייטער געזאָגט: יידן זענען אַ פאָלק, וואָס מאַכט מיד, אַ פאָלק, וואָס האָט טענות, אַ פאָלק, וואָס איז מבזה דעם, וואָס מיינט גוט מיט אים, דעם, וואָס וויל אים אַרויספירן אויף נייע דרכים, אויפהייבן אים. דער, וואָס וויל ביי יידן זיין אַ נביא, מוז זיך ריכטן אויף בזיונות, אויף דערנידעריקונג, אויף אַ שווער לעבן.

אַזוי האָבן די בעסטע פון דער יידישער יוגנט גערעדט און מיט פאַרכמאַרעטע אויגן געקוקט אויף דער צוקונפט פון יהודה און ירושלים.

מיט דידאָזיקע געדאַנקען אין קאָפּ, מיט אַזאַ שטימונג אין האַרצן, איז ישעיהו אַרומגעגאַנגען אין זיין חדר און האָט געטראַכט און געקעמפט מיט זיך. ער האָט עס געזען קלאָר. ער האָט געזען די וואָלקנס, וואָס זאַמלען זיך אַרום די בערג פון יהודה. פון אַלע זייטן שונאים. זיי לויערן בלויז אויף דער שעה, ווען זיי זאָלן אָנפאַלן אויף ירושלים און איינעמען זי. אשור, בבל, מצרים, אדום, מואב — אַרום און אַרום. און די יידן פון ירושלים טראַכטן גאָרנישט פון דער סכנה, עס אַרט זיי נישט. זיי זענען צופרידן מיט דעם טאָג, וואָס קומט, פרייען זיך, ווען זיי קאָנען גוט עסן, און ווילן אַלץ מער און מער געניסן. די ווייניקע גרויסע יידן, די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די צייכנס פון דער צייט, די, וואָס האָבן געוווּסט צוליב וואָס ירושלים שטייט, וואָס איז איר זין, איר עצם, זענען געווען שוין אַלט און האָבן נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף דעם פאָלק און זיין לעבן.

יונגע, מוטיקע, קרבן־פריידיקע מענטשן האָט די צייט באַדאַרפט. מענטשן מיט ברייטע האָריזאָנטן, מיט אַ נייעם ווילן, און זיי זענען נישט געווען. עס זענען געווען שתדלנים, וואָס זענען געלאָפן ווי פאַרסמטע מייז פון ירושלים קיין מצרים, פון ירושלים קיין בבל, פון איין קעניג צום צווייטן, דעם אונטערגעקויפט, דעם צווייטן צוגעשמייכלט און צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. אינטריגירט, געמאַכט קונצן און געקומען גליקלעך און שטאָלץ אַהיים, ווען עס איז זיי געלונגען צו באַקומען עפּעס אַ שטיקל הבטחה פון אַ קעניג אָדער אַ „הויף".

זיי האָבן עס זיכער גוט געמיינט. זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען ירושלים. אָבער האָט מען זי באַדאַרפט ראַטעווען? אָט די ירושלים, ווי זי איז — אַ שטאָט און נישט מער ווי אַ שטאָט? איז דאָס אליין דער סוף און די גרענעץ? די מויערן פון ציון, די גרענעצן פון יהודה, דאָס שטיקל ערד, דאָס ביסל הימל — איז דאָס אַלץ?

און ישעיהו האָט געזאָגט צו דעם קול: „שיק מיך — איך וועל גיין, איך וועל רעדן — און לאָז מען מיט מיר טאָן, וואָס מען וויל — איך גיב אַוועק מיין לייב צו די, וואָס ווילן מיך שלאָגן, און מיינע באַקן צו די, וואָס שטרעקן הענט אויף צו פּאַטשן". — איינער מוז אויף זיך נעמען די שליחות. איינער מוז ווערן פריי פון יעדער מורא. מקריב זיין זיך, זיין כבוד, ווען עס מוז זיין און זיין לעבן ווען מען דאַרף עס. ירושלים איז דאָס ווערט. און ער איז אַרויס אויף די גאַסן און האָט מיט זיין העלער, קלינגענדיקער, זינגענדיקער שטים אָנגעהייבן זיין ליד: „שמעו שמים והאזיני ארץ, כי ה' דבר", — „הערט זיך איין, איר הימלען, און דו, ערד, האָרך אויף, גאָט רעדט!"

און אַ שרעק און פאַרוווּנדערונג איז געפאַלן איבער ירושלים. עס האָט זיך דערהערט אַ ניי וואָרט, דאָס וואָרט פון אַ נייעם הימל— און פון דער ווייטער, ווייטער ערד.

* *

*

און אין דער אייגענער צייט, ווען ישעיהו איז אַרויס אויף די גאַסן פון ירושלים, איז אויך זיין אַמאָליקער חבר און יוגנטפריינט, לוי, דער זון פון שמעון, אַרויסגעגאַנגען אויף דעם מארק — צום ערשטן מאָל. דער אלטער שמעון איז געשטאָרבן. און געשטאָרבן אין אָרעמקייט. די לעצטע פּאָר נסיעות, וואָס ער האָט געמאַכט, האָבן אים בדיל הדל געשטעלט. די בעדוינען אין דער מדבר זענען אָנגע- פאַלן אויף די קאַראַוואַנען, צעראַבעוועט די סחורות, צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט, אַלצדינגוו, אָס ער האָט אָנגע- זאַמלט אויף זיינע לאַנגע, שווערע רייזן. ער האט זיך געפרוווט נאָכאמאָל לאָזן אין וועג — געבאָרגט ביי פריינט, ביי חלפנים, וואָס גיבן געלט אויף הויכע פּראָצענטן — פאַרמשכונט דאָס הויז זיינס, אויספאַרקויפט אַלצדינג, וואָס ער האָט געהאַט, אַלצדינג, וואָס זיינע קרובים האָבן פאַרמאָגט, אָבער עס איז ווידער נישט געראָטן. די שיפן,

וואָס ער האָט אָנגעלאָדן זע:ען אונטערגעגאַנגען, די קנעלט, וואָס האָבן געטראָגן די קעסטלעך מיט סחורה, האָבן זיך צעבונטעוועט, און זענען אַנטלאָפן מיט די אוצרות. דער אַלטער שמעון איז קוים אַרויס מיטן לעבן. און אַן עלנטער, אַן אויסגעליידיקטער, האָט ער זיך קוים דערשלעפּט קיין ירושלים, ווּ ער איז אויך באַלד געשטאָרבן פון האַרצווייטיק.

לוי איז געבליבן אַ יתום, אָן אַ הויז, אָן געלט, אָן אַ צוקונפט. אָבער ער האָט זיך נישט לאַנג פאַרטראַכט. דער פאָטער האָט אים איבערגעלאָזן איין ירושה: די לוסט צו וואַנדערן. אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די וווּנדערלעכע מעשיות, וואָס שמעון האָט אים דערציילט פון די יידישע סוחרים, וואָס וואַנדערן איבער פרעמדע לענדער, אין די ווייטע מדינות, אונטער אַנדערע הימלען און — האַנדלען און ווערן רייך, האַנדלען מיט אַלצדינג, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט, שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר גאָרנישט, נעמען אויף זיך די שווערע מי — און זאַמלען, זאַמלען.

און לוי האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין. אים איז אויך ירושלים געוואָרן צו ענג. עס האָט אים אויך געצויגן צו נייע הימלען און ווייטע ימים.

און לוי איז געפאַלן אויף אַן עצה. ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, אַז אין די ווייטע לענדער מוז דער ייד אָנהייבן דעם מסחר — דווקא צווישן די אָרעמע, צווישן די, וואָס קענען נישט קויפן ביי די שטאָלצע און הויט-רייסנדיקע היימישע סוחרים. די רייכע, זיי דאַרפן נישט אָנקומען צום יידן; אָבער די אָרעמע, דאָס פאָלק, די, וואָס קויפן אַלטוואַרג פאַר ביליק, די, וואָס האָבן זיך ליב צו דינגען, וואָס קאָנען נישט צאָלן תיכף דעם פולן פרייז, וואָס נעמען סחורה אויף אויסצאָלן — מיט זיי קאָן דער ייד האַנדלען. „אַ ייד מוז אָנהייבן פּאַמעלעך, פּאַוואָליע, קו־קו — צוביסלעכווייז. אַ ייד מוז זיך אַרויפדראַפּען, אַרויפקלעטערן. אַ ייד דאַרף נישט שטעכן די אויגן, זיך נישט שטופן צווישן די רייכע און גרויסע. ער מוז וואַרטן, ביז זיי וועלן צו אים קומען — און זיי וועלן קומען, זיי מוזן קומען“.

דאָס איז געווען שמעונס צוואה צו זיין זון לוי, און לוי האָט זי פרום און ערלעך געהיט. מיט די פאָר סלעס, וואָס זענען געבליבן פון דעם פאָטערס גרויסן פאַרמעגן, האָט ער אָנגעהייבן צו קויפן אַלטע קליי-

דער פון די ירושלימער באַלעבאַטים און הויפּטזעכלעך פון די שיינע פרויען, וואָס פלעגן נישט טראָגן קיין קלייד מער ווי אַ פּאָר מאָל.

און איבער די גאַסן פון ירושלים האָט זיך דערהערט לויס קול: „אַלטע קליידער — ווער האָט אַלטע קליידער צו פאַרקויפן?”...

* *

*

און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהייבן — אַ שטורמישער, הייסער ווינט. זיינע כוואַליעס האָבן זיך צעגאָסן פון איין עק וועלט צום צווייטן, איבער ימים און מדבריות — פון מזרח קיין מערב און פון דרום קיין צפון. און ער האָט אַריינגענומען אין זיך די צוויי שטי־מען: „שמעו שמים” — האָט געקלינגען מיט מתיקות און התלהבות די שטים פון ישעיהו בן אמוץ. „אַלטע קליידער!” — האָט אים גע־ענטפערט דער טרוקענער, הכנעותדיקער קול פון לוי בן שמעון.

# צו שפעט.

אין אַ נייעם פראַנצויזישן ראָמאַן פון דעם באַוווּסטן שרייבער פיער בענוּאַ, וועגן דער נייער פּאַלעסטינע, דעם ראָמאַן, וואָס האָט אַ פּרעטענציעזן נאָמען, „יעקבס ברונעם״, און איז נישט מער ווי שונד מיט דעם פּאַלעסטינעזישן הינטערגרונט, האָב איך איבערגעלייענט אַ מערקווירדיקע שטעלע. דער הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן, אַ געוועזע־נער פּאַריזער אינטעלעקטועלער און דערנאָך אַ פאַרברענטער ציוניסט, איזאַק קאָכבאַ, דער טרוימער וועגן דער צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק — רעדט אויך וועגן דעם קריסטנטום און ציטירט „די וואונדער־באַרע ווערטער פון אונדזער גרויסן ענעלאַ בנוגע אונדזער באַציונג צו דעם זיסן נביא פון דעם גליל״. און די „וואונדערבאַרע ווערטער״ זענען: „אין אים (ד. ה. יעזוס) האָט זיך קאָנצענטרירט אַלצדינג, וואָס איז דאָס בעסטע, דאָס סודותדיקסטע, דאָס באַצויבערנדסטע אין דעם פאָלק ישראל, אין דעמדאָזיקן אייביקן פאָלק״.

איך ווייס נישט, ווער דערדאָזיקער „אונדזער גרויסער ענעלאַ״ איז. דער איינציקער ענעלאַ, פון וועמען איך האָב געהערט, איז אַ ראַביי אין ניו־יאָרק. און איך ווייס נישט פון ווען אָן דער ניו־יאָר־קער ראַבינער איז געוואָרן „אונדזער גרויסער״. איך ווייס אויך נישט, צי און ווו און ווען „אונדזער גרויסער ענעלאַ״ האָט געזאָגט דידאָזי־קע ווערטער וועגן יעזוס.

אָבער עס איז נישט קיין ספק, אַז דער פראַנצויזישער ראָמאַ־ניסט האָט נישט אויסגעטראַכט פון קאָפּ די ציטירטע ווערטער. ער ווייסט צו ווייניק וועגן יידן און יידישקייט, כדי צו קאָנען פאַנטאַ־זירן איבער זיי. ער האָט עס מן הסתם ערגעץ ווו געהערט, און אויב נישט אין פּאַריז, צווישן יידיש־ציוניסטישע אינטעלעקטועלן, איז אפשר

שאַקע אין פּאַלעסטינע גופא. און ווייל ער האט עס געהערט, און ווייל עס האלט באמת צווישן יידן אין באשאפן ווערן אַ נייע שטימונג, אַ נייע ווענדונג בנוגע דעם קריסטנטום, הויפּטזעכלעך בנוגע דער פּערזאָן פון דעם גרינדער פון דעם קריסטנטום, איז עס כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע — און אויב זי נישט אויסצושעפּן, ווייניקסטנס, זי באַרירן.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואס אַ יידישער ארויסגעבער האט עס געפונען פאר נייטיק גראָד איצט איבערצודרוקן אויפסניי אַ בוך פון דעם ענגלישן פילשרייבער און פילוויסער, דזשאָזעף דזשייקאָבס: „יעזוס, ווי אנדערע האבן אים געזעען" *), אַ מין היסטאָרישער ראָמאַן. אין דער פאָרם פון בריוו, אַ ראָמאַן וועגן דעם לעבן פון יעזוסן, ווי „אנדערע" האבן אים געזען; אנדערע, ד. ה. אומגלויביקע, נישט־קריסטן; אנדערע, ד. ה. יידן, אבער יידן, וואס זענען אויך אנדערש ווי די איבעריקע יידן אין באצוג צו יעזוסן. דער „אַנדערער" איז אַ סופר פון אַלעקסאַנדריע, משולם בן צדוק, וואס איז געווען אַ געוויסע צייט איינער פון דעם סנהדרין אין ירושלים, און דווקא צו דער צייט, ווען יעזוס האט דאָרט פאַרענדיקט זיין וועלט־היסטאָרישע־קאַריערע. און אָט דער אויסגעטראכטער משולם בן צדוק שרייבט צו זיינעם אַ גריכישן פריינט, אַ דאָקטאָר פון קאָרינט, אַגלאַאָפאָנאָס, דאס, וואָס ער האט „געזען מיט זיינע אייגענע אויגן". ער שרייבט די יידישע וואַריאַציע פון דעם „לעבן פון יעזוס".

זיס, זיסלעך, אומאָריגינעל און אזוי סענטימענטאַל איז דער דאָזיקער „ראָמאַן", אז רענאַנס צוקערזיסער „לעבן פון יעזוס" קלינגט כמעט ווי אַ שטרענגע, הארבע און אויפריכטיקע היסטאָרישע כראָניק. אזוי פלאַטשיק און פארקלענערנדיק, אַז עס איז גאָר אוממעגלעך צו פאַרשטיין, ווי אזוי אַזאַ מין „רבי", ווי אזוי אַזאַ מין „נביא" האט געקאָנט ווערן דער גרינדער פון אַ רעליגיע, דער קוואַל פון א גרויסארטיקער, טראגישער, אומגעהייערער אין אירע קאָנסעקווענצן וועלט־פּאַסירונג. דאס איז דאך דער אומגליק מיט אַלע אזעלכע ווערק. זיי ווילן דערנענטערן צום שכל דאס, וואָס איז גרויס גאָר דערמיט, וואס עס לייגט זיך נישט אויף דעם שכל. זיי ווילן אריינטראָגן פשטות דאָרט, וווּ די איינציקע קראַפט איז פאַרפלאָנטערטקייט. און נאָכמער, עס פעלט זיי מוט. זיי ווילן זיין אזוי „אָביעקטיוו", אַזוי „גערעכט", אזוי היסטאָריש, אַז זיי פארלירן יעדן

---

*) Jesus As Others Saw Him. A retrospect a. d. 54 by Joseph Jacobs. New York Bernard G. Richards Co., 1925,

חוש פאַר דעם עצם פון דער זאַך אַליין. און עס איז נישט קיין וווּנדער, וואס נישט רענאנס, נישט פאפיניס און נישט דזשאָזעף דזשייקאָבס „יעזוס" געפינען אַן אָפּקלאַנג און אַן ערנסטע אויפנאַמע — נישט. ביי די, וואס גלויבן אין אים און נישט ביי די, וואס גלויבן נישט פאר ביידע איז דאס צו סענטימענטאַל, צו ראָמאַנמעסיק. עס איז נישט מענטשלעך — עס איז אויך נישט מיסטיש. עס איז אַ קאָמפּראָמיס. און אין פראגן פון גלויבן זענען קאָמפּראָמיסן אוממעגלעך.

פּראָפעסאָר שעכטער האט שוין מיט יאָרן צוריק, אין זיין דרייטער סעריע פון „סטאַדיס אין דזשודאַיזם" אַנאַליזירט דזשייקאָבס יעזוס-ראָמאַן און אָנגעוויזן אויף זיינע היסטאָרישע פעלערן; באוויזן, אַז „משולם בן צדוק" איז אויך נישט געווען קיין אָביעקטיווער באָבאכטער, נאָר אַ שטיקל „פילאָקריסט", ד. ה. אַ ייד, וואס האט אַ נטיה צו די מדרשיכטישע, מיסטישע טענדענצן פון דער פריקריסטלעכער צייט. „משולם בויט אַ וועג פאר פאַולוס" — דאס איז דער אורטייל פון דעם גרויסן געלערנטן און אָביעקטיוון פאָרשער.

איך וואלט געגאַנגען אַ ביסל ווייטער און וואלט געזאָגט: משולם בן צדוק, אָדער דזשאָזעף דזשייקאָבס, און אלע די, וואָס ווילן איצט אויפנעמען אויפסניי די קריסטוס-פראַגע פון דעם יידישן שטאנדפונקט; אלע, דר. יוסף קלויזנער נישט אויסגעשלאָסן — בויען אַ בריק פאר דער „מארציאנישער", פאר דער אלטער, פון דער קריסטלעכער קירך באַקעמפטער און צעטרעטענער, און איצט ווידער אויפסניי־אויפלעבנדיקער טענדענץ פון דעם קריסטנטום — צו דערווייטערן קריסטוסן בכלל פון דעם יידנטום, ארויסרייסן אים מיטן שורש פון זיין מקור, אָפּטיילן דאס קריסטנטום ראדיקאל און אויף שטענדיק פון דער יידישער טראדיציע.

איך האב דערמאָנט נאָר וואס דעם נאָמען פון דר. קלויזנערי וואס האט ער געוואלט אייגנטלעך באַווייזן מיט זיין „חיי ישו הנוצרי"? אַ חוץ זיין לומדות, אַ חוץ די פארשידענע היסטאָרישע פאראַלעלן און פארגלייכן, אַ חוץ די צוריק-איבערזעצונגען פון יעזוסעס ווערטער אין זייער מעגלעכן אָדער ווארשיינלעכן העברעישן, אָדער אראַמישן אָריגינאַל — וואס פאר אן אויפקלערונג איבער דעם „וועזן פון דעם קריסטנטום" גיט ער אונדז? אָדער וואָס פאַר אן אזיפקלערונג,, וואס פאר אַ טיפערע פארשטענדעניש - און פארשטענדיקונג — גיט אונדז פּראָפ. ה. וואָלפסאָן אין זיין גייסטרייכער איינפירונג צום ראָמאַן פון דזשאָזעף דזשייקאָבס? זיי שטעלן זיך ביידע די פראַגע: וואס זאָל זיין די באַציונג פון דעם

נייע, יידנטום צום קריסטנטום אָדער, ריכטיקער, צו דער פּערזאָן פון יעזוס?

און ביידע ענטפערן כּמעט דאָס אייגענע: „ישו הוא בשביל האומה הישראלית בעל מוסר גדול וממשל משלים אמן... ואם יבוא יום ותורת מוסר זו תצא מתוך העטיפות של אמונת מסתורין ושל ספּורי נפלאות, יהיה ספר המוסר של ישו לאחת מן המרגליות היותר גאות שבספרות ישראל בכל הזמנים" (קלויזנער: חיי ישו, 448 —)

„יעזוס, דער יידישער מוסר־זאָגער, וואָס וואָרט בלויז אויף דעם טאָג, ווען ער וועט אויפגענומען ווערן צוריק אין כּלל ישראל, נאָכדעם ווי ער וועט ווערן באַפרייט פון דעם מיסטישן שלייער". און פּראָפעסאָר וואָלפסאָן זעט אַ וויזיע", ווי אין ארץ ישראל וועט אויפלעבן נאָכאַמאָל דער גייסט פון דער אגדה, פון דעם מדרש — און יעזוסעס ווערטער וועלן ווידער אַריין אין דעם מדרש־שאַץ, אין דער פאָלקס־שפּראַך, און אַן אַלטער דרשן אין גליל וועט אַמאָל דערציילן, אין דעם סטיל פון דעם אַלטן מדרש: „קום און זע, ווי גרויס איז דער כּח פון ישראל. עס איז געווען אַ מאָל אַ קינד אין גליל. מען האָט אים צוגענומען אין געפאַנגענשאַפט און אַוועקגעפירט אין דער גרויסער שטאָדט רוים. דאָרט האָבן זיי געמאַכט אַ גאָט פון אים. אָבער אייניקע זאָגן, אַז ער איז געווען בלויז גאָטס זון, און ווידער אַנדערע — אַז ער איז געווען גאָטס נביא. זיי האָבן געבויט טעמפּלען און קלויסטערס אין זיין נאָמען אין יעדן לאַנד... אָבער די נשמה פון דעם קינד איז נישט געקומען צו איר מנוחה, ביז זי האָט זיך נישט צוריקגעקערט אין גליל און געזען זיין נאָמען פאַרשריבן אין אַן אַלטן ספר לעבן די נעמען פון פּרושים, וואָס ער האָט אַזוי געשטראָפט... אָט אַזוי וועלן די יידן צוריק פאָדערן יעזוסן".

אָט אַזוי, און נישט אַנדערש? עס קאָן זיין. איך וויל נישט זאָגן קיין נביאות און האָב נישט קיין „חזיונות". איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ וועג עס וועט נעמען די יידישע אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל. איך האָף אָבער, אַז דאָס וועט נישט זיין דער וועג, וואָס דר. וואָלפסאָן מאָלט זיך אויס. איך האָף, אַז יידן וועלן זיך נישט צוריקקערן צו דעם אַלטן מדרש־סטיל, אַז זיי וועלן נישט פאַרגעסן אינגאַנצן אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געלערנט אויף זייער וואַנדערונג. און איך האָף, אַז זיי וועלן טראַכטן שאַרפער, שטאַרקער און שעפע־רישער. יעדנפאַלס — נישט סענטימענטאַל. ווייל סענטימענטאַליטעט

איז קיינמאָל נישט געווען אין דעם יידישן כאַראַקטער; ווייל גראָד דאָס האָט זיי ביז אַהער אָפּגעהאַלטן פון מאַכן א קאָמפּראָמיס מיט דעם קריסטנטום.

דער אומגליק מיט אַלע אונדזערע מאָדערנע קריסטוס־פאָרשער איז, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אינגאַנצן די פּערספּעקטיוו. זיי האָבן פאַרגעסן, וואָס דאָס קריסטנטום, אייגנטלעך, איז, און וואָס יעזוס באַדייט אין דער וועלטגעשיכטע. זיי מיינען — און אין דעם זענען מסכּים די יידישע קריסטוס־פאָרשער מיט די מאָדערנע קריסטלעכע — אַז די געשיכטלעכע באַדייטונג פון יעזוסן איז זיין מאָראַל, זיינע מאמרות, זיין באַרג־דרשה א. אז. וו. און זיי האָבן פארגעסן, אַז דאָס איז נאָך נישט קריסטנטום. „דאָס לעבן פון יעזוסן איז דער טויט פון קריסטוס". האָט אמאָל געזאָגט אַ דייטשער טעאָלאָג. און דוד פרידריך שטראַוס, דער מוטיקער און שאַרפער קריטיקער פון דעם קריסטנטום, האָט עס פאָרמולירט נאָך בולטער: „עס מעג זיין זייער דערנידערנדיק פאַר דעם מענטשלעכן שטאָלץ, אָבער עס איז פאָרט אַזוי: יעזוס וואָלט געוועזן געקאָנט זאָגן און טאָן אלץ דאָס גוטע און שיינע, דאָס איינזייטיקע און האַרבע, וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן — און עס וואָלט פאַרווייעט געוואָרן, ווי בלעטער פון דעם ווינט, ווען דער אַבערגלויבן וועגן זיין תחית־המתים וואָלט נישט צוזאַמענגעהאַלטן דידאָזיקע בלעטער" (ד. פ. שטראַוס: „דער אַלטער און דער נייער גלויבן").

דאָס איז דער אייגנטלעכער שליסל צום קריסטנטום. נישט די „תורת המוסר" פון „רבי ישו", נישט די שיינע ווערטער פון דעם גלילי, נישט זיין לעבן איז געווען און איז דער יסוד פון דעם קריסטנטום, נאָר זיין „לעבעדיק ווערן נאָך דעם טויט", נאָר דער גלויבן אין זיין גאָט־מענטשהייט. דאָס, און דאָס אַליין, איז קריסטנטום. נעמט מען אוועק די מיטאָלאָגיע פון דעם קריסטנטום און נישט בלויז עס פאַרשווינדט די קריסטלעכע רעליגיע, נאָר אויך דער מענטש יעזוס פאַרלירט זיין היסטאָרישע באַדייטונג.

עס זענען דאָ נישטאָ קיין קאָמפּראָמיסן. דאָס קריסטנטום האָט עס תמיד געפילט. די קאַטוילישע קירך — און די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע — האָבן זיך נישט זייער שטאַרק פאַרטיפט אין יעזוסעס מאָראַל. זייער ציל, זייער דאָגמע איז געווען — דער מיטוס וועגן קריסטוס,

און בלויז די פראָטעסטאַנטן, די עקסטרעם־לינקע צווישן זיי, ווייסן נישט וואָס צו טאָן און בלאָנדזשען. זיי האָבן נישט דעם מוט צו זאָגן אָפן, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דעם קריסטלעכן דענקען — און זיי קלאַמערן זיך אָן דעם היסטאָרישן יעזוס, גלייך ווי ער וואָלט געווען אויף דער וועלט אייניאיינציקער לערער און מייסטער און מוסר־זאָגער; גלייך ווי עס וואָלט געווען — אפילו ווען די גאַנצע געשיכטע פון יעזוסן זאָל זיין אַ היסטאָרישער פאַקט — בלויז איין מענטש אויף דער וועלט, וואָס האָט געליטן פאַר זיינע אידעען, געגאַנגען אין טויט פאַר זיין גוטסקייט, און גלייך ווי די מאַראל, וואָס יעזוס האָט געפרעדיקט, וואָלט באמת געווען די העכסטע, וואָס מענטשן קאָנען זיך פאָרשטעלן. אויב יעזוס איז געווען נישט מער ווי אַ „רבי" פון גליל, וואָס איז געשטרויכלט געוואָרן, פאַרוואָס זאָל ער איינעמען אַזאַ צענטראַלן פלאַץ אין דעם מענטשלעכן דענקען, און פאַרוואָס מוזן, זאָלן, דאַרפן יידן אים „צוריק פאָדערן", רעווידירן זייער באַציונג צו אים? צוליב וואָס דאָס גאַנצע סענטימענטאַלע, זיסלעכע גערייד איבער אים?

עס קאָן זיין, אַז ווען די יידן וואָלטן מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק געווען פּראַקטישער, אָדער „נביאישער", וואָלטן זיי געקאָנט אַרויסשלאָגן די קריסטן די וואָפן פון דער האנט, אַריינעמענדיק „ישו הגלילי" צווישן די בעלי-אגדה. עס קאָן זיין — אָבער זיי האָבן עס נישט געטאָן, און איצט איז עס שוין צו שפּעט.

דאָס ריסטנטום האָט דורכגעמאַכט זיין אַנטוויקלונג. עס איז מיד. עס געפינט זיך אין אַ שווערן קריזיס. דער מיטאָלאָגישער אינהאַלט איז אַרויסגעפאַלן. עס איז געבליבן די פאָרם, און פאָרם אָן אינהאַלט, לעגענדע אָן אַ מיין, טראַדיציע אָן אַ פאַרבינדונג מיט דעם גאַנצןווירקלעכן איבערלעבן און דענקען און וועלט=באַציען, האָט נישט קיין לעבנסווערט. יעזוס ווערט אַלץ בלאַסער און בלאסער, נאָכדעם, ווי קריסטוס איז נישט מער דער הערשער פון דער וועלט. און עס איז נישט די קומענדיקע אויפגאַבע פון דעם יידישן פאָלק, פון דעם יידישן דענקען, צו באַלעבן אויפסניי דאָס, וואָס די היסטאָריע האָט געלאָזט זיך אויסלעבן און צוגעפירט צו אַ נויטווענדיקער פאַרענדיקונג.

אמת, דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק האָט פאַר זיך אַ גרויסע און אַ שווערע אויפגאַבע. עס איז אפשר אונדז נאָכאַמאָל באַשערט

צו ווערן די רעליגיעזע דערנייערער און וועגווייזער פון דער וועלט; אָבער די ערשטע באַדינגונג איז — די באַנייערונג, דערהייטערונג, פאַרטיפערונג פון דעם יידנטום אליין דורך מעכאַנישע, אַריטמעטישע מיטלען. דורך פשוטער צולייגונג פון נאָך א „רבי" צו דער צאָל פון די אַלטע תנאים און אמוראים וועט דאָ ווייניק געהאָלפן ווערן. עס איז דאָך נישט נייטיק. דאָס יידנטום האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין קאָמפּראָמיס מיט קריסטוס.ן. עס דאַרף נישט מאַכן קיין קאָמפּראָמיס— מיט יעזוסן.

# דער וועג פון גײַסט.

אין איינעם פון זיינע טיפּזיניקע. געדאַנקענפולע ראָמאַנען גיט דער שפּאַנישער שריפטשטעלער פּאָ באַראָכאַ איבער אַ זייער אינטערעסאַנטע סצענע פון דער צייט פון דער פּאַריזער קאָמונע. באַריקאַדן אויף אַלע הויפּטגאסן. באַוואָפנטע אַרבעטער, ענטוזיאַזם, רויטע שלייפן, פולווערריך און האַרמאַטנדונער. ערגעץ אין אַ געסל, לעבן א באַריקאַדע, שטייט אַן אַלטער מאַן, אַ קליינער, גרויער, נישטיקער, מיט אַ פּאָר גרויסע, פאַרחלומטע גוטע אויגן. ער האַלט אויך אַ ביקס אין דער האַנט — אָבער ער שיסט נישט. ער טראַכט. אַרום אים טומלען אַרבעטער און אינטעליגענטן פון דער בורזשואַזיע. זיי קוקן, אַזוי צו זאָגן, אַרויף צו אים, וואַרטן אויף זיין וואָרט. און דער אַלטער זאָגט, ווי צו זיך: „דאָס איז אינגאַנצן נישט ווערט קיין סך. עס וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען. דער עיקר איז, אַז אַ קליינע גרופּע זאָל פאַרכאַפּן די מאַכט, אַ דיקטאַטאָרישע מאַכט — אויף פופציק יאָר און — דערציען, דערציען, דערציען".

דער אַלטער איז געווען — דער באַרימטער פראנצויזישער רעוואָלוציאָנער, דער גייסטיקער פאָטער פונם באָלשעוויזם: אגוסט בלאַנקי.

עס איז אפשר אַ ביסל צוגעפּוצט פון באַראָכאַס פּען. אָבער אין אַזאַ סביבה, אָדער אַן אַנדערער, אין איין פאָרמולירונג אָדער אין אַ צווייטער — עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט. דאָס איז געווען דער לעצטער, דער גרונטאָווונער געדאַנק פון בלאַנקי, עס איז דער געדאנק פון אַלע סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן און פירער פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אפילו דער גרונטמאָטיוו פון די באָלשעוויקעס. דער פעלער פון די פּאָליטיקער — און דער פעלער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער קלאַסישסטער פאָרם ביי בלאַנקיס תלמידים, די באָלשעוויקעס — איז, וואָס זיי זענען פּאָרט פּאָליטיקער. זיי קענען נישט אָפּזאָגן זיך

פון פּאָליטישע מעטאָדן, ד. ה. פון כּוח, מאַכט, צוואַנג. זיי ווילן — גייסט, אָבער אויף און דורך באַיאָנעטן. זיי ווילן דערציען — דורך צוואַנג און אונטערדריקונג. די פּעדאַגאָגן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער דערציונג פון דעם יחיד, האָבן שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז דער וועג פון גייסט גייט נישט איבער דעם מדבר פון מאַכט. און די מעטאָדע פון דער מאָדערנער דערציונג איז — דאָס לאַנגזאַמע וואַקסן, דאָס לאָזן זיך אויסרייפן, די שטענדיקע איבעררעדונג, דער לעבעדיקער ביישפּיל. דער איז דער אמתער לערער, וואָס לעבט אין זיין לערע. דער גייסט מוז אויסגעלעבט ווערן.

די סאָציאַלע פּעדאַגאָגן, די דערציער פון דעם כּלל האָבן זיך נאָך נים דערהייבן צו דער הויך פון דעם אינדיווידועל-פּעדאַגאָג. עס איז צו שווער. עס פאָדערט מער טאַלאַנט, גרעסערע גייסטיקע ענערגיע. און דאָס איז אַזוי זעלטן. זיי ווילן און מיינען און דענקען אָפט זייער גוט — אָבער זייערע מעטאָדן זענען שלעכט. זיי ווילן גייסט און מיינען פּאָליטיק. און דערפון קומט אַרויס אַ נייע פאַרמאַטעריאַליזירונג, אַ נייער נידערגאַנג. בלאַנקי איז געווען אַ ליכטיקע דערשיינונג. דער בלאַנקיזם איז פינסטער און ברוטאַל און שעדלעך.

גייסט אַנטקעגן פּאָליטיק, דאָס איז געווען אין אַ געוויסן זין — אָפט אומבאַוווּסט — די היסטאָרישע יידישע שטעלונג צו דער וועלט. די יידישע גאַס, דאָס יידישע פאָלק האָט דערפאַר אַזוי לאַנג געקענט אויסהאַלטן דעם אומגעהייערן דרוק, די מוראדיקע מאַסע פון האַס און פאַרפאָלגונג נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשאַפן אַרום זיך אַן אייגענע גייסטיקע אַטמאָספערע. און נאָכמער דערפאַר, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן זיך מיט דער פּאָליטיק, מיט מאַכט. די יידן אין די עלטערע צייטן — אין דעם העלעניזירטן מצרים, אין אַראַביע און פּערסיע, צו דער צייט פון מאַזדאַק, האָבן אַ פּאָר מאָל געמאַכט דעם פּאַרזוך — און דער אויסגאַנג איז געווען זייער טרויעריק. זיי זענען פיזיש צעדריקט, פאַרניכטעט געוואָרן.

אינסטינקטיוו גייט דער ייד נאָך היינט דעם אייגענעם אַלטן וועג. איבערגעלאָזט צו זיך אַליין, איז דער ייד דער אומפּאָליטישסטער מענטש פון אַלע אַרום אים. אָבער מען לאָזט אים נישט אַליין. מען פירט אים, מען צווינגט אים אריבערנעמען די אַלגעמיינע מע-

טאָדע, די הערשנדיקע. און ער מוז פאַרבויגן זיך אַליין, פאַרלייקענען זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט.

און דער יידישער דור — אין זיין קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַ= לער עקזיסטענץ און אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, — האָט אָנגענומען די גאַנצע פראַגע נישט ביי דעם ריכטיקן ענד. נישט אין דעם פּאָזיטיוון און נישט אין דעם נעגאַטיוון זין. מען מאַכט פּאָליטיק דאָרט, ווו מען מוז שאַפן קולטור, מען אָרגאַניזירט זיך פּאָליטיש, אויסערלעך, דאָרט, ווו דאָס וויכטיקסטע איז די אָרגאַניזאַציע פון דעם גייסט.

איך וויל זיך דאָ דערווייל באַגרענעצן פון איין זייט מיט דער פראַגע, מיט איין דערשיינונג פון דעם גאַנצן ברייטן קאָמפּלעקס פון דער יידישער פראַגע — מיט דעם יידישן פּראָבלעם אין אַמעריקע.

אַז אַזאַ פּראָבלעם איז פאַראַן — ווער לייקנט דאָס? נישט אַמעריקע און נישט די יידן. וואָס אַ טאָג ווערט ער שאַרפער אַוועק- געשטעלט. מען רעדט נישט דערפון צו אָפט און נישט צו הויך, צום טייל דערפאַר, ווייל די אַנגלאָ-זאַקסן בכלל האָבן אַ נאַטור צו באַהאַלטן זייערע אמתע געפילן, צו פאַרשטעלן זיך, צו פאַרשווייגן זייערע עמאָציעס, אָבער אויך דערפאַר, וואָס די אַמעריקאַנער ווילן זיך נאָך נישט אָפּזאָגן פון זייערע אַלטע, פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן — אויב נישט אין דער ממשותדיקייט, אָבער, לכל=הפחות, אין דיזם וואָרט, צו אַ גרויסן טייל אָבער דערפאַר, וואָס די יידן אַליין גיבן זיך די גרעסטע מי צו פאַרשטיקן, פאַרשטילן די פראַגע. „מ׳מוז דערפון טראַכטן, קיינ= מאָל דערפון נישט רעדן”, ווי גאַמבעטאַ האָט געלערנט די פראַנצויזן נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון 1870 און דעם געבורט פון דער רעוואַנש- אידעע.

אָבער עס העלפט נישט. מען האָט אין פראַנקרייך אויך פער־ ציק יאָר אָנגעטאָן זיך די מי, „קיינמאָל נישט צו רעדן” וועגן דער פראַנצויזיש־דייטשער שנאה, אָבער מען האָט דערפון תמיד געטראַכט. און סוף־כל־סוף איז דאָס דענקען איבערגעגאַנגען אין טאָטן. דאָס צו לאַנגע פאַרשווייגן האָט פאַרשאַרפט — ווייל פאַרטיפט — די שנאה, און עס וואָלט תמיד בעסער געווען פאַר פראַנקרייך און פאַר דער גאַנצער וועלט, ווען די פראַנצויזן וואָלטן מער גערעדט און ווייניקער געטראַכט אין יענע פערציקער יאָרן. מען וואָלט זיך געוועז אויסגע-

רעדט און דורכגערעדט. עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס כּרוידס טעאָריע פון גייסטיקער דייסטעני איז אַזוי שפּעט באַקאַנט געוואָרן: זי וואָלט אפשר געקאָנט ווערן אַ גרויסער פאַקטאָר אין דער אייראָפּעישער געשיכטע. און אויך א היילמיטל.

פאַרשווייגן דעם אַנטיסעמיטיזם — אין וואָס פאַר אַ פאָרמען ער זאָל זיך נישט אַרויסווייזן — וואָס וואַקסט אין אַמעריקע. איז אַן אַלטע, אַ „דייטש=יידישע" שטרויס-פייגל-פּאָליטיק. וואָס מער מען רעדט דערפון, איז בעסער, בעסער פאַר אונדז און פאַר דעם לאַנד. אבער ווי אַזוי רעדן? קלאָגן זיך, דונערן, זידלען זיך, באַשולדיקן יעדן קריטיקער פון יידן אין אַנטיסעמיטיזם, צונויפמישן אַלע אינאייינעם, דעם פּאָגראָמשטשיק אין דעם „א=סעמיט", דעם, וואָס האָט נישט פיינט קיין יידן, נאָר וויל זיך גלאַט האַלטן ווייטער פון זיי?

ס'איז ווידעראַמאָל דער אַלטער אַלטמאָדישער, אַלטוועלטלעכער קאַמף: אזוי ווי ער איז געווען אין רוסלאַנד אָדער מזרח=אייראָפּע, בכלל, דאָרט, ווו דער קאַמף פאַר אָדער קעגן יידנטום האָט געמיינט קאַמף פאַר עקזיסטענץ, פאר פּאָליטישע רעכט, פאַר מעגלעכקייטן צו וווינען, צו לעבן, צו לערנען, זיך צו אַנטוויקלען. איז פון איין זייט די אַטאַקע געווען, ווי מען זאָגט מיליטעריש, אַ „פראָנטאַלע" — אַן אָנגריף אויף דעם גאַנצן, האָט אויך די פאַרטיידיקונג געמוזט זיין אַזוי: אַ געשלאָסענער פראָנט אַנטקעגן א נעשלאָסענעם, פיינטלעכן פראָנט. דער עיקר איז געווען — באַזיגן. וואָס ווייניקער זעלבסט=אַנאַליז, אַלץ בעסער. חשבון הנפש שוואַכט אָפּ דעם מוט, פאַרפיינערט און פאַראיידלט צופיל.

אַזאַ מעטאָדע אין אמעריקע האָט נישט נאָר קיין באַרעכטיקונג, זי האָט אויך נישט קיין סטראַטעגישן ווערט. קיינער אַטאַקירט נישט די יידן — פון דעם פראָנט. קיינער, אפילו די נייע אַנטיסעמיטן, רעדט נישט — אפילו ווען ער טראַכט — פון א באַגרענעצונג פון יידישע בירגעררעכט. אַזאַ סטאַדיע פון אנטיסעמיטיזם איז בכלל אַן אַריבערגעשפּאנטער אין דער גאַנצער וועלט, בפרט אין אמעריקע, ווו מען וואָלט זי ערשט געדאַרפט אָנהייבן. דער סכסוך צווישן יידן און אַמעריקאַנער איז נישט קיין פּאָליטישער, אפילו נישט קיין עקאָנאָמישער. עס איז אַ פסיכאָלאָגישער. צוויי טעמפעראַמענטן, צוויי וועלט=אויפפאַסונגען, צוויי פאַרשידענע צוגענג צום לעבן. דער אמעריקאַ-

נער: רויק, זיכער, זעלבסט-זיכער, מער מאָראַליש ווי אינטעלעקטועל, יונג, אויב נישט אָפּט צו יוגנטלעך. דער דורכשניטלעכער אַמערי־קאַנער, האָט דערקלערט אַ פּראָפעסאָר פון קאָלאָמביאַ, האָט זיך אָפּ־געשטעלט אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג ביי דעם דרייצן אָדער פערצן־יאָריקן יינגל. עס קאָן זיין, עס איז נישט בלויז אַזוי דער אַמע־ריקאַנער, מען קען דאָס זאָגן פון אַ סך אַנדערע פעלקער. ביים אַמע־ריקאַנער איז דאָס בלויז בולטער, ווי ביי אַנדערע. דער אַמעריקאַנער איז כשוט, ער האָט ליב קלאָרע פאָרמולעס, פשוטע, פאַרשטענדלעכע ווערטער, קורץ און אָן חכמות. ער איז אַזוי נישט אַנטי־אינטעלעק־טועל, ווי אַנטי־פילאָזאָפיש. ער האָט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם גע־ווייזנעם, אָבער דאָס געוויזענע שפּיגלט זיך אָפּ ביי אים אין עטלע־כע פאַראיינפאַכטע בילדער. דער טיפּישסטער פאָרטרעטער פון דעם אַמעריקאַנער אינטעלעקט אין דער העכסטער פאָרם איז — וודראָו ווילסאָן. און ער איז דער פשוטסטער, „איין־וועג׳יקסטער" פון אַלע פירנדיקע גייסטער אין דער מאָדערנער צייט.

איינזייטיק און איינוועגיק אין גוטן, ווי אין שלעכטן. און איינ־טאָניק. עס איז נישטאָ קיין איין לאַנד אין דער וועלט, וו מען זאָל קאָנען מיט אַ „שלאָג־וואָרט" באַהערשן די מוחות פון מענטשן, ווי אין אמעריקע. איבער נאַכט קען מען דאָ אַלצדינג פועלן — דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע. אַזוי איז דער כאַראַקטער פון עמאָציאָנעלע מענטשן. כהרף־עין — ווערט „פּראָהיבישאָן" און אין אַ מינוט אַרום האָט מען שוין חרטה. שיער, שיער האָט מען נישט פאַרבאָטן דאַר־ווינען און די גאַנצע מאָדערנע קולטור. מען וואָלט זיך זיכער געכאַפּט פאַר דעם קאָפּ אין אַ טאָג אַרום, אָבער עס וואָלט שוין געווען אָפּ־געטאָן. און עס וואָלט געקאָסט גרויסע מי ווידער גוט מאַכן דעם פעלער.

און אַנטקעגן אַזאַ גרונטשטימונג, אַזאַ גייסטיקער אָריענטירונג האָט צו קעמפן דער יידישער אינטעלעקט און דער יידישער כאַראַק־טער. צו קעמפן — מיינט מען נישט צו באַקעמפן, נישט אין פיינט־שאַפט און לאָקערונג, נאָר אין ווילן זיך מיט איר צונויפגיסן, צו פאַר־שמעלצן, אָבער אַזוי ווי עס ווערן צונויפגעשמאָלצן פאַרשידענע מע־טאַלן: עס ווערט אַ נייער גוס.

וואָס שטעלן מיר אַנטקעגן דעם „אַמעריקאַנערטום"? אַנטקעגן

דער רויִקייט פון דעם ווילן – די אומרויִקייט, דאָס זוכעניש, דעם שטורעם פון דעם גייסט. אַנטקעגן דער „היימישקייט" און דער פשטות — דאָס אייביקע פרעמד זיין — פרעמד אין אַ וועלט, ווו אַלצדינג איז ווונדער־ניי און אַלט – אין קאָמפּליצירטקייט. יידן זענען די קאָמ־פּליצירטסטע מענטשן אויף גאָטס ערד. נישט אומזיסט איז דאָס יידישע דענקען – ווען עס דערגרייכט די העכסטע מדרגה – אַזוי שווער פאַרשטענדלעך. דער פשוטער געדאַנק פון אַנדערע נעמט ביי אים אָן אַזעלכע פאַרוויקלטע פאָרמען, אַז עס איז אָפט שווער צו פאַר־שטיין זיינע וועגן. פאַרגלייכן שפּינאָזאַ און זיין לערער דעקאַרט, קאַנט און זיין מלמד שלמה מיימון, הערמאַן קאָהען און געאָרג זימעל. דאָס, וואָס ביי דעם נישט־יידן איז געווען סיסטעם, פאָרם, איינזייטיקייט, איז ביים יידן אין די הענט געוואָרן אַ צוזאַמענגעפּלאָנטענער געוועב פון וועלטמאָטיוון.

אומעטום, ווו דער ייד האָט זיך צוגערירט, איז דאָס לעבן גע־וואָרן רייכער. אין פינאַנסן און אין גייסט. רייכער — אָבער אויך פאָרמ־לאָזער. און דאָס איז איינער פון די גרויסע פעלערן, וואָס די קולטור־וועלט קאָן אונדז נישט מוחל זיין. מיר צעשטערן די פאַרטיקייטן, די געגעבנקייטן. צו דעם, וואָס איז — לייגן מיר צו אַ „זאָל זיין". און עס צערייסט דעם שפּינגעוועב. מיר שפּילן אָפט די ראָל פון מע־פיסטאָפעל, וואָס קען קיינמאָל נישט זאָגן „יאָ" — „אַזוי זאָל עס בלייבן", „אַזוי איז דאָס גוט". עס איז אַ שעפערישער אומגעדולט, וואָס טרייבט אונדז.

אָבער אומגעדולדיקע זענען אָפט נישט קיין אַנגענעמע שכנים. זיי רייסן זיך. זיי איילן זיך, אַלצדינג צו גיך, אָן אַ מאָס. אין ליידן, ווי אין פרייען זיך. אין צרות, ווי אין נחת. אומגעדולדיקע האָבן נישט קיין מאַניערן. ווייל מאַניערן הייסט – האָבן צייט. מאַניערן מיינט — מידות, און מידה איז מאָס, פאַוואָלעקייט, בנעימותדיקייט.

אין דער אַלטער וועלט, ד. ה. אין רוסלאַנד, אין פּוילן — האָבן מיר נישט באַדאַרפט האָבן קיין מאַניערן. קיינער האָט זיי נישט פאַרלאַנגט. אָבער אין אַמעריקע פאַרלאַנגט מען עס פון אונדז. און מען שענקט אונדז נישט קיין איין טאַקטלאָזיקייט, קיין איין פאַלשן שריט.

וואָס נעטער, וואָס ענגער די באַרירונג פון ייד און נישט־ייד, אין אַמעריקע, אַלץ בולטער ווערן די חסרונות און די מעלות פון דעם יידן. און ווי די נאַטור פון טעטשן איז — די חסרונות פאַרטונקלען די מעלות, זיי גיבן דעם טאָן. און וואָס מער מיר גייען אַריין אין דער אַמעריקאַנער קולטור־געמיינשאַפט — אַלץ איזאָלירטער ווערן מיר.

איך ווייס נישט, צי עס וועט אַמאָל געראָטן פּטור ווערן פון דער יידן־פראַגע. אזוי לאַנג, ווי די אלטע ירושות וועלן בלייבן — זיכער נישט. אפשר אַמאָל, ווען זיי וועלן זיך אַלע אויסוועבן! מיר קאָנען אויך נישט דערוואַרטן, אַז אַמעריקע זאָל זיין אַן אויסנאַם, אַ היסטאָרישער פּאַראַדאָקס. אַ לאַנד מיט אַ סך יידן — אָן אַ יידן־פראַגע! פאַרוואָס קומט עס אים? אָבער אויב שוין אַ יידן־פראגע — זאָל עס כאָטש זיין כדאי, זאָלן כאָטש די יידן דאָ אויסנוצן אלע געלעגנהייטן און דערהייבן זיך צו דער העכסטער מדרגה, ווי זיי קענען נאָר. זאָל דער אַמעריקאַנישער פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע ווערן די צווייטע און פאַרבעסערטע אויסגאבע פון דעם שפּאַניש־יידישן פּעריאָד, דער גרעסטער און דער שענסטער אין דער יידישער געשיכטע: די פאַרשמעלצונג פון יידישקייט, יידישן גייסט און יידישן ווילן מיט דער אויסערער קולטור פון דער צייט. מיר דאַרפן געבן אַמעריקע אַלצדינג, וואָס די גרונטראַסע קאָן איר נישט געבן: קאָלאָריט און פּילזייטיקייט. מיר דאַרפן נעמען ביי אַמעריקע דאָס, וואָס אונדזער געשיכטע האָט אונדז געראַבעט: זיכערקייט און מאָס. מיט אַנדערע ווערטער: מיר מוזן זיך באַוווסטזיניק איבערדערציען — כדי דערנאָך צו ווירקן. די פּאָליטיק פון די יידן אין אַמעריקע דאַרף דערפאַר נישט זיין קיין „פּאָליטיק", נאָר אַ גרויסע גייסטיקע ארבעט: זעלבסט־קריטיק. די איבערשאַצונג פון אַלע אונדזערע ווערטן, די איבערשמעלצונג פון אונזערע אוצרות.

מען קאָן עס אָנרופן אסימילאַציע — אויב מען וויל. אָבער דאָס וואָרט האָט אָנגעוואָרן זיין שרעק. יעדנפאלס, דאָ אין אַמעריקע, ווו קיינער קאָן זי נישט צוריקהאַלטן. נישט אַסימילאַציע איז מסוכן פאַר דעם יידנטום, — די שפּאַנישע יידן זענען אויך געווען „אַסימילירט". נאָר דאָס אָפּזאָגן זיך פון דעם מקור, דאָס אָפּרייסן זיך פון

דער יידישער ליניע, דאָס איז נישט אַסימילאַציע, דאָס איז פּשוט באַהאַלטן זיך אין קעלער, און פֿאַר אַזאַ אַסימילאַציע איז אין אַמע=ריקע נישטאָ קיין פּלאַץ. די צאָלן דערלאָזן נישט. אַסימילאַציע איז טאָפּלזייטיק: אַסימילירנדיק זיך מיטן צווייטן, אַסימילירט אים אויך צו זיך, — נעמען און געבן. משפּיע זיין און מקבל זיין. דאָס איז די נייע אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין דייטשלאַנד — אַ נאַ-ציאָנאַל-באַוווּסטזיניקע אַסימילאַציע, אַ פֿאַרשטעלונג פֿון דייטשער און יידישער קולטור — און אַזאַ אַסימילאַציע איז מעגלעך, איז היסטאָריש נייטיק אין אַמעריקע. עס איז דער איינציקער וועג פֿון דעם אַמערי=קאַנער יידנטום — און פֿאַר אַמעריקע, וואָס האָט פֿאַר זיך דעם יידישן פֿאַקט, דער וועג פֿון דערנענטערן און זיך דורכדרינגען פֿון די ביידע קולטורן, דער וועג פֿון גייסט.

# נדבה און צדקה.

„דעלעגאַציעס", „משולחים" — יעדן טאָג נייע. מען האַלט אין איין רייסן, אין איין שינדן, אין איין מאָנען אָדער בעטן! וואָס ווילן זיי, וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף אונדז? וואָס איז, מיר זענען אַ פּאַס אָן אַ דנאָ? מיר האָבן קורחס עשירות?"

איך הער זיי זיפצן, איך זע זייערע רחמנותדיקע פּנימער,—און עס פאַרקלעמט מיר ממש ביים האַרצן. באמת, וואָס „וויל מען" פון דעם אַמעריקאַנישן יידן? וואָס האָט „מען" זיך אָנגעזעצט אויף אים? אַז וואָס עס זאָל נישט זיין — „לך אל בני אַמעריקע"; אַז וואָס פאַר אַ צרה עס זאָל זיך נישט טרעפן, קומט מען קיין אַמעריקע, גייט מען צו די אַמעריקאַנער יידן, פאָדערט מען ביי די אַמעריקאַנער יידן. אָט איז עס רוסלאַנד, אָט איז עס פּוילן. דאָרט שלאָגט מען אין רומעניע — דער אַמעריקאַנישער יידישער בייטל דאַרף זיך עפענען. עס איז נישטאָ קיין איין לאַנד פון דעם מזרח-אייראָפּעיִשן יידישן ישוב, וואָס זאָל נישט, ביי אַזאַ געלעגנהייט אָדער אַן אַנדערער, אַרויפוואַרפן זיין פּעקל אויף אַמעריקע.

און אַמעריקע זיפצט און דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קלאָגט זיך: עס איז צופיל, עס איז נישט אויסצוהאַלטן.

איך האָב געפּרוּווט זיך צו טיילן מיט די רחמנות-געפילן, וואָס האָבן אָנגעפילט מיין האַרץ, מיט איינעם פון מיינע באַקאַנטע, אָבער דווקא אַזעלכן, וואָס האָט זיך ליב צו גריבלען אין ציפערן און פאַקטן. איך האָב דערוואַרט פון אים אויך אַ געוויסע סימפּאַטיע פאַר אונדזערע „אָרעמע" אַמעריקאַנער גבירים.

„זעט", — האָב איך מיט אים גערעדט, — „זעט, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר פּאַק יידן זענען, וואָס פאַר אַן אומה פון רחמנים בני

רחמנים! זיי טראָגן אויף זיך אַזאַ עול. קיין שום אַנדער פאָלק וואָלט אים נישט געוואָלט טראָגן. וואָס ווייסן „זיי״, די אַנדערע פעלקער, פון „צדקה״! דאָס איז דאָך די יידישע אינסטיטוציע, דאָס איז דער פסיכישער גרענעץ, דער קולטור-פּרובירשטיין. עס קען זיין, אַז מיר, יידן, שטייען גאָרנישט אַזוי הויך אינטעלעקטועל. יעדנפאַלס נישט העכער פון די איבעריקע פעלקער. מיר האָבן אַ פּאָר גאונים, געניאַלע דענקער און געלערנטע, און וויפל האָבן „זיי״! אָבער אין האַרץ-קולטור שטייען מיר דאָך זיכער אין דער שפּיץ! אַ סימן — צדקה״.

אָבער מיין פריינט איז געווען אַן אכזר. ער האָט געשמייכלט מיט אַ האַלבן מויל — אַ ביטערער, אַ בייזער שמייכל.

„אַזוי, אַזוי, צדקה! מיר און זיי! האַרץ-קולטור! שיין. איך ווייס, איך ווייס, איר וועט באַלד בויען גאַנצע בערג פון פּלפּול, גאַנצע פסיכאָלאָגישע און מעטאַפיזישע שיטות אויף דער הנחה. אָבער וואָס וועט איר זאָגן, ווען איך וועל אייך ווייזן, אַז די הנחה אַליין איז גאָרנישט אַזוי ריכטיק אזאַ עקסיאָם, ווי עס ווייזט זיך אייך אויס? וואָס דאַרפן מיר האָבן חקירה — לאָמיר בעסער זיך איינהערן אין ציפערן.״

„איר זאָגט: מיר און זיי! איר שטעלט אַנטקעגן אונדזער צדקה-פּרינציפּ זייער גלייכגילטיקייט, האַרטקייט, א. אַז. וו. איך בין מיט אייך מסכים אין דעם צווייטן פּונקט. זיי — און אונטער „זיי״ מיין איך כמעט אַלע מערב-פעלקער, צי דאָס זענען אַנגלאָ-זאַקסן אָדער ראָמאַנען — זיי זענען גלייכגילטיק צו דעם גורל פון דעם איינצלנעם, פון דעם יחיד, וואָס הונגערט, וואָס פרירט, וואָס ליידט. און איך וועל אפשר צוגעבן, אַז דער ייד, אַזיי ווייט, ווי ער האָט אין זיך נאָך אַ ניצוץ פון דער אַלטער קולטור, פילט מער דעם ליידנדיקן, רופט זיך גיכער אָפּ אויף דער נויט פון דעם מאָמענט. דער ייד איז תמיד גרייט צו געבן אַ נדבה. אָבער דאָ הערט אויך אויף דער אונטערשיד. דער ייד שטעלט זיך אָפּ ביי דער נדבה, און גייט נישט ווייטער. צו „צדקה״ קומט עס נישט. נדבה איז געפיל, צדקה איז אַן אָנשויונג; צדקה איז דער באַוווסטזיין פון חוב, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נדבה איז אַ פּערזענלעכע באַציונג, צדקה — אַ געזעלשאַפטלעכע; נדבה איז געשאַנק, צדקה — גערעכטיקייט. און זיי — אָבער לאָזן רעדן די ציפערן.

„אָט ליגן פאַר מיר סטאַטיסטישע דאַטעס: די צדקה אין

אַמעריקע נאָר דעם לעצטן יאָר, דעם יאָר 1927. און קוקט: עס איז געשטאָרבן פּעין וױהיטני, איבערגעלאָזט אַ צוואה — פּופציק מיליאָן דאָלאַר פאַר צדקה, צעטײלט צװישן יעיל אוניװערזיטעט, דעם ניו־יאָרק האָספּיטאַל, דעם קאָרנעל אוניװערזיטעט, דעם ניו־יאָרק פּאָבליק לײבראַרי, א. אַז. װ.

„געשטאָרבן אײנער עדװאַרד ד. ליבי, אַ גלאָז־פאַבריקאַנט, אין טאָלידאָ, אָהײאָ, איבערגעלאָזט צװאַנציק מיליאָן דאָלאַר פאַר אַ קונסט־מוזײ אין טאָלידאָ. דזשאָן װאָלעס רידלי — דרײ מיליאָן דאָלאַר פאַר אַ קאָלעדזש. מעי קוירטיס באָק — זיבן מיליאָן דאָלאַר פאַר אַ מוזיק־אינסטיטוט. דזשאָרדזש פ. בײקער — אײן מיליאָן דאָלאַר פאַר האַרװאַרד, א. אַז. װ. עדװאַרד ס. האַרקענעס — אײן מיליאָן דאָלאַר פאַר אַ מעדיצינישן צענטער אין קליװלאַנד, אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם סט. ענדרו אוניװערזיטעט אין סקאָטלאַנד, אַ פערטל מיליאָן פאַר קאָלגײט יוניװערסיטי, אַ פערטל מיליאָן פאַר דעם „יונײטעד האָספּיטאַל פאָנד” אין ניו־יאָרק, צװײ הונדערט טױזנט דאָלאַר פאַר דעם דזשאָן האָפּקינס אוניװערזיטעט אין באַלטימאָר, א. אַז. װ.

„עס װאָלט פאַרנומען צו לאַנג אױסצוצײלן די אַלע סומען, װאָס אַמעריקאַנער גבירים, און צװישן זײ מענטשן, װאָס זענען גאָר װײניק באַקאַנט דער װעלט, האָבן סײ בײם לעבן, סײ אין דער צוואה אױסגעגעבן אױף צדקה. געװאַלטיקע סומען, און אַלע פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן, קאָנסטרוקטיװן צװעק. עס איז מעגלעך, אַז דער אײגענער מר. רידלי אָדער מר. ליבי האָבן געגעבן אײן־אײנציק מאָל אױף זײער לעבן; איך קען זיך פאָרשטעלן, אַז זײ זענען גע־װען האַרט, װי שטײן, װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן נדבות, אָבער אײנמאָל אין זײער לעבן האָבן זײ זיך דערהײבן — און זײער צדקה איז געװען אַ גרױסאַרטיקער זשעסט.

„און מײנט נישט, אַז די צדקה פון די אַמעריקאַנער גבירים באַשרענקט זיך בלױז אױף אַמעריקע. װער האַלט עס אױס די אומ־צײליקע פּראָטעסטאַנטישע מיסיעס אין דעם װײטן מזרח? אױף װעמעס מיטלען לעבן די אַמעריקאַנישע קאָלעדזשעס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין בײרוט, אין כינע? װער שטיצט דעם „ניר־איסט רעליף”? אָדער— אַפילו נאַציאָנאַל גערעדט: איז נישט ליטע, די רעפּובליק ליטע, אַ קעסטקינד פון די אַמעריקאַנער ליטװינער? און װען אירלאַנד קומט, דורך װעמען זי זאָל נישט זײן פאַרטרעטן, צי דאָס איז דע װאַלערא,

צי דאָס איז דער עמיסאַר פון דעם „פּריסטייט" — געפינט זי נישט קיין עכאָ, פירט זי נישט אַרויס די סומע, וואָס זי פאַרלאַנגט?

„און איצט — אַנטקעגן דעם אומגעהויערן ציפער־מאַטעריאַל, די יידישע צדקה־לעגענדע. וואָס גיבן סוף כל סוף די אַמעריקאַנישע יידן? אין ניו־יאָרק מאַכט די „פעדעריישאָן אָוו טשאַריטיס" (1926) פיר מיליאָן צוויי הונדערט אַכט און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. אויסגע־געבן האָט זי אומגעפער פיר און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר; איר דע־פיציט איז צוויי הונדערט צוויי און זיבעציק טויזנט דאָלאַר. וואָס קאָסט דעם אַמעריקאַנישן יידנטום אָפּ דער יידישער כלל? ווען מיר באַ־שרענקען אונדז אויף ניו־יאָרק — און סוף כל סוף איז דאָך דאָס דער צענטער פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע און פון דער יידישער עשירות — קענען מיר רעכענען, אויב גאָר אַ גוזמא — זיבן ביז אַכט מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר, און דאָס נעמט שוין אַריין פּאַלעסטינע און רוסלאַנד, און אַלע מעגלעכע יידיש־געזעלשאַפטלעכע נישט ריין רע־ליגיעזע אינסטיטוציעס.

„איך וויל נישט גיין איבער יידישע קעשענעס, ציילן יידישע מאַיאָנטקעס, אָבער ווען מען קוקט זיך איין אין די ציפערן פון די הכנסות (לויט דעם „אינקאָם טעקס"), קען מען געווינען אַ גאַנץ אָפּ־טימיסטישע פאָרשטעלונג וועגן דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון די אַמעריקאַנער און בפרט די ניו־יאָרקער יידן.

„צווישן די, וואָס צאָלן „אינקאָם טעקס" אויף פּערזענלעכער הכנסה מער פון הונדערט טויזנט דאָלאַר, געפינען מיר צוויי־דריי יידן, וואָס צאָלן דריי הונדערט טויזנט, עטלעכע צו צוויי און אַ האַלב און צוויי הונדערט טויזנט, און די, וואָס צאָלן הונדערט טויזנט, זענען דאָ מער ווי אַ מנין.

„געוויס, דאָ און דאָרט, אַמאָל אין אַ יובל, הערן מיר פון אַ גרעסערער „נדבה" — די העכסטע און דאָס אויך, דאַכט זיך, כמעט די איינציקע — אַ מיליאָן. אָבער מיר האָבן נישט געהערט פון יידישע מאַגנאַטן, וואָס זאָלן איבערלאָזן, ווי קאַרנעגי, ווי ליבי, ווי אַנדערע אַמעריקאַנער גבירים, צענדליקער מיליאָנען פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן צוועק. מיר האָבן עפּעס נישט געהערט, אַז איינער זאָל אוועקשענ־קען — אין אַ צוואה — מיליאָנען פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אָדער בכלל פאַר אַ יידישן אויפבוי, פאַר אַ גרויסן יידישן צוועק.

„אייראָפּע האָט אַרויסגעבראַכט אַ סער מאַנטעפיאָרע, באַראָן

ראָטשילד און באַראָן הירש – געבּער מיט גרויסע פאַרנעמען, ברייטזשעסטיקע, היסטאָריש-געוואָרענע. דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט צו דעם באַגריף צדקה אַלס אַ סאָציאַלן חוב. דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום איז דערווייל נאָך געבּליבּן שטיין בּיי דער שוועל פון נדבה, און פון איר איז זי שוין אויך מיד געוואָרן.״

מיין פריינט האָט פאַרענדיקט זיין איראָנישן ענטפער אויף מיין גאַנץ אומשולדיק-נאַיִוון ענטוזיאַזם און מיטגעפיל מיט דעם אָרעמען, אויסגעזויגטן אַמעריקאַניש-יידישן גביר. „מילא, וואָס קען איך טאָן אנטקעגן סטאַטיסטיק? צאָלן זענען תמיד די שטאַרקסטע כּלי-זיין! אָבּער זיי וויינען דאָך פאָרט, די רייכע יידן! זיי קלאָגן זיך, אַז מען רייסט פון זיי די הויט, אַז זיי קענען שוין נישט מער! עפּעס מוז דאָך זיין אין דעם!״

„געוויס! אָבּער איר קענט דאָך די אַלטע געשיכטע פון דעם יידן, וואָס האָט זיך געקלאָגט אויף זיין ווייבּ. „עס איז אַן אומגליק מיט איר,–טענהט ער און זיפצט בּיטער,–די יידענע מיינע. זי דערגייט מיר די יאָרן. יעדן טאָג מאָנט זי געלט – נאָר געלט און געלט״. – „נו, און וואָס-זשע טוט איר?״ – „מילא העלפט גאָט, בּין איך אַ שלעכטער און גיבּ נישט; אָבּער ווען איך וואָלט געווען אַ גוטער?...״

און מיין פריינט האָט געשמייכלט.

# שפּיץ-מעסער-יידנטום.

אַ געוואַלטיקע זאַך — די טעכניק פון אַמעריקע. יעדן טאָג נייע וווּנדער. דאָס, וואָס האָט זיך נעכטן אויסגעוויזן אוממעגלעך, איז היינט שוין כמעט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. זיי זיצן אין די לאַבאָראַטאָריעס, באַצאָלטע אינזשעניערן, טעכניקער מיט אָפּט גאונישע פעיִקייטן, און טראַכטן און ברעכן זיך די קעפּ און רעכענען, עקספּערימענטירן — פאַר דער „טובה פון דער מענטשהייט", און דער עיקר, פאַר דער קעשענע פון די באַלעבאַטים.

די ליבע צו טעכניק און דערפינדונגען איז אַזוי שטאַרק געוואקסן, אַז זי איז געוואָרן אַ נייער קולט, אַ קונסט פאַר קונסטוועגן. דערפינדונגען גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, אָן שום פּראַקטישן נוצן, בלויז פאַר טשעקאַוועקייט.

מיר געדענקען נאָך אַלע די באַרימטע „שרייבער-קונץ"—סופרים וואָס האָבן באַוויזן אָנצעשרייבן גאַנצע פּרשות אויף אַ קליין שטיקל פּאַרמעט אָדער גאָר אויף אַ קעפּל פון אַ שפּילקע. עס איז געווען ממש אַ רחמנות אויף די יידן. אַזויפיל מי אַוועקגעלייגט, אַזויפיל יאָרן געאַרבעט, שיעור נישט בלינד געוואָרן — און אַלץ צוליב וואָס? מען האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קאַליגראַפישן קונסט-ווערק, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מער נישט. וואָרים ווער דאַרף עס האָבן די תורה אויף אַ שפּילקע-קעפּל? ווער וועט זי קענען לייענען?

קומען איצט אַמעריקאַנישע טעכניקער, געניאַלע קאַליגראַפן, קונציקע סופרים און באַווייזן נאָך אַ גרעסערן וווּנדער: זיי האָבן אָנגעשריבן נישט בלויז די תורה, נישט נאָר די פינף ספרים, נאָר

ראָס גאַנצע יידנטום, מיט זיין גאַנצער פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע און עטיק – אויף דעם שפּיץ פון אַ מעסער. נישט מער.

און די נעמען פון די סופרים זענען – עס איז ווערט צו פאַר־שרייבן זיי אויף דורות: ל. ק. פרענקל, אַדאָלף אָקס, הענרי מאָר־גענטוי און פאַגעלשטיין.

אין אַ „סטייטמענט" פון קנאַפּע צוויי הונדערט ווערטער – אָפּ־געדרוקט אין דער „טיימס" – האָבן די פיר סופרים „רעזומירט" דאָס גאַנצע יידנטום, רעליגיעז, עטיש און – אַמעריקאַניש. אַלצדינג דאָרט דאָ – „שותפים להקדוש ברוך הוא"–הייליקייט פון דעם לעבן, תורה מסיני, נביאים, משיחס צייטן, „שכר ועונש": („הגם מיר ווייסן נישט וואָס עס וועט זיין נאָכן טויט, זענען מיר אַבסאָלוט זיכער, אַז אונדער לעבן, זיין קאַמף און ליידן און פאַרפאָלגונגען וועלן באַהאַנדלט ווערן פון גאָט אויף זיין אייגענעם אופן, מיט גערעכטיקייט").

ד. ה. אַזוי פּשוט און קלאָר איז דאָס נישט, ווי איך מאָל דאָ אויס. די פיר סופרים – אָדער זאָל איך זיי אָנרופן: די לעצטע נביאים? – זאָגן נישט בפירוש, אַז זיי גלויבן אין השארת הנפש, אָדער אין עולם-הבא א. אַז. וו. זיי זאָגן אויך נישט, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן צו משה רבינו אויפן באַרג סיני – מיט דונערן און בליצן, און אַז משיח וועט קומען – אַזוי ווי ער דאַרף קומען, כדי אויסצולייזן צוערשט דאָס פאָלק ישראל און דערנאָך–כמו שנאמר, ווי אין פּסוק שטייט.

אַזוי קלאָר איז זי נישט די „טעאָלאָגיאַ אַמעריקאַנאַ", די נייע לוחות, וואָס שיינען איצט פאַר „איזראעל", אָט דאָס רעפאָרמירטע יידנטום, וואָס איז, ווי ראַביי דזשאָנאַ ב. ווייז דריקט זיך אויס אַזוי פּאָעטיש – „נישט מער אַן עקספּערימענט, נאָך דער אַוואַנגאַרד פון דעם יידנטום אין דער גאַנצער וועלט", ד. ה. אונדזער נייער כלי-זיין.

מען דאַרף זיך אָנשטויסן, מען מוז ערשט שרייבן אַ פּירוש צו יעדן וואָרט, פּילפּלען זיך איבער דער אמתער כוונה פון די פיר געזעצגעבער און בעלי העיקרים.

איינס איז אָבער אַזוי באַשיינפּערלעך: די געוואַלדיקע ענוות פון די אַמעריקאַנער רביים. זיי זענען ממש ל"וניקעס. באַהאַלטן זיך, טרעטן אָפּ דעם וועג פאַר אַנדערע. עס איז, דוכט זיך, אַ פראַגע פון „עיקרים", פון רעליגיעזע, טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. ווער איז דען מער מומחה דערויף, ווי אַ ראַביי? וואָס דען ווייסט ער, אויב נישט

אַ ביסל טעאָלאָגיע? וואָס דען האָט ער געלערנט? און וואָס איז זיין עובדא בכלל? תּורה קען ער דאָך נישט, קיין שאלות פּסקנט ער נישט, קיין דין-תּורה פרעגט מען ביי אים נישט — עפּעס מוז ער דאָך טאָן אַ גאַנצע וואָך — פון איין „סוירמאָן" ביז אַ צווייטן — און דאָס „עפּעס" איז, על פּי שכל: טעאָלאָגיע.

אָבער ער איז אַן עניו. נישט ער, נישט דער „כּהן", דער „פּריסטער", דער באַלעבאָס האָט דאָס וואָרט. דער געשוואוירענער, דיפּלאָמירטער טעאָלאָג טרעט אָפּ דעם וועג פאַר דעם וועלטלעכן מענטשן, פאַר דעם „לאַיען" — ווי מען זאָגט אויף דייטש — אָדער דעם „עם הארץ", ווי מען וואָלט געזאָגט אין דער אַלטער שפּראַך.

אַ רירנדיקע סצענע. ממש ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען עזיה האָט געקעניגט איבער יהודה און ירבעם בן יואש איבער ישראל, צוויי יאָר פאַר דעם „ציטערן". אמציה איז געווען דער כּהן פון בית-אל, אָבער דער „חוזה", דער נביא, דער שטראָפער, דער טעאָלאָג און עיקרים-פּרעדיקער איז געווען עמוס, פון תקועה. און עמוס האָט געזאָגט צו דעם כּהן אמציה: „איך בין נישט קיין נביא און נישט אַ זון פון אַ נביא, איך גיי בלויז אַרום ביי רינדער און ביי סיקאַמאָרן", אַ סוחר, אַ פי-הענדלער, אַ פּרוכט-פּלאַנטאַטאָר — נישט מער. אָבער דאָס האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון זאָגן נביאות און נישט געשטערט דעם כּהן אמציה זיך צו רעכענען מיט אים, ווי מיט אַ נביא. און אויב האַנדלען מיט פי און מיט פּרוכט — פאַרוואָס נישט מיט „ריעל-עסטייט" — פאַרוואָס זאָל נישט מר. פרענקל, וואָס איז אַ פאַרזיכערונגס-ספּעציאַליסט, נישט וועלן פאַרזיכערן דעם כּלל ישראל— און דורך אים די גאַנצע וועלט — נישט אויסשטעלן דעם גאַנצן יידנטום אַ „פּאָליסי"? און פאַרוואָס זאָל מר. מאָרגענטוי, וואָס איז אַזאַ געוואַלדיקער דיפּלאָמאַט, אַ וועלט-פּאָליטיקער, וואָס איז זוכה געווען צו זיין ווילסאָנס אַ פּריינט און איז דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיט אַ טערקישער געזאַנדטשאַפט—פאַרוואָס זאָל מר. מאָרגענטוי, דער בראָנסקער — נישט זיין אויך קיין „מחוקק" ביי יידן?

און ווער רעדט פון מר. אַדאָלף אָקס? נישט עמוס און נישט הושע און נישט אפילו ישעיה אַליין האָבן געהאַט אַזאַ טריבונע! ווו האָבן זיי גערעדט? פון ערגעץ הינטער אַ בוים אין דער קליינער, אָרעמער יהודה, אָדער אויף אַ הינטערגעסל אין ירושלים. ווער האָט זיך צו זיי צוגעהערט? עטלעכע באָרוועסע האַלב-בעדואינער, אומצו-

פרידענע, אָרעמע, ראַדיקאַלן, רעוואָלוציאָנערן, פאַנאַטיקער. מר. אָקס אָבער רעדט פון דער הויך פון דער פיל־גאָרנדיקער „טיימס־בילדינג״ צו דער אינטעליגענץ״ פון אַמעריקע, ד. ה. צו אַלע אַקציאָנערן פון די גרויסע פינאַנץ־אינסטיטוטן, צו באַנק־דירעקטאָרן, צו ריעל־עסטייט־שפּעקולאַנטן, צו סוחרים, גוטשטייענדיקע, ביי דאָן פאַרצייכנטע „ביזנעסלייט״.

און דער פּערטער מר. פאָגעלשטיין — איך ווייס נישט אַקוראַט ווער ער איז און מיט וואָס ער האַנדלט, און איך פויל זיך אַריינצוקוקן אין די נייטיקע „הו איז הו״. אָבער אין איינס בין איך זיכער, אַז מר. פאָגעלשטיין איז אַ דייטשער ייד און אַז ער האַנדלט מיט עפּעס — מיט רינדער אָדער מיט סיקאָמאָרן אָדער מיט הייזער — וואָס איז די נפקא־מינה, אַבי ער האַנדלט, און דאָס איז גענוג אויטאָריטעט צו ווערן דער נייער עמוס פון דעם פאָלק ישראל און פון אַמעריקע.

איך וויל נישט אַריינגיין טיפער אין דעם אַנאַליז פון אָט די נייע „עיקרים״. עס קאָן זיין, ווען טעאָלאָגן, פילאָזאָפן, געלערנטע — אפילו ווען זיי וואָלטן בלויז געווען אמציהס — ווען זיי וואָלטן אונדז געבראַכט די נייע לוחות—וואָלט עס כדאי געווען זיך אַריינצוגריבלען אין זיי, אויסגעפינען זייער זין, זייער כוונה, קריטיקירן, פאַרגלייכן, דיספּוטירן, מחמת עס איז זייער אַן ערנסטער ענין — יידנטום. וואָס איז זיין פונקציע אין דעם היינטיקן יידישן לעבן, ווו איז זיין אינהאַלט? עס איז נישט קיין ספק, די צייט איז רייף געוואָרן פאַר אַ רעוויזיע. אויבערפלעכלעכע מענטשן רעדן אַלץ פון אַ רעוויזיע פון דעם יידנטום — מיינענדיק, אַז אונדזער גאַנצער חוב איז אַריינצונעמען דעם גרינדער פון דעם קריסטנטום אין בית־המדרש, און אָנרופן אים רבי ישוע, און זיי גלויבן בתמימות, אַז דאָס איז אַן ענטפער. זיי פאַרשטייען גאָרנישט, אַז דאָס איז אַ פולשטענדיקע רעוואָלוציע פון דעם יידנטום — און נישט בלויז נאָך אַ פראַזע פאַר אַ דרשה אין אַ זונטיק־שול.

נישט דאָס איז דער פּראָבלעם. נישט קיין מעכאַנישע צולייגונג פון נאָך אַ נאָמען צו די טויזנטער נעמען, וואָס מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אין אונדזער היסטאָרישן זכרון. דער פּראָבלעם איז — דאָס יידנטום אַליין, זיינע גרענעצן, זיינע פּרינציפּן, זיין טעאָלאָגיע און זיין פילאָזאָפיע.

פילאָזאָפיע און נישט קיין עטיק. טעאָלאָגיע און נישט קיין וואַסערדיקע מאָראַל. שמאי איז גערעכט און נישט הלל — שמאי איז געווען טיפער פון זיין גוטן, מילדן, אָבער, ווייזט אויס, מער ברייט־האַרציקן, ווי טיף-מוחדיקן חבר און קאָנקורענט הלל. „ליב האָבן דעם צווייטן", „טאָן גוטס", „זיין גערעכט" א. אַז. וו. — עס איז אַלצדינג גאַנץ גוט, גאַנץ שיין, אָבער דאָס איז נישט רעליגיע, און ווייניקער פון אַלץ — יידנטום.

רעליגיע מוז האָבן אַ סאַנקציע — אָדער זי איז גאָרנישט. „זיי גוט" — פאַרוואָס? דער עטיקער באַגרינדעט, און וויל מען, פאָלגט מען אים, וויל מען נישט — גייט מען זיך דעם אייגענעם וועג. דער מענטש וויל וויסן: וואָס וויל מען פון מיר? פאַרוואָס דאַרף ער זיין גוט, און וואָס זענען די גרענעצן פון מאָראַל?

זאָגט די רעליגיע: איך הייס. איך באַפעל אין זיין נאָמען, אין דעם נאָמען פון גאָט. „און ווייס, מענטש, וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר". דער מענטש הערט — און ציטערט, אויב ער גלויבט.

דאָס איז דער עצם פון יעדער רעליגיע, און בפרט פון דער יידישער. נישט די מאָראַל — די סאַנקציע איז דער עיקר. אין דער מאָראַל זענען דאָך אַלע רעליגיעס און אַלע עטישע סיסטעמען און אַלע געזעצגעבונגען גלייך. איז שוין דען געווען ערגעץ ווו אַן עטיק־פון שלעכטס? דער איינציקער רעליגיעז-עטישער סיסטעם פון שלעכטס איז געווען — אויב איך האָב נישט קיין טעות — דער סיסטעם פון „האַקים", דעם גרינדער פון דער דרוזן-רעליגיע. און אויך דאָס איז געווען — שלעכטס צוליב גוטס.

די פרינציפּן פון עטיק זענען גלייך — ווייל זיי זענען דער אויסדרוק פון יעדן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפט-לעבן. אומגלייך, אינדיווי־דועל-פאַרשידן זענען די צוגאַנגען צו דער עטיק, זענען די הנחות, די פילאָזאָפישע און די טעאָלאָגישע. אַנדערש איז די טעאָלאָגיע פון דעם יידנטום און אַנדערש פון דעם קריסטנטום אָדער בודיזם, אָדער איסלאַם.

אַן אַנדער שיטה, אַן אַנדער וועלט-צוגאַנג. מען קאָן נישט „אויסגלייכן" קיין רעליגיעזע סיסטעמען, מען קאָן זיי אויך נישט פאַרשמעלצן. אָבער אויך נישט פאַרוואַסערן. און נעמט מען אַוועק די זיילן, ציט מען אַרויס פון אונטער איר די סאַנקציעס — פאַלן זיי

אום, און עס ווערט אַ חלל. און עס הייבט זיך אויף די פראַגע: „צוליב וואָס רעליגיע?"

האַראַס מ. קאַלען, דער פיינער יידיש-אַמעריקאַנישער דענקער, האָט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אַוועקגעשטעלט די פראַגע אין זיין בוך „פאַרוואָס רעליגיע", און דאָרט שטעלט ער אַ וויכטיקע הנחה: רעליגיע קאָן נאָר עקזיסטירן, אַלס אַ קולטור און געזעלשאַפטס-אָרגאַניזם, בלויז ווען זי איז „אינסטיטוציאָנאַליזירט" — ד. ה. ווען זי האָט איר ריטואַל, אירע אינסטיטוציעס, פּריסטער, מלבושים, סימבאָלן א. אַז. וו.

ער האָט בלויז נאָך פאַרגעסן צוצוגעבן איינס—איר פילאָזאָפיע, איר שיטה. אָן דער פילאָזאָפישער אַרומנעמונג פון דער וועלט — קאָן אַ רעליגיע זיך נישט האַלטן. דאָס האָבן פאַרשטאַנען אונדזערע אַלטע דענקער — פון סעדיה גאון ביז צום רמב"ם און ווייטער — ביז הערמאַן כהן. דאָס האָבן געוווּסט די קאַטוילישע דענקער פון באָנאַווענטוראָ ביז טאָמאַס פון אַקווינאַס — און ביז צו די ניי-קאַטוילישע פילאָזאָפן, וואָס ווערן דערצויגן אין די בעלגישע און אין פראַנצויזישע קאַטוילישע אוניווערזיטעטן.

אָן אַ וועלטאַנשויונג — נישטאָ קיין רעליגיע. וואָרים — אויב בלויז עטיק — צו וואָס דער גאַנצער קלאַפּערגעצייג פון ריטואַל און בינדנדיקע פליכטן, און וואָס פאַר אַ ווערט און אַ זין האָבן די מענטשן, וואָס טוען זיך אָן אין באַשטימטע טעג דעם קאָלנער פאַרקערט, אָדער אַ ברייטן מאַנטל מיט לאַנגע אַרבל, און גייען אַרויף אויף אַ ט ר י ב ו נ ע און זאָגן מיט מליצה און מיט אַ האַלב-קאָמישן יום-טובדיקן טאָן — באַנאַליטעטן? אויב נישט קיין גלויבן, אַז דאָ ווערן פאַרענטפערט די וועלטפראַגן — ווי איז די באַרעכטיקונג פון דעמדאָזיקן גאַנצן אָנשטעל?

און אָט ווו די יידישע קריטיק דאַרף אָנהייבן. ביים גרונט, ביי די יסודות, און נישט שרעקן זיך.

ווייל—בעסער דער ביטערסטער אמת, ווי פּוסטע פראַזן. בעסער ליידיק, ווי אָנגעפּילט מיט שוים. און איז דאָס נישט קיין שוים, ווען פיר סוחרים, „בוקרים ובולסי שקמים", ווי עמוס האָט געזאָגט פון זיך, ווען פיר קאָנסערוואַטיווע, געלט-פאַרגעטערנדיקע, מיט אַלעמען צופרידענע, אויסגעליידיקטע פון פאַטאָס, וואָכעדיקע מענטשן קומען צוגיין און רעדן פון דער „מיסיע פון איזראַעל". ווי קומט מר. מאָרגענטוי אָדער פרענקעל צו רעדן פון דער „מיסיע"? פונוואַנען ווייסן

זיי, וואָס דידאַזיקע מיסיע איז? און מיט וואָס באַווייזט עס אָט דער „איזראַעל", וואָס זיי רעפּרעזענטירן, אַז עס איז באמת פאַראַן אַזאַ מיסיע?

איך קוק זיך אַרום אין דער יידישער וועלט — און זע עפּעס נישט קיין „מיסיע-טרעגער". וואָס טוט דער באַנקיר אין בערלין, פּאַריז און ניו-יאָרק פאַר דער „דערליייזונג פון דער וועלט"? וואָס איז זיין סאָציאַלע, וואָס איז זיין מאָראַלישע פונקציע?

איך ווייס — ווען מען רעדט פון מאַרקס אָדער לאַסאַלס „מיסיע", ווען מען פאַרשטייט די אויפגאַבע פון דעם יידנטום אין דעם זין פון משה העס — אידעאַליסטישן סאָציאַליזם — האָט עס אפשר נאָך אַ זין, האָט עס ווייניקסטנס נאָך אַ מיין. אָבער די הערן אָקס, מאָר-געגנטוי און די אַנדערע פאַרלייקענען דאָך אי מאַרקסן אי זיין שיטה. זיי זענען צעפרידן מיט דער וועלט ווי זי איז, זיי נעמען אָן די וועלט ווי זי פירט זיך, זיי ווילן גאָרנישט קיין ראַדיקאַלע איבערברוכן. אַ ביסעלע מער יושר — „צו קריסטמעס" — אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר פאַר די „נויטליידנדיקע", אַמאָל אַ נדבה, אַ האָספּיטאַל — און כדומה.

איז דאָס די יידישע „מיסיע"? און מיט וואָס איז זי העכער פון דער מיסיע פון אַלע אַנדערע, ווייניקער, „פאַרפליכטעטע" און „געהייליקטע" פעלקער?

אָבער — עט, צו וואָס זיך חקירהן, צו וואָס פרעגן!

פיר סוחרים האָבן אָנגעטאָן עמוסעס און הושעס האָרענע מאַנטלען און האָבן זיך געשטעלט נביאות זאָגן. און מיר ווייסן דאָך, צו וועמען די נביאות איז איבערגעגעבן געוואָרן — פון זינט דעם חורבן!

אָבער פאָרט — אַלע אַכטונג, אַלע מיינע קאָמפּלימענטן פאַר דער קונץ: דאָס גאַנצע יידנטום אויף אַ שפּיץ מעסער! דאָס איז אמתע אַמעריקאַנישע טעכניק.

אמת — עס קלעקט טאַקע אויף אַ שפּיץ צונג — אָבער וויפל דאַרף מען האָבן זאָלץ? יידנטום עסט מען דאָך נישט — מען „פּראַוועט" בלויז צו. און פאַר דעם ניי-אַמעריקאַנישן געשמאַק איז דאָס גענוג. מן הסתם.

# אויף די גלייכע ווענט.

דריי אײרישע זענען געקומען צו אונדז קיין ניו-יאָרק. איינער אַ שטאַטסמאַן, וואָס היט אָפּ דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט. אַ צווייטער, אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס מאַכט פּאָליטיק אויף דעם שטייגער פון „הויכע מאַטעמאַטיקער" מיט „אימאַזשינערע" גרויסן, ד. ה. מיט צאָלן, וואָס עקזיסטירן גאָרנישט, וואָס מען קען זיך בלויז „דענקען". און דער דריטער — אַ פּאָעט.

דער ערשטער — קאָסגרייוו, דער „פּרעזידענט פון דעם אײרישן פרײַשטאַט" — אַ צופרידענער. און מהיכי-תיתי. און ער גייט אונדז ווייטער נישט אָן.

דער צווייטער — דע וואַלערא, אַן אומצופרידענער — און ער אַרט אונדז אויך זייער ווייניק. ווען מען איז עס אַזוי וויכטיק, אויב אירלאַנד וועט בלייבן פאַרבונדן מיט דער בריטישער אימפּעריע אָדער ווערן „זעלבסטשטענדיק"? אַ גליק האָט געטראָפן. דער וועלט, וואָס אונגאַרן אָדער ליטע זענען פרײַ און זעלבסטשטענדיק. הלוואי וואָלטן ליטע און אונגאַרן אויך געווען ווייניקער „סוווערן", קאָנצענטרירט פון אַ העכערער איינהייט, פון אַ קולטורעלער מאַכט.

אָבער דער דריטער — דער דריטער איז איינער, וואָס ברענגט מיט זיך מער ווי פּאָליטיק. הגם ער איז אויך, אויף זיין אופן, אַ פּאָליטיקער; מער ווי ליטעראַטור, ער, וואָס איז אַ באַרימטער דיכטער, איינער פון די פיינסטע קריטיקער און עסייאיסטן; און אפילו מער ווי קונסט — ער, וואָס איז אויך אַ מאָלער.

ער ברענגט מיט זיך — אַ שמייכל צו אַלעמען און איבער אַלצדינג. ער ברענגט מיט זיך אַן אָטעם פון הויכן און פון אייביקייט — ער, דער פּאָעט, וואָס הייסט מיט זיין בירגערלעכן נאָמען

דזשאָרדזש וו. ראָסעל און האָט אַ רויטלעכע באָרד און האַלט פאַרטראַגן וועגן איירישער ליטעראַטור און דערציילט אַנעקדאָטן וועגן בערנאַרד שאָו און די דיכטער פון איירישן און גאַלישן רענעסאַנס. אָבער אין אמתן איז ער אַ געהיימנישפולער דיכטער מיט דעם מערקווירדיקן פסעוודאָנים „ע. י.״ — אַן אָפקירצונג פון דעם גריכישן וואָרט „עיאָן״, וואָס מיינט: אייביקייט.

דריי מענטשן זענען געקומען — און פון איינעם איז אַ וואָרט געבליבן. און דאָס וואָרט פון דעם דיכטער, דאָס וואָרט פון דעם, וואָס האָט אָנגעשריבן „דאָס ליכט פון וויזיע״ — איז מיר געבליבן אין זכרון, גייט מיר נאָך, צווינגט מיך נאָכאַמאָל — קלעטערן אויף די גלייכע ווענט.

איך ווייס — עס איז דער גרינגסטער וועג, ווען מען וויל „איבערראַשן״. באַלד זאַמלט זיך אַרום דיר אַן עולם, מען קוקט צו. וואָס וויל ער? צו וואָס דאַרף ער עס? וועט ער ברעכן האַלדז און נאַקן?

און מען שטייט און מען קוקט אויף דעם אַקראָבאַטן-קונץ.

איך ווייס — עס איז אויך דער גרינגסטער וועג נמאס צו ווערן. עס איז איינמאָל אַ חכמה און ראָס צווייטע; אָבער כאַפּסטו איבער די מאָס, עסטו זיך איין. „עט, שוין ווידער קריכט ער אויף די גלייכע ווענט, דער קונצנמאַכער?!״

און וואָס איז דאָס, אַט דאָס שטענדיקע קלאָגן זיך און מאָנען און פאָדערן פון מענטשן, און דער שטענדיק געהייבענער טאָן, — און אַפילו ווען ער פאַרדעקט זיך אונטער דעם מאַנטל פון איראָניע, איז עס דאָך פּאַטאָס און הויך-טראַגישקייט, וואָס שעמט זיך פאַר זיך אַליין, — וואָס איז דאָס, פרעג איך זיך אַליין, אויב נישט „קריכן אויף די גלייכע ווענט״?!

און איך האָב שיעור נישט געגעבן זיך אַ נדר: גענוג ווענט-קריכעריי, אויס מקונן-באַציונג. דו ווייסט דאָך אַליין, אַז עס וועט נישט העלפן. קיינער איז נישט מער ווי ער איז און גיט נישט מער ווי ער האָט. און וואָס פאַר אַ זין האָט צו פאָדערן, למשל, פון יידן, אונדזערע זעכציק-אויף-אַ-שאָקיקע, געוויינלעכע, נישט-באַגנאָדעטע, נישט-באַשאָנקענע יידן, פון די אַלע, וואָס האָבן זיך מיט אַזויפיל מי און נויט דערלעבט צו אַ ביסל וווילטיק, וואָס פילן נאָך אין זייערע ביינער דעם טעם פון אַמאָליקע שווערע ליידן, ביטערן

קאַמף פאַר פרנסה און אַ ביסל מענטשן-רעכט, וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו קומען צו זיי מיט טענות: פאַרוואָס זענט איר נישט קיין איבער-יידן, איבער-מענטשן אָדער אפילו גלאַט קולטור-יידן און מענטשן, ווי די יידישע וויזיאָנערן פון אַמאָל האָבן זיך אויסגעמאָלט „דאָס פאָלק ישראל״?

אָבער אָט קומט דער אירלענדער מיט דער רויטער באָרד און דעם מיסטישן נאָמען און שיט זאַלץ אויף די ווונדן — און זאָגט אונדז אין זיין גאַנצער פּאַטעטישער תמימות:

„הינטער יעדן אויפטו, פאַר יעדער שאַפונג פון איירישן פאָלק איז געווען אַ פּאָעט.״

אַ פּאָעט האָט פאַרטראַכט, דאָס פאָלק האָט עס אויסגעפירט. דער פּאָעט האָט באַפרוכטפּט די געשיכטע פון זיין פאָלק.

איך ווייס נישט, ווי ווייט עס איז אמת, און אויב עס איז פונקט אַזוי שיין און גרויסאַרטיק ווי „ע. י.״ מאָלט עס אונדז אויס. אָבער עס איז פאַר מיר גענוג, וואָס ער האָט עס געקענט זאָגן, וואָס ער האָט עס אַזוי געקענט זען.

מחמת „זיין״ איז „געזען ווערן״, געפילט ווערן. און ווען אַן איריש אויג קען זען די געשיכטע פון ניי-אירלאַנד אַזוי פּאָעטיש-שעפעריש, הייסט עס, אַז עס איז מעגלעך אויך אַזאַ צוגאַנג צו אירלאַנד.

זיי האָבן זי גערופן — די דיכטער און מיסטיקער און קלאָגער פון אירלאַנד — די „אינדזל פון די הייליקע״. אַ פּאַראַדאָקס — אויפן ערשטן קוק. „דזשים דער פּאָליסמאַן״ און טשאַרלי מוירפי פון טע-מעני האָל, סאָליוואַן און אָ׳קיעף, די אָברייענס און די קייסיס — הייליקע! אויב דאָס הייסט הייליק, וואָס איז שוין — פשוט, וואָכעדיק, אומהייליק? עפּעס גלויבט זיך זייער ווייניק אין דער קדושה פון דער „גרינער אינדזל״. און שאָו איז געווען זיכער זייער געדעכט, ווען ער האָט מבטל געווען מיט זיין ביטערן סאַרקאַזם, מיט זיין שאַרפן רעאַליזם דידאַזיקע אַלטע, נאַיווע פּרעטענזיעס פון דער איירישער אינטעליגענץ.

אָבער ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי ליגט מען. און וואָס פאַר אַ ליד עס פאַרוויגט דאָס קינד, אַזוי חלומט עס. אַלצדינג בינדט און פאַרפליכט, אַפילו אַ פראַזע, אַפילו אַן איינרעדעניש. די איירישע פּאָעטן האָבן דערהייבן זייער לאַנד און זייער פאָלק צו דער מדרגה

פון „קדושה", און די פאַנטאַזיע איז געווען אַ פאָדערונג און די פאָדערונג אַ באַפרוכטונג.

און אָט שטייען מיר — די יידישע אינטעליגענץ אויך מיט אַ טראַדיציע, אויך מיט אַ לעגענדע — עלטער ווי די איירישע און שטאַרקער, — אַ לעגענדע מיט אַ וועלט־פּאַפּקלאַנג און אַ ווייטער, ברייטער עכאָ.

זענען זיי דאָרט דאָס פאָלק פון דער „הייליקער אינדזל", זענען מיר — אַזוי האָבן מיר צוויי טויזנט יאָר זיך איינגערעדט — דאָס „הייליקע פאָלק", דאָס פאָלק פון דעם ספר, פון דעם גייסט, פון דעם וואָרט, דאָס פאָלק, וואָס איז דער פּראָדוקט פון גייסטיקייט, דאָס פאָלק — נאָר צו האָט ווייטער פירן די שבחים, וואָס מיר אַליין האָבן אויף זיך אָנגעשאָטן — און זיך צוגעדעקט ווי מיט אַ באַרג פון דימענטן?

און מיר האָבן זיך אַליין ביי יעדער געלעגנהייט צוגעשטעלט דעם וועקסל: „עס איז נישט יידיש", „אַזוי פירט זיך נישט ביי יידן", „לא יעשה כן בישראל"! און תמיד און אָן אויפהער — „אתם קרואים אדם" — איר, און איר אַליין, זענט מענטשן, ד. ה. די מענטשן, אויב נישט דער „אדם השלם" — דער פולקאָמענער, דער אידעאַלער, אָדער, לפּחות, דער פּרוזדור צו אים, דער נאָענטסטער וועג צו פולקאָמענהייט. און — אין יעדן פון אונדז האָט דער געדאַנק ערגעץ־וווּ געלעבט.

אין אַזאַ געשטאַלט אָדער אין אַן אַנדערער — דער משיח־געדאַנק. מיר זענען עס די באַרופענע אַראָפּצובריינגען משיחן פאַר אונדז, פאַר דער וועלט.

פון דעם „זרע אברהם" מוז עס קומען די גאולה, דאָס איז געווען אונדזער מיטאָלאָגיע.

און אָט איז — די ווירקלעכקייט. זי שטייט און וואַרט. עס וואַרט די וועלט אויף די יידישע הבטחות. גערעדט, געקלאָגט זיך: מען לאָזט אונדז נישט זיך צו באַווייזן. מען לאָזט שוין: וואָס באַווייזן מיר? אין אַמעריקע אַ ישוב. אַ געוואַלטיקער. זעקס, זיבן מאָל אַזויפיל, ווי די „יוצאי מצרים" — און וואָס? ווו איז דער יידישער איינפלוס, ווו איז דאָס לאַנג־צוגעזאָגטע וואָרט? איז עס אויר־ווינג בערלין, זענען עס די טעאַטער־שפּעקולאַנטן, די הענדלער מיט מויערן, די געלט־יאָגער, די יידישע אַלטע קבצנים אָדער נייע גבירים?

וואָס טוען זיי דאָ אויף ? דער פרייהייט-געדאַנק ? געווען דאָ אַ וווּנדערבאַרער מענטש, נאַיוו, שטאַרק, מיט אַ קינדישן גלויבן — יודזשין דעבס, דער סאָציאַליסט. ער איז נישט געווען קיין ייִד. אָבער ייִדן זענען עס, וואָס פאַרדאַרבן דאָ דעם סאָציאַליזם, פאַרביליקן אים, וווּלגאַריזירן אים, מאַכן אים צו אַ פאָרוואַנט פאַר שונד און ערשטיק און צייטונג-רעקלאַמע.

קאָמוניזם ? עס זענען אַפילו דאָ אין אַמעריקע קאָמוניסטן, וואָס מיינען עס ערנסט, ערלעך, געקומען פון אַרבעטער-רייען, פון דער אַ. וו. וו., אַלטע קעמפער מיט נייע אילוזיעס. פאַלט אָבער דער קאָמוניזם אַריין אין ייִדישע הענט, און ער ווערט — חוצפּהדיק, פאַרנאַרישט, וווּלגאַר, פאַרשקלאַפט צו מאָסקווע, ד. ה. צו דעם, וואָס איז גראָד דער שטאַרקערער אין דעם מאָמענט — אין מאָסקווע. פאַרגלייכט די דייטשע קאָמוניסטישע פרעסע אין ניו-יאָרק מיט דער ייִדישער — און איר זעט: הינטער דעם דייטש שטייט אַ דענקער ; הינטער דעם ייִדן — דער מאַרק.

אויף וואָס פאַר אַ געביט האָבן זיך ייִדן דאָ באַוויזן ? וואָס שטייט הינטער דעם ייִדישן לעבן ?

אָדער — ווייטער אויף אַן אַנדער געביט. עס שטייט פאַר דעם ייִדנטום אַ וויזיע, און זי הייסט : ארץ-ישראל. אַ פאַרענדיקונג, אַן אָנהייב. מען דאַרף גאָרנישט זיין אַפילו קיין ציוניסט, ד. ה. נישט אָנערקענען די פירערשאַפט פון אַ געוויסער גרופּע מענטשן (וואָרים דאָס איז דאָך היינט דער אונטערשייד צווישן ציוניסטן און נישט-ציוניסטן, נישט מער) — כדי צו זען די פאַרכישופנדיקע שיינקייט פון דער אידעע. עס איז ריינע פּאָעזיע. משיחיזם אַריבערגעפירט פון דער פראַזע אין דער האַרטער ווירקלעכקייט. אַלע עלעמענטן פון אַ גרויסער באַוועגונג אין איר : לאָגיש און אומראַציאָנעל, פאַנטאַסטיש און פּראַקטיש, פערזענלעך — אַזוי ווייט ווי זי פאַרלאַנגט דעם קרבן פון דעם יחיד, דעם גאַנצן מענטשן — און קאָלעקטיוו : דער אויסדרוק פון אַ פאָלקסווילן, נאַציאָנאַל, און דערפאַר מיט דער היסטאָרישער אייגנאַרט און אוניווערסאַל — מיט אַ וועלט-היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

און זעט, וואָס ווערט פון דער באַוועגונג. ווי זי ווערט פון טאָג צו טאָג פּראָזאַישער, ווי זי פאַרלירט דעם צוזאַמענהאַנג מיט די וואָרצלען, ווי זי פאַרלירט דעם זאַפט — ווייל דאָס פאָלק, ווייל דאָס

פאָלק, דאָס באַרימטע, „אויסגעקליבענע" האָט צו איר נישט קיין שייכות, ווייל עס לעבט נישט אין און מיט איר.

און אַזוי, אַזוי ווערט די לעגענדע אַלץ מער פאַרבלאַסט. אַן אויפשריפט, אַ סימן, אַ רמז, און נישט מער.

* * *

דער איירישמאַן מיט דער רויטלעכער באָרד און דעם מיסטישן פּסעוודאָנים האָט מיך אויפגעטרייסלט. מיט קנאה פרעג איך: וואָס פאַר אַ פּאָעזיע, וואָס פאַר אַ גייסטיקן ווערט, וואָס פאַר אַ מיסטיש געפיל שטייט הינטער אונדזער לעבן, הינטער דעם געשיכטלעכן שאַפן און ווערן — אָדער פאַרגיין — פון דעם יידישן פאָלק?

און נאָכאַמאָל קלעטער איך אויף די גלייכע ווענט. און ווייס, אַז עס וועט נישט העלפן. און ווייס — אַז דידאָזיקע גאַנצע פרעגע־ריי און קלאָגערייַ איז שוין נמאס געוואָרן. אָבער ווער ווייסט — אפשר איז אין דער וואַנט פאָרט דאָ אַ פאַרבאָרגענער לייטער מיט טרעפ — אַרויף, אַראָפּ, צו דער הויך און דער טיף. ווענט, אַפילו גלייכע, קענען אויך האָבן סודות. און צום סוד גלוסט עס מיך.